STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00615

ZIKHROYNES FUN MAYN LEBN

Chaim Zhitlowsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Aaron Karasik
in memory of
his father, Elias Karasik

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. חיים זשיטלאָווסקי
געזאַמלטע שריפטן

דר. חיים זשיטלאָווסקי

זכרונות פון מיין לעבן

צווייטער באַנד

ארויסגעגעבן פון
דר. חיים זשיטלאָווסקי פאַרלאַג-קאָמיטעט
ניו-יאָרק

Copyright by
DR. CHAIM ZHITLOWSKY
New York, 1940

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York
255

אינהאלט
באַנד 2

אַריינפיר 7
די היים און מיין פאָטער 11
צווישן חדר און גימנאַזיע 13
מיינע ערשטע באַגעגענישן מיט ש. אַנ־סקין 18
צוריק אין דער היים 23
אַמאָל אין אַ קליין שטעטל 30
אויף דער וואָגשאָל צווישן אַסימילאַציע און פּאַלעסטינאָפילנטום........ 37
די געבורט פון מיין גלות־נאַציאָנאַליזם 44
מיין נייע וועלט 51
די גרויסע רוסישע ליבעראַלע גייסטער און זייער ווירקונג 58
די ערשטע שריט אין דער פאָרשונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע 65
וואָס טיילט אָפּ פעלקער איינע פון די אַנדערע ? 73
דער אָנהייב פון מיין „יידישיזם״ 80
אַ פעקעלע כתבים 88
מיין ערשטע באַציאונג צו די חובבי ציון 95
די קעגנערשאַפט צו דער „חיבת ציון״ 105
מיין פאַרליבטקייט אין יידיש 110
אויס „יעפים״, ווידער „חיים״ 117
איך ווער אַ דיכטער 124
דער סוף פון מיין „פּאָעטישער קאַריערע״ 131
נייע פריינט אין אונדזער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג 138

די „ניהיליסטן" און די אנדערע ראדיקאלן פון אלטן רוסלאנד 146
אויף די געהיימע וועגן פון ליבע און קאמף 153
ווי מיר האבן זיך פארגעשטעלט די צוקונפט פון רוסלאנד 159
דער קאמף צווישן פליעבאנאוון מיט דער „נאראדנאיא וואליא"............ 165
מיין רעוואלוציאנערער יידישער פראגראם 171
נאציאנאלע גלייכבארעכטיקונג און זעלבסטפארוואלטונג 177
דער אנווייב פון דעם רעוואלוציאנערן יידישן זשורנאל
„תשועת ישראל" 184
א באגעגעניש מיט דעם רעוואלוציאנער, וועלכער האט זיך באטייליקט
אינעם אנפאל אויף אלעקסאנדער דעם צווייטן 190
א וויכוח מיט מיין זיידן וועגן גלות און סאציאליזם 196
מיין זיידנס סאציאליזם פון די נביאים און פון תלמוד 202
מיין ערשטער קאמף מיט דער יידישער אסימילירטער
אינטעליגענציע 209
איך וויל פארן קיין פעטערבורג און פאר נאר קיין ריגע 216
א דעבאטע וועגן חיבת־ציון פארזיכערט מיין רייזע קיין פעטערבורג.... 222

אַריינפיר

די „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט" האָב איך אָנגעהויבן שרייבן ניט פון אַן אינעווייניקסטן „נשמה־דראַנג". ניט קוקנדיק אויף מיין היפש טיפער עלטער, האָב איך נאָך גאָר קיין ברעקל חשק ניט אָוועקצוזעצן זיך אויף דער „פריזבע", ווי דאָס טוען אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָרעמען זיך אויף דער זון און דערביי דערציילן זייער לעבן פאַר אייניקלעך און גלאָט נייגיריקע מענטשן, וואָס קלייבן זיך צונויף הערן, ווי די „די קעמפער דער־מאָנען פאַרגאַנגענע טעג און שלאַכטן, אין וועלכע זיי האָבן געקעמפט".

איך באַטראַכט מיך נאָך פאַר אַ סאָלדאַט אין „אַקטיוון דינסט". אמת: דערציילן וועגן מיין לעבן האָב איך אָנגעהויבן באַלד נאָך מיין פופציק־יאָריקן יובילייַ, אין דעם ווילנער זשורנאַל „די יידישע וועלט" (אונטער ש. ניגערס רעדאַקציע). עס האָט געזאָלט זיין אַ באַריכט, „ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ יידישיסט". אַזוי האָט זיך די אַרבעט גערופן. מער ווי איין קאַפּיטל האָב איך אָבער ניט אָנגעשריבן. וויכטיקערע זאַכן זיינען געשטאַנען אויף דעם סדר היום פון מיינע אַרבעטן. און דערשראָקן האָב איך מיך אויך. די פאַרגאַנגענהייט מיט אירע עפּיזאָדן האָט גענומען אַריינשטורעמען פון מיין זיכרון, אָפּשטופּנדיק אַן אַ זייט די דאגות פון דעם „היינט". איך האָב ניט געוואָלט לעבן אין איר און מיט איר, ווי איך וויל דאָס אויך ניט איצט.

ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן זכרונות מיט אַ ברייטערן פאַרנעם און אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן, האָב איך אויף דעם וואונטש פון מיינע פריינט און אויף דעם ספּעציעלן אָנבאָט פון דער רעדאַקציע פון דעם „טאָג". אָבער אויך דאָ האָב איך ניט געקאָנט פירן מיינע זכרונות כשורה. זייער אָפט פלעגן זיי מוזן איבערגעריסן ווערן אויף אַ לאַנגער צייט, אי ווייל דער „טאָג" האָט ניט געהאַט פאַר זיי דעם נייטיקן פּלאַץ, אי ווייל איך אַליין וואָלט בעסער געוואָלט אויסנוצן דעם פּלאַץ, וואָס איך האָב אין דער צייַ־טונג, פאַר בילכערע זאַכן. איצטער האָט זיך ווידער באַוויזן אַ מעגלעכקייט פאַר זייער דערשיינען אין דרוק. און זיי ווערן געגעבן, ווי אַ נייע סעריע. די סעריע הייבט זיך אָן דרוקן אין רעכטן מיטן פון אַ לעבנס־פּעריאָד, ווייל

די פריערדיקע שילדערונג איז אויך איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן. זי געפינט מיך, אַ 17־18־יאָריקן יינגל אין דער גרויס־רוסישער שטאָט טולע, וואו איך בין באַשעפטיקט ווי אַ „פּראָפּאַגאַנדיסט" צווישן דער שטודירנ־דיקער יוגנט. עס איז דעריבער נייטיק צו געבן אַ קורצן איבערבליק איבער מיין לעבן, ביז צו יענער צייט. דאָס קאָן אָבער ניט געשען, ווי אַ שילדערונג, לאָז זיין פון גאָר די וויכטיקסטע מאָמענטן. דערצו איז ניטאָ גענוג פּלאַץ, און דאָס וואָלט געווען דאָס רוב אַן איבערדערציילונג פון דעם שוין דער־ציילטן. דער איבערבליק קאָן אויך ניט געמאַכט ווערן אין דער פאָרם פון אַ קירצערן ביאָגראַפיש־כראָנאָלאָגישן באַריכט. דאָס וואָלט געווען צו לאַנג־וויילִיק.

דער בעסטער אינהאַלט פאַר אַזאַ קלענערן אַריינפיר אין דער נייער סעריע, רעכן איך, איז אַ סומאַרישע באַטראַכטונג וועגן די וויכטיקסטע פּאַסירונגען און איינווירקונגען, וואָס האָבן שוין אין יענער פריער יוגנט מיי־נער אָנגעצייכנט דעם אינעווייניקסטן זין פון מיין לעבן און פון מיין עפנט־לעכער טעטיקייט סיי אין דעם רוסישן באַפרייאונגס־קאַמף, סיי אין דעם אייראָפּייאישן סאָציאַליזם, סיי אין דער יידישער וועלט.

ווען איך טראַכט איצט, אויף די היפש־עלטערע יאָרן, וועגן אָט דעם אָביעקטיוון און סוביעקטיוון זין פון מיין לעבן, דוכט מיר, אַז די גאָר וויכטיקסטע פּאַסירונג אין איר איז פאַרבונדן מיט דעם דאַטום פון אסרו־חג של פּסח תרכ"ה (אין אַפּריל 1865), ווען איך בין אין אַ „רייסישן" שטעטל אושאַטשי, וויטעבסקער „גוּבערניע", געבאָרן געוואָרן ביי יידישע עלטערן, ד"ה, ווי אַ קינד פון דעם יידישן פאָלק.

וואָס וואָלט, אַן ערך, געווען, ווען איך זאָל האָבן געווען דערבליקט די ליכטיקע שיין ניט אין דער צוויטער העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד, נאָר, זאָגן מיר, אין דער צווייטער העלפט פון דעם ערשטן יאָרהונדערט, אין דעם הויז פון מיינע אור־אור־עלטערן, וואָס זיינען מסתמא געווען פשוטע פויערים, אָדער האַנטווערקער, אָדער פרייע פּועלים און האָבן געוואוינט אין ארץ־ישראל? — ווייל וויסן דאַרפט איר, אַז איך צי מיין יחוס לפחות ביז מיט גוטע ניינצן הונדערט יאָר צוריק, ווען אין ארץ־ישראל האָבן זיך באַוויזן גרויסע ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע מאַסן־באַוועגונגען, דער עיקר פון פשוטע פויערים, האַנטווערקער און פרייע פּראָלעטאַריער, — מאַסן־באַוועגונגען מיט אַ בולט־אויסגעשפּראָכענעם שטרעבן צו פולער נאַ־ציאָנאַלער און פולער סאָציאַלער באַפרייאונג.

דעמאָלט וואָלט איך מיך, אין דער גאָר פריער יוגנט, אָנגעשלאָסן אָדער אָן דער קאָמוניסטישער סעקטע פון די „איסיים", אָדער אָן דער עקסטרעם־

רעפובליקאַנישער פּאַרטיי פון די „קנאים" („זעלאָטן"), אָדער איך וואָלט גאָר צוגעשטאַנען צו די דעמאָלטיקע „באָלשעוויקעס", רחמנא ליצלן, די אַזוי אָנ־גערופענע „סיקאַריער" („סיקריקין"), וואָס האָבן דורכגעפירט אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין ירושלים, אַ באַלאַגערטער פון רוימישע חיילות, און האָבן תיכף, ביים פאַרכאַפּן די מאַכט, פאַרברענט אַלע אייגנטום־דאָקומענטן פון די ידישע שטאַטס־אַרכיוון.

און פון וועלכן שפּעטערן יאָרהונדערט איך זאָל ניט נעמען די צווייטע העלפט, קאָן איך תמיד געפינען אין איר יענעם לאַגער, אין די אינעווייניקסטע ידישע קאַמפן, וואו עס וואָלט געווען מיין פּלאַץ. דאָס וואָלט תמיד געווען דער לאַגער פון די, וועמעס לעבן עס ווערט געפירט אין דעם ליכט פון די אינטערעסן פון דעם ידישן פאָלק, מיט דעם אויסבליק אויף זיין פולער און גאַנצער באַפרייאונג. ווייל אויך דאָס דאַרף מען האָבן אין אויג, ווען מען לייענט די לעבנס־באַשרייבונגען פון מיינע בני־הדור און פון מיין אַלגע־מיינער ריכטונג, אַז מיר אַלע, ווי אויך אונדזערע פּראָטאָטיפּן אין די פריער־דיקע דורות, זיינען ניט מער ווי גרעסערע אָדער קלענערע כוואַליעלעך אין יענעם שטראָם, וואָס רופט זיך „די געשיכטע פון דעם ידישן פאָלק". די כוואַליעלעך זיינען נאָר די איבערגייענדיקע קנייטשן און אויסבייגונגען זיינע. די „סובסטאַנץ" איז דאָס פאָלק גופא. און אויך דאָס דאַרף מען גוט געדענקען, אַז די פולע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און מענטשלעכע באַפרייאונג איז דאָס ענדציל, צו וועלכן עס טראָגט זיך דער שטראָם פון זיין געשיכטע. צו די קעמ־פער פאַר יענעם ענדציל, ווי יעדער דור האָט אים פאַרשטאַנען, וואָלט איך געהערט גלייך ביי דעם ערשטן אויפבליץ פון מיין דערוואַקסענעם באַ־וואוסטזיין.

אָבער איך בין געבאָרן געוואָרן דווקא אין דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, דווקא אין דעם ידישן „תחום המושב" אין רוסלאַנד, ווען די „השכלה" האָט שוין גענומען אַריינדרינגען אין פרומע באַלעבאַטישע הייזער, ווי דאָס איז געווען דאָס הויז פון מיינע עלטערן; ווען דער ייִנגערער דור, אָן אויסגעכאָוועטער אין די וואַרעמע ידישע נעסטן, איז תיכף ביים ערשטן פונאַנדערפיר פון די קינדערשע פליגלען, אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די שטאַרקע פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע ווינטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד, און זיינען מיט זיי אַוועקגעטראָגן געוואָרן ווייט פון די אייגענע היימען און פון דעם אייגענעם פאָלק. אַ סך פון זיי — אַהין, „משם לא ישובו" (פון וואַנען זיי וועלן זיך ניט צוריקקערן), ווי דער העברייאישער דיכטער י. ל. גאָרדאָן האָט כאַראַק־טעריזירט די וועלט פון דער אַסימילאַציע.

נאָר אַ קלײנער טײל זײערער האָט אין די אַכציקער יאָרן דערשפּירט די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער הײם, אָדער די שווערע אחריות, וואָס ליגט אויף זײ פאַר דעם היסטאָרישן גורל פון זײער ײדישן פאָלק. דאָ — דורך אַ שאַרפן איבערבראָך אין זײער אײגענעם לעבן, דאָרטן — דורך שווערע שטימונגען, סומנע אַנונגען, פּילפּאַכע בלאָנדזשענישן און וואַקלענישן, זײנען זײ לסוף ווידער אַרויף אויף דעם וועג צו זיך אַלײן, צו זײער ײדישן „איך״, ווי אַן אָרגאַנישן טײל פון דער ײדישער אומה.

אָט דער פּיאָנערן־דור האָט אויסגעפונען נײ־אַלטע וועגן צו דעם אײגע־נעם ײדישן זײן, — צו אַ „ײדישקײט״, אַ פרײער פון די אַלטע רעליגיעזע טראַדיציעס, אַ „ײדישקײט״, אַ דורכגעזאַפּטער מיט די רעזולטאַטן פון דער אַלגעמײן־מענטשלעכער אַנטוויקלונג און פון אירע בעסטע אידעאַלן. דורך דעם גופא האָט די טעטיקײט פון אָט דעם דור אָוועקגעלײגט דעם פונדאַמענט פון אַ נײעם פּעריאָד אין אונדזער געשיכטע, דעם פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן פּעריאָד, וואָס איז אין אַ משך פון פערציק יאָר געוואָרן דער הערשנדיקער אין דעם עפנטלעכן לעבן, אין אַלע אונדזערע מאָדערנע היס־טאָרישע באַוועגונגען, בײ אַלע אונדזערע פּראָגרעסיווע פּאַרטײען, — אַ פּעריאָד, וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען אַלע אונדזערע היסטאָרישע, — פּאָליטישע און קולטורעלע, — דערגרײכונגען און אַלע באַנײטע שטרעבונגען צו דער פולער נאַציאָנאַלער, סאָציאַלער און מענטשלעכער באַפרײאונג.

אויך אויף מײן גורל איז אויסגעפאַלן דער כבוד, צוגעצײלט צו ווערן צו אָט דעם פּיאָנערן־דור. אַלערלײ ווירקונגען אין מײן קינדהײט און פרײער יוגנט האָבן פאַרגעצײכנט מײן וועג אין אָט דער נײער ריכטונג: ווירקונגען פּאָזיטיווע, וואָס האָבן פעסטער געמאַכט יענע פּסיכישע באַהעפטונגס־פעדעם, מיט וועלכע איך בין געווען צוגעבונדן צו מײן פאָלק, און ווירקונגען נעגאַ־טיווע, וואָס האָבן זײ אָפּגעשוואַכט און, ווי עס האָט מיר געדוכט, זײ אינגאַנצן איבערגעריסן. דאָ — זאָל געגעבן ווערן אַ קורצער איבערבליק איבער יענע ווירקונגען, וואָס זײנען שוין פרײער געשילדערט געוואָרן בפרטיות אין דעם ערשטן טײל פון די „זכרונות״.

27

די היים און מיין פאָטער

אונדזער היים, אַ חסידיש־באַלעבאַטישע, דערנאָך אַ נגידישע הויז, איז אין אָנהייב געווען אַ געמיש פון פאַרשיידענע קאָנטראַסטן. אויף דעם פאָן פון ענטוזיאַסטישער חסידות (כנוסח חב״ד) זיינען געווען פאַסן פון משכילימ־שער הייגט־וועלטיקייט. כמעט שטענדיק זיינען ביי אונדז געווען געסט: דער עיקר — קרובים, רייכע, פאַרמעגלעכע און אָרעמע ביז צום בעטלער־שטאַנד, מיט זייערע פריידן און ליידן און מיט דעם קאָנטראַסט פון „אָרעם און רייך". אויך דער קאָנטראַסט פון „ייד און גוי" האָט ניט געפעלט (גויאישע דינערשאַפט און — זעלטענער — פּריצים). פונדעסטוועגן האָט אין דעם הויז געהערשט אַן איינהייטלעך, אָרגאַניש לעבן, אַ יידיש לעבן אויך מיט אַ רייכן, גייסטיקן אינהאַלט. דער פאָטער, די קרובים און די מחותנים זיינען געווען יידן לומדים, און דער פאָטער האָט געשמט ווי אַ גאָר באַדייטנדיקער תלמודיסט. די שפּראַך אין הויז איז אַ לאַנגע צייט געווען דורכאויס יענער רייכער, פּילפּאַרביקער „לומדישער" יידיש, וואָס — הלואי באַהערש איך אים היינט צו טאָג! באַזונדערס האָט זיך מיין פאָטער אויסגעצייכנט אין פּרט פון שפּראַך. דער הערשנדיקער טאָן אין לעבן איז געווען אַן אינטעלעקטואַליסטישער און נשמהדיקער צו גלייכער צייט. עקאָנאָמיש האָט זיך גע־לעבט גוט. די שפע האָט זיך געשפּירט אין אַלע ווינקעלעך. פאַרמאַכט מען די אויגן אויף דער סאָציאַלער זייט פון אַזאַ לעבן אין עקאָנאָמישן וואויל־שטאַנד און פּילפּאַרביקער גייסטיקייט, — איז הלוואי אויף אַלע מענטשן געזאָגט געוואָרן אַזאַ לעבן!

אין אָט דעם וואָרעמען נעסט האָב איך פאַרבראַכט מיינע קינדער־יאָרן ביז צום צוועלפטן יאָר. דאָ זיינען אויך אויסגעשפּונען געוואָרן אין מיין נשמה יענע פעדעם, וואָס האָב מיך אומבאַוואוסטזיניקערהייט שטאַרק צוגע־בונדן צו דעם יידישן לעבנס־שטייגער, צו די יידישע מענטשן (אייגענע און פרעמדע), צו דעם יידישן לשון. זיכער האָט די געשטאַלט פון מיין פאָטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן פון דער סביבה דורך די גלענצנדיקע פּייאי־

קייטן, מיר שטאַרק אימפּאָנירט. צוגעבונדן מיט ליבע בין איך אָבער געווען צו מיין מוטער און צו מיין זיידן פון מיין פאָטערס צד.

מיין פאָטערס אוממיטלבאַרע סטיכישע ווירקונג אויף מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג איז שווער צו דעפינירן: אַזוי פילזייטיק איז זי געווען. נאָר איין פונקט זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, ווייל איך האָב וועגן אים אָפט גע־טראַכט, — אַ סימן, אַז ער איז געווען פאַר מיר וויכטיק. מיין פאָטער האָט אין מיר אויפגעוועקט, אַזוי־צו־זאָגן, דעם חוש פון נאַציאָנאַלער דיפערענ־צירונג, אָדער אפשר נאָר דעם פסיכאָלאָגישן אינטערעס צו אַזאַ איינשטעל. ער האָט אין יענער צייט געהאַסט און מבזה געווען די רוסן: זייער לעבן, זייער כאַראַקטער, זייער שפּראַך. ער האָט געליבט די פוילן אפשר פאַר זייער סענטימענטאַלער פּרויענהאַפטיקייט, פאַר דעם צאַרטן אַריסטאָקראַטיזם זייערן. (אגב, האָט ער געפירט זיינע וואַלד־געשעפטן מיט די פוילישע פּריצים). און ער האָט געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר די דייטשן פאַר דעם געפיל פון אינדיווידועלן זעלבסטרעספּעקט, וואָס יעדער דייטש אין רוסלאַנד, אפילו דער פּשוטער בעל־מלאכה, האָט אַרויסגעוויזן אין זיין הילוך און אין זיין גאַנצן אויפפיר.

די יידיש־נאַציאָנאַלע געפילן האָבן זיך ניט געמערקט. זיי זיינען געווען צו זעלבסט־פאַרשטענדלעך און צו וואָכעדיק, הגם דער געדאַנק פון דעם שאָוויניסטישן „אתה־בחרתנו" האָט נאַטירלעך אַרויסגעשטראַמט פון יעדן ווינקעלע אין דעם יידישן אינטעלעקטועלן לעבן.

די היימישע אַטמאָספערע ביז צו מיין „בר־מצווה" איז זיכער געווען די פּאָזיטיווסטע ווירקונג אויף דער אויסגעשטאַלטונג פון מיין יידישן זיין אויף דער וועלט. אין דער זעלביקער צייט האָט אָבער זייער נעגאַטיוו געווירקט אויף מיר — דער יידישער חדר.

28

צווישן חדר און גימנאַזיע

אין דעם פאַריקן קאַפּיטל פון דעם „אריינפיר״ האָב איך גערעדט וועגן די פאַרשיידענע ווירקונגען אין מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, וואָס האָבן גורם געווען, איך זאָל אַרויפגיין אויף מיין לעבנס־וועג, פריער ווי אַ רוסי־שער סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער, דערנאָך, ווי אַ יידישער סאָציאַליסט. איך האָב דאָרטן געפּרואווט כאַראַקטעריזירן אין קורצע שטריכן די, אין מיינע אויגן, וויכטיקסטע ווירקונג פון (א) מיין יידישער היים מיט אַן איינ־געשטעלטן ריין יידישן לעבנס־שטייגער און פון אַ פאָטער, וואָס האָט אין יענער צייט, — ביז צו מיין צוועלף־פערצנטן יאָר, — אָנגעפירט די היים מיט קאָלירפולער גייסטיקייט, מיט אינטערעס צו די „העכערע עולמות״, מיט שאַרפע אַפּעטיטן זיך אויסצולעבן אין דער וועלט פון „תורה און חכמה״. דאָס איז געווען אַ פונדאַמענטאַלע פּאָזיטיווע ווירקונג, ווייל זי האָט אַוועק־געלייגט דעם יסוד פאַר מיין יידישן זיין אויף דער וועלט. אָבער אויף וויפיל די היימישע לעבנס־ספערע האָט אויסגעוועבט די פעדעם, וואָס האָבן מיך צוגעבונדן צו אונדזער פאָלק, אויף אַזויפיל האָט די צווייטע גלייכצייטיקע ווירקונג געהאַט אַלע עלעמענטן אין זיך, וואָס וואָלטן געקאָנט מיך אויף אייביק פאַרטרייבן פון דעם פאָלק און פון אַ לעבן, ווי זיינעם אַן אָרגאַנישן טייל. איך האָב דאָ אין זינען:

ב) מיינע יאָרן אין דעם יידישן חדר. נאָך עד־היום קאָן איך מיך אַמאָל ערגערן, וואָס גאַנצע זיבן יאָר פון צאַרטער קינדהייט, — פון זעקס יאָר ביז בר־מצווה, — האָט דער דעמאָלטיקער יידישער חדר פון אונדזער געגנט אָנגעפילט מיין נשמה מיט איינדרוקן פון וועלכע „עס ווידלט (ווידערט) אויפן האַרצן״, לויט אַן אויסדרוק אין אונדזער וויטעבסקער יידיש.

אָרעמע, שמוציקע חדרים, אָפטמאָל אין קעלער־שטיבער אָן ליכטיקייט און זון און אַלע מאָל אָן אַן איינציקן שטראַל, אָן אַן איינציקן שיין פון שיינ־קייט. אפילו די פּרעכטיקסטע בילדער פון דעם תנ״ך און דער אגדה האָבן, אַ דאַנק אָט דער דרויסנלעכער סביבה, ניט געקאָנט רעאַליזירט ווערן אין דעם נאָך אָרעמען, קינדערשן כוח הדמיון. איך געדענק ניט, צי איך האָב

שוין דערציילט וועגן דעם פאַקט, אַז בעת מיר האָבן געלערנט מגילת אסתר און געהאַט פאַר זיך די באַשרייבונג פון דער פּרעכטיקער סעודה, וואָס דער מלך אחשוורוש האָט געגעבן אין זיין גאָרטן („בחצר גינת ביתן המלך״), איז אין חדר געזעסן אויף אַ פאַרשמאָדערטער קישן, אַ קליין קינד מיט אַ פאָר־שמירט פּנימל און אַ רינענדיקן נעזל. דאָס איז געווען די „אילוסטראַציע״ פון דערווירקלעכקייט צו דעם בילד פון דעם מלך אחשוורוש, וואָס זיצט „על כסא המלכות״. און בערך אַזאַ בילד האָט אינגאַנצן פאַרשטעלט פאַר מיר אַזאַ עסטעטיש־רייכע שורה, ווי „חור כרפס ותכלת אחוז בחבלי בוץ וארגמן על גלילי כסף ועמודי שש, מטות זהב וכסף על רצפת בהט ושש ודר וסחרת״ (ווייסע באַוול־צייג און פּורפּל־בלויע טיכער, געהאַלטן מיט פיין־געוועבטע שנורן און רויטן פּורפּל אויף זיילן פון מירמל־שטיין, דיוואַנען מיט איבערדעקן פון גאָלד און זילבער, — אויף דעם דיל פון סמאַראַגד־פאַרביקן שטיין, פון אַלבאַסטער און פּערלמוטער און געפלעקטן מירמל־שטיין).

אויך די היים, די באַלעבאַטיש־יידישע, האָט ניט געהאַט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל סוגערירן, — לאָז זיין דורך אַזאַ געמאָלט בילד, — די פּראַכט פון דער מענטשלעכער קונסט. אָבער עס איז אינדערהיים גאָרניט געווען, פון וואָס עס זאָל „ווידלען אויפן האַרצן״. מיינע עסטעטישע פריידן האָב איך געקאָנט ציען נאָר פון דער נאַטור. אָבער ווי זעלטן האָבן מיר, יידישע חדר־יינגלעך פון יענער צייט, געקאָנט זיך פריי אַרומטומלען אין איר?

היינט — די מלמדים! די טרוקענע פאַנאַטיקער, די סיסטעמאַטישע פייניקער, מיט זייערע שמיץ, מיט זייערע פּעטש און קלעפּ, מיט זייערע זידלערייען און קולות („וו־וועלף זאָלן דיך עסן! וו־ווערעם זאָלן דיך קאַ־לופּען!״) נאָר איין „רבי״, דער „דרדקי״־מלמד, מעיש׳איטשע (משה־יצחק) האָט איבערגעלאָזן אַ וואַרעמע דערינערונג אין מיר. היינט — די לימודים! די תלמודישע וויסטעניש מיט אירע „שטורעם״־וואָלקנס פון זאַמד און שטויב!

אויב וואָס־עס־איז האָט געקאָנט אַוועקרייסן איינעם פון דעם פאָלק, איז דאָס זיכער געווען דער דעמאָלטיקער יידישער חדר. צום גליק האָט זיך ביי מיר, ווי אינסטינקטיוו, אויסגעאַרבעט אַ קעגן־גיפט צו אים. זיצנ־דיק אין חדר און שאָקלענדיק זיך, אינאיינעם מיטן חבר, ווי כלומרשט צו־הערנדיק, בין איך ניט געזעסן אין חדר און ניט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. מיין פאַנטאַזיע האָט געשפּילט און האָט מיך אַרומגעטראָגן אין גאַנץ אַנדערע וועלטן, מיט כמעט תמיד אַ בלויען הימל, אַ גרינעם וואַלד מיט ניס־ביימער און רויטלעך גרויע „פייעלעך״ (וועווערקעס), וואָס שפּרינגען פון בוים צו בוים.

ווי אַזוי איך האָב פאַרט „געלערנט" און זיך נאָך גערעכנט פאַר אַ „וואויל־לערנער", איז פאַר מיר עד־היום אַ חידוש. דער פאַקט איז, אַז אַלץ, וואָס איך האָב געלערנט אין חדר, — דער עיקר, די גמרא, אָבער אויך אפילו דאָס ביסל „תנ"ך", — איז תיכף אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון דעם געדעכעניש, ווי נאָר איך האָב עס מער ניט געדאַרפט „צום פאַרהערן". דער חדר האָט מיר נאָר געגעבן די מעגלעכקייט צו לייענען אַ גרינגן העברעיִיש און „אָפּצולערנען אַ בלאַט גמרא מיט רש"י", — זאַכן, וואָס האָבן מיר פיל גענוצט און וועלכע איך האָב אַליין היפּש פאַרבעסערט, ווען איך האָב, שוין אַ דערוואַקסענער, מיך פאַראינטערעסירט מיט אונדזער אַלטער יידישער שאַפונג.

ג) אין אַ שאַרף נעגאַטיוון און באַוואוסטזיניק אַנטי־יידישן זין האָט אויף מיר געווירקט די גימנאַזיע („האי־סקול"). אַנגעקומען אַהין בין איך אין 1879, ווען איך בין שוין אַלט געווען איבער 14 יאָר. צו דער צייט פון מיין אַריינטריט איז שוין ביי מיר געווען ראַדיקאַל איבערגעריסן יעדער צובונד צו דעם יידישן גלויבן און צו דעם יידישן רעליגיעזן לעבן. דאָס — אַ דאַנק דער השפעה פון מיין „רעפעטיטאָר", וואָס האָט מיך צוגעגרייט צום דריטן קלאַס. די השפעה איז געווען אַן אומדירעקטע. זי האָט זיך געטראָגן פון זיינע שטענדיקע, שעהן־לאַנגע דיספּוטן מיט מיינעם אַ זייער פרומען פעטער. (צו מיר איז דער לערער געווען שטרענג, און מיט מיר וואָלט ער זיך אין אַזאַ „פּראָפּאַגאַנדע"־אַרבעט ניט אריינגעלאָזן. די וויכוחים גופא האָב איך געפּרואווט שילדערן מער אָדער ווייניקער באריכות אין די שוין פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלען פון די זכרונות). אַ דאַנק אָט די זייער באַלערנדיקע און שאַרף־וויציקע דיספּוטן, האָבן זיך אין מיין „וועלט־באַנעם", — אויב מען קאָן דאָס אַזוי אָנרופן, — איינגעשטעלט די צוויי אני־מאמינס פון דער ראַדיקאַלסטער אפיקורסות: אַז „אַלץ איז מאַטעריע" און אַז „קיין גאָט איז ניטאָ". דאָס איז אויף אַ לאַנגער צייט פאַרבליבן מיין „אני־מאמין". וועלכן איך האָב הייס און הייליק פאַרטיידיקט אין מיין שפּעטערדיקער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט.

דערפאַר אָבער האָט צו דער צייט פון מיין אַריינטריט זיך געהאַט איינגעשטעלט אין מיר אַ געוויסער יידישער „פּאַטריאָטיזם", — ווי מען פלעגט דאָס דעמאָלט רופן. מען האָט אין יענע צייטן געקאָנט אינגאַנצן אָפּלייקענען די יידישע רעליגיע און פונדעסטוועגן פאַררעכנט ווערן ווי אַ „הייסער יידישער פּאַטריאָט". אין תוך איז דאָס נאָר געווען — אַ פּראָטעסט אַנטקעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט גענומען ליאַרמען וועגן דער יידישער עקספּלואַטאַציע (אויסזויגונג), די פאַרטיידיקונג פון דער יידישער „גלייכ־

באַרעכטיקונג״, אַ באַוואוסטזיין, אַז מען געהערט צו די אומשולדיק־פאַר־פאָלגטע, און אַז מען דאַרף זיין סאָלידאַריש מיט דעם קאַמף, וואָס די אַלגע־מיין־ליבעראַלע פרעסע און די רוסיש־יידישע זשורנאַליסטיק האָבן אויפ־געהויבן אַנטקעגן די שונאים פון אונדזער פאָלק.

אָבער אויך דאָס ביסל „יידישער פאַטריאָטיזם״ איז פון מיר אַרויסגע־שלאָגן געוואָרן אין אַפּטע, ערנסטע געשפּרעכן מיט אַ פּאָר גימנאַזיע־חברים, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געהערט צו דעם רוסישן סאָציאַליסטיש־רעוואָ־לוציאָנערן לאַגער. איינער פון זיי איז געווען חיים ראַטנער, — שפּעטער אַן עמיגראַנט אין פּאַריז, און דער אַנדערער, — איך געדענק ניט, צי איך האָב פריער ווען דערמאָנט זיין נאָמען, אַ פּויל, פּאַטשאַבוט. זיי האָבן מיך אַריינגעפירט אין דער גייסטיקער וועלט פון דעם רוסישן ראַדיקאַליזם, וואו די „יידן־פראַגע״ האָט שוין באַקומען אַ גאַנץ אַנדער אויסזען: עס איז גאָר ניטאָ קיין יידן־פראַגע, ווי עס זיינען ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע פראַגן בכלל. אין אָט דער געדאַנקען־וועלט איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר דער פראַגע וועגן דער יידישער עקספּלואַטאַציע. עס איז אַ פראַגע וועגן דער אַלגעמיינער עקספּלואַטאַציע. עס איז דאָ נאָר די סאָציאַלע פראַגע, — דער קאַמף פון די סאָציאַליסטן פאַר אַ בעסערן און גערעכטערן לעבן פאַר אַלע מענטשן־קינדער אויף דער וועלט. סיי די לאָגיק, סיי דער יושר זיינען געווען אויף דער זייט פון אָט דעם איינשטעל, און איך בין באַלד צוגעבונדן געוואָרן צו אים.

ד) די שטאַרקסטע ווירקונג אָבער, וואָס האָט מיך דערווייטערט פון דעם יידישן פאָלק, פון זיין לעבן, פון זיין שפּראַך און פון זיינע טראַדיציעס, זיינען געווען ניט אַזוי די קלאָרע אידייען פון דעם אַטעאיסטיש־מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם און פון דעם סאָציאַליסטישן לעבנס־בליק, ווי די טויזנט־פאַכע השפּעות, די „פּטיט פּערסעפּסיאָן״, וואָס די רוסישע ליטעראַטור האָט אַריינגעפלייצט אין דער יונגער נשמה. די רוסישע פּאָעזיע, די בעלעטריסטיק, די ראַדיקאַלע קריטיקער, די דענקער פון דעם פּראָגרעסיוון לאַגער, — אַ גייסטיקע וועלט, אַ רייכע ניט נאָר אין אַלגעמיין מענטשלעכע מאָטיוון און פּראָבלעמען, נאָר אויך אין ספּעציפיש־רוסישע, האָבן אויסגעפורעמט אין מיר מיין זיין אויף דער וועלט, ווי אַ „רוס״. ווי אַלע יידישע קינדער, דער־צויגענע אונטער דער השפּעה פון אָט דער וואונדערלעכער גייסטיקער ספּערע, האָב איך מיך געפילט, ווי אַ קינד פון דעם רוסישן פאָלק און ספּעציעל, ווי אַ קינד פון דער רוסישער „אינטעליגענציע״, וואָס אין דעם צענטער פון אירע אינטערעסן איז געשטאַנען דאָס רוסישע פּויערנטום, זיין גורל, זיינע ליידן און די התחייבותן, וואָס יענער גורל און יענע ליידן לייגן אַרויף אויף

יעדן פּראָגרעסיוון, „קריטיש־דענקענדיקן" מענטשן, — ד"ה, אויף יעדן רוסישן אינטעליגענט.

דאָס איז ניט געווען קיין באַוואוסטזיניק **נאַציאָנאַליסטישער איינשטעל.** אין מיינע דערינערונגען פון יענער צייט קאָן איך ניט געפינען קיין איין דערשיינונג, קיין איין שטימונג, וואָס זאָל האָבן געווען באַפאַרבט מיט רוסישן שאָוויניזם אָדער פּאַטריאָטיזם. טעאָרעטיש זיינען מיר אַלע געווען קאָנסעקווענטע קאָסמאָפּאָליטן, וואָס זיי איז דער גורל פון דעם עקספּלואַטירטן כינעזישן „קולי" געווען פּונקט אַזוי נאָענט און טייער, ווי דער גורל פון דעם פיל־געפּייניקטן רוסישן מוזשיק. אין דער אמתן פלעגט די רוסישע ליטעראַטור, ביי איר גאַנצער „פּאַלקסטימלעכקייט", ביי איר גאַנצער אידעאַליזאַציע פון דעם רוסישן פויערטום, ברענגען אָפט שילדערונגען פון דעם דאָרפס־לעבן און דעם אַרבעטער־לעבן ביי אַ סך אַנדערע פעלקער און אַלעמאָל איז דער גורל פון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן געוווען געשילדערט אַזוי, אַז אין די יונגע נשמות האָבן געמוזט אַנגערירט ווערן אַלע סטרונעס פון דער טיפסטער מענטשן־ליבע צו יעדן אַרבעטנדיקן און געפּלאָגטן מענטשן־קינד. און די טענער פון יענע סטרונעס האָבן געמוזט איינגראָבן אין דער נשמה אויף שטענדיק די געפילן פון סאָלידאַריטעט מיט דער גאַנצער ליידנדיקער און אונטערדריקטער מענטשהייט בכלל.

אָבער אויף דער פאָן פון דער קלאָרער קאָסמאָפּאָליטישער אידייע און דעם וואַרעמען אַל־מענטשלעכן געפיל האָט זיך פאַרט אומבאַוואוסטזיניקער־הייט אַרויסגעהויבן די פיגור פון דעם רוסישן מענטשן בכלל, פון דעם רוסישן פויער בפרט.

29

מיינע ערשטע באַגעגענישן מיט ש. אַנ—סקין

ה) שלמה זאַוול ראַפּאַפּאָרט (ש. אַנסקי). אויף דער אויסגעשטאַלטונג פון מיין געפילס־לעבן און פון מיין מאָראַלישן מהות מענטש האָט אין מיין קינד־הייט און יוגנט זיכער געהאַט די גרעסטע השפעה אַ וויטעבסקער ייִנגל מיט איבער אַ יאָר עלטער פאַר מיר, מיט דעם נאָמען שלמה זאַוול און מיט דעם פאַמיליע־נאָמען ראַפּאַפּאָרט, — דער שפּעטער־באַרימט געוואָרענער מחבר פון דעם „דיבוק", ש. אַנסקי.

אונדזער לעבן אינאיינעם האָב איך שוין אַמאָל באריכות געשילדערט אין אַ סעריע אַרטיקלען אין דער היגער (אַמאַליקער) „די צייט". די אַר־טיקלען זיינען איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן, מסתמא ווייל די דעמאָלטיקע רעדאַקציע פון יענער צייטונג האָט גערעכנט, אַז די סעריע איז ניט גענוג אינטערעסאַנט פאַר אירע לעזער. דער טייל זכרונות וועגן אַנסקין וועט אָבער באַלד ווידער דערשיינען אין דעם לעצטן, 18טן באַנד פון אַנסקיס שריפטן, — אַ באַנד, וואָס וועט ברענגען זכרונות און אַרבעטן וועגן אים.

דאָ זאָלן נאָר בתכלית הקיצור איבערגעגעבן ווערן די וויכטיקסטע מאָ־מענטן פון די ערשטע פיר יאָר פון אונדזער פריינטשאַפט, — דער עיקר, אויף וויפיל זיי האָבן געהאַט אַ השפעה אויף מיין אייגענעם לעבן.

מיט שלמה זאַוולען בין איך באַקאַנט געוואָרן שטיפנדיק אין גאַס, אין דעם פרימאָרגן פון מיין בר־מצווה־טאָג, אין פרילינג 1878. איך האָב אים גלייך איינגעלאַדן צו דער „דרשה" און צו דער „סעודה". ווי אַזוי און פאַר־וואָס דאָס איז געשען, געדענק איך ניט, אָבער מיר זיינען פון יענעם טאָג אָן „צוגעקלעפּט" געוואָרן איינער צום אַנדערן, און זיינען פאַרבליבן די גאָר אינטימסטע פריינט און ברידער ביז צו אַנסקיס טויט. ווי אַזוי מיר האָבן זיך „צוגעקלעפּט", געדענק איך ניט אויף קלאָר. מיינע פריסטע דערוי־נערונגען מאָלן מיר איצטער נאָר אויס, ווי מיר פלעגן ביידע שטיפן אויף זיין הויף, — אַ גרויסן, גראַמען, אויפן ברעג פון דעם טייכל „וויטבאַ".

אַנסקי איז געווען אַ בן־יחיד. זיין פאָטער האָט געלעבט ערגעץ טיף אין דרום־רוסלאַנד, ווי אַ משולח ביי אַ גרויסן יידישן גביר. אין הויז

זיינען געווען נאָר זיין מוטער און זיין שוועסטער, — פאַר די דעמאָלטיקע צייטן אַ זייער געבילדעטע יידישע טאָכטער, וואָס האָט געלייענט רוסישע ראָמאַנען. ביידע פרויען — פון אַ גאָר הויכן מאָראַלישן מהות. די חיונה האָבן זיי אין זייער אייגענעם הויז געצויגן פון אַן אָרעמען שענק פאַר גאָר אָרעמע לייט, פאַר יענע רוסישע נפשות, וואָס האָבן זיך שוין אַרונטערגעלאָזן „אויף דעם דעק" פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

שלמה זאוול איז געוואָקסן ווי אַ יונגער „קאַזאַק", אַ באַפרייטער פון אַלץ: אי פון חדר, אי פון דער יידישער רעליגיע, אי פון אַ וועלכער עס איז אויבער־אויפזיכט. אויך איך בין, לפי ערך, געווען פריי. נאָך בר־מצווה בין איך שוין אין חדר ניט געגאַנגען און האָב מיך מיט אַ „רעפּעטיטאָר" פּאַרגרייט צו דער גימנאַזיע. יעדן פרייען טאָג פלעג איך תיכף לויפן צו שלמה זאוולען שפּילן זיך אויף זיין גראַמען הויף. פון די אָנגעוואָרפענע קלעצער און ציגל פלעגן מיר „בויען" אָדער היילן פאַר גזלנים, אָדער פּאַלאַצן פאַר קיסרים, אָדער דעם „בית־המקדש", — עס ווענדט זיך, אין וואָס מיר האָבן זיך געשפּילט. אין די שבתים פלעגן מיר אָפט אַרויסגיין אויף דעם ברעג וויטבאַ, פון וועלכן עס האָבן זיך געזען נאָר גויאישע הייזלעך. וויית פון אַ יידישן אויג, פלעגן מיר קאָנען רואיק רייכערן אונדזערע פּאַ־פּיראָסלעך (אַנסקי איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רייכערער).

עס קאָן זיין, אַז אַט־אָ די אַבסאָלוטע פרייהייט האָט מיך אין די ערשטע צייטן געצויגן צו אים. שפּעטער האָבן מיר געהאַט אַ שטענדיקע „גימ־נאַזיע" אויף דעם זעלביקן הויף, וואו איך האָב געשפּילט דעם לערער און ער — דעם תלמיד. דאָס איז שוין געווען אַן ערנסטע שפּיל, ווייל דער „תלמיד" האָט באַלד אָנגעיאָגט דעם „לערער" אין אַלע זיינע קענטעענישן (אַ חוץ לאַטיין און גריכיש). אויך דאָס, קאָן זיין, האָט מיך געצויגן צו אים.

אויך געדענקט זיך מיר גאַנץ קלאָר פון די גאָר ערשטע צייטן, ווי מיר פלעגן קלעטערן אויף דעם הויכן באַרג „הולבישטשע", וואָס איז דעמאָלט נאָך געשטאַנען אינמיטן שטאָט, און דאָרטן, אונטער דעם איינציק־געבליבענעם בוים, פלעגן מיר שעהן־ווייז זיצן און דערציילן איינער דעם אַנדערן, וואָס מיר האָבן געלייענט: ער — פון די יידישע מעשה־ביכלעך, איך, — פון די גויאישע פּראָגרעסיווע ראָמאַנען (פון מיכאַילאָוו־שעלער, אַמוליעווסקי וכו'). אַ געמיינשאַפטלעכע ליבע צו ליטעראַטור, אַן אומבאַוואוסטער שטרעבן צו שאַפן, צו בויען עפּעס אין שפּיל און ערנסט האָט אונדז אַלץ נעענטער געבראַכט איינער צום אַנדערן, ביז אונדזערע נשמות זיינען צונויפגעוואָקסן אינאיינעם. אַז איך פלעג אים איבערגעבן די אפּיקורסישע מאַטעריאַליסטיש־אַטעאיסטישע געדאַנקען פון מיין לערער, איז ממילא מובן.

נאָך שפּעטער, ווען איך בין אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון די ראַדיקאַלע גימנאַזיסטן, און ווען עס זיינען אין דעם פייער פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן וועלט־באַנעם אויסגעברענט געוואָרן די שוואַכע וואָרצלען פון מיין יידישן „פּאַטריאָטיזם", האָב איך דעם זעלביקן „פייער" „פונאַנדערגעלייגט" אויך אין אַנסקיס האַרצן מיט דעם זעלביקן דערפאָלג און מיט אַ סך לענגער אַנדויערנדיקער ווירקונג. באַלד האָט שלמה זאַוול אויסגעבילדעט זיין אייגענעם קרייז יונגעלייט, וואָס האָבן זיך גענומען שפּייזן מיט דער זעלביקער גייסטיקער שפּייז פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן וועלט־באַנעם, — אַן אינטעליגענטע יוגנט, וואָס האָט אַרויסגעשטאַמט פון די פאָלקס־מאַסן און איז געשטאַנען אין אַ נעענטערן קאָנטאַקט מיט זיי.

על־כל־פּנים איז די פאַרשפּרייטונג פון די סאָציאַליסטישע אידעאַלן און פון דעם אַטעאיסטיש־מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם געוואָרן דער הויפּט־אינטערעס אין אונדזער ביידנס לעבן. אָבער גראַד אין אָט דעם הויפּט־אינטערעס איז געלעגן די גרויסע און וויכטיקע השפּעה אַנסקיס אויף מיר. דער באַזיס פאַר אונדזער דעמאָלטיקן סאָציאַליזם איז געווען די תורה פון טשערנישעווסקין. די הייליקסטע פון אַלע הייליקע שריפטן איז געווען טשערנישעווסקיס ראָמאַן: „טשטאָ דיעלאַט?" („וואָס טאָן?"). פרייע קאָמונעס זיינען געווען אונדזער גרעזעלשאַפטלעכער אידעאַל. געבויט איז ער געווען אויף דעם גלויבן אין דעם מענטשן, אין יעדן מענטשן, וועמעס מעשים און אויפפיר ווערן באַהערשט פון דעם שטרעבן צו דעם אייגענעם „פּערזענלעכן פאָרטייל" („ליטשנאַיאַ וויגאָדאַ"). אַזאַ ריין מאַטעריאַליסטיש־עגאָאיסטישע מאָראַל — האָבן מיר אינאיינעם מיט טשערנישעווסקין געגלייבט, — פירט אָבער צום סאָציאַליזם, ווייל די גייסטיקע „אַנטוויקלונג" („ראַזוויטיע") מוז אַרויסברענגען, אַז יעדער איינער זאָל אין דעם סאָציאַליזם דערבליקן זיין אייגענעם „פּערזענלעכן פאָרטייל".

אין זיך גופא איז דאָס אַ ריין שכלדיקער, ריין טעאָרעטישער איינשטעל. דאָ קאָן ניט זיין קיין רייד פון אַ וועלכער עס איז רעליגיעזער ליידנשאַפט צו דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. פון וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, זאָל מען דאָ אַריין אין התלהבות? פון דעם „פּערזענלעכן פאָרטייל?" שלמה זאַוול איז אָבער אַלע מאָל געווען אַ טיפע, ערנסט־רעליגיעזע נאַטור. אויך זיין אויפנעם פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל האָט באַלד באַקומען אַ טיף ערנסטן רעליגיעזן כאַראַקטער, כמעט ווי מיט אַן אייגענעם „שולחן־ערוך", מיט אַ „וואָס מען מעג" און אַ „וואָס מען טאָר ניט".

אונטער זיין ווירקונג, — אָדער, דער עיקר, זיין ווירקונג, — האָט זיך ביי אונדז ביידן איינגעשטעלט דער גלויבן, אַז מיר ביידע דאַרפן, מוזן געהערן

צו די „גאָוויע ליודי״ („נייע מענטשן״), צו דעם נייעם טיפּ מענטש, וואָס טאָר ניט האָבן קיין אייגענעם פּערזענלעכן לעבן, וואָס דאַרף פאַרלאָזן די אַל־טע וועלט, מיט אַלע אירע אָפּגעטער. אייגנטלעך טאָר ער גאָר מיט איר ניט האָבן קיין שום מגע ומשא.

דער סאָציאַליזם האָט אַזוי אַרום פאַרנומען אין אונדזערע יונגע הערצער דעם פּלאַץ פון אַ רעליגיע, פון אַ הייליקטום. מיר וואָלטן זיך געוויס אויס־געלאַכט פון יענעם, וואָס וואָלט אונדז דעמאָלט געפאָרמולירט אונדזער איי־גענע שטעלונג צו אונדזער אידעאַל, ווי אַ רעליגיעזע שטעלונג. זיינען מיר דאָך געווען, לויט דעם מוסטער פון פּיסאַרעוון, „רעאַליסטן״, וואָס מאַכן חוזק פון יעדער רעליגיע, יעדער מאָראַל, יעדער ראָמאַנטיק, יעדער הייליִ־קייט. פּאַקטיש איז אָבער פאַר אונדז דער סאָציאַליזם געוואָרן אַ רעליגיעזער אני־מאמין, — אַן אידייע, אַן אַנגעזאַפּטע מיט אַ ליידנשאַפטלעכן געפיל — אַן „אני־מאמין״, וואָס דאַרף באַשטימען דעם גאַנג פון דעם אייגענעם לעבן, אַן „אורח־חיים״ אין דעם בוכשטעבלעכן זין פון דעם וואָרט. אויב דער „אני־מאמין״ האָט באַשטימט אויך מיין לעבן, האָב איך דאָס צו גאָר אַ גרויסן טייל צו פאַרדאַנקען דעם יוגנטלעכן אַנסקין.

אין אונדזער ביידנס לעבן זיינען די ווירקונגען פון איינעם אויף דעם אַנדערן געווען אַזוי פילפאַכיק און אַזוי אויסגעבונדן, אַז עס איז באמת שווער צו מאַכן, לאָז זיין אַן אויבערפלעכלעכן חשבון, וואָס איז אין מיר געווען זיינס, וואָס אין אים — מיינס און וואָס אונדזער ביידנס אַ בשותפות־דיקער כאַראַקטער־שטריך. אָבער איך פיל, אַז איך קאָן „אַנטאַפּן״ אין זיך נאָך אַ קולטור־ווירקונג אַנסקיס: דאָס איז דער אוממיטלבאַרער אינטערעס צו דער פאָלקס־מאַסע, צו דעם עם־הארץ, צו דעם שיכור און „געפאַלענעם״ און צו די קאָנקרעטע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס פאַרהויקערן דעם מענטשנס נשמה.

אין מיין אייגענעם פּסיכישן מהות שפּילט, רעכן איך, די הויפּט־ראָליע דער אינטעלעקט. ביי אַנסקין ווידער האָט די הויפּט־ראָליע געשפּילט די אינסטינקטיווע מאָראַלישע שיינקייט, אַן עטישע אינטואיציע, וואָס איז אַרויס־געפלאָסן פון אַ הויך אַנטוויקלטן מאָראַלישן חוש.

איך בין פאָרט דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה פון תלמידי־חכמים. דער אָרעמסטער קרוב אונדזערער, וואָס פלעגט קומען צו אונדז צו גאַסט, האָט אָפּט פאַרמאָגט אַ גאַנץ רייכן גייסטיקן „קאַפּיטאַל״: אָדער אין תלמודי־שער לומדות אָדער אין דער שיטה פון חסידות. אין אָט די „הויכע עולמות״ פלעגט פאָרט דער אונטערשייד פון „רייך״ און „אָרעם״ אָפּגעווישט ווערן, דער סאָציאַל־עטישער געוויסן — ניט איבעריקס אויפגעבראָכט. אויך אין

דער אַרבעט פאַר דער סאָציאַליסטישער צוקונפט האָט פאַר מיר ניט עק־זיסטירט די „מאַסע", ווי עפּעס אַ פאַרשיידענע זאַך פון דעם „אינטעליגענט". אַלע מענטשן, — אָרעם און רייך, — זיינען מענטשן, זיינען בעלי־שכל, זייגען מסוגל צו „אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג", און עס קאָן יעדן איינעם באַ־וויזן ווערן וואו ער האָט צו זוכן זיין „פּערזענלעכן פאַרטייל", ד"ה, אין דער לעצטער ליניע דעם מאַקסימום פון די איידלסטע הנאות אין לעבן.

גאַנץ אַנדערש אַנסקי: ער האָט געשפּירט בחוש דעם פּסיכאָלאָגישן תהום, וואָס צווישן אָרעם און רייך, צווישן די זאַטע און די הונגעריקע. ער האָט געגנוג אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם ערנסט פון דחקות, אָרעמקייט, שיכרות, פאַרהויקערונג פון דעם מענטשלעכן מהות; פון אכזריותדיקער, קאַלטבלו־טיקער פאַרגוואַלטיקונג, וואָס די „שוואַכע", די „שטיף־קינדער" (אַזוי האָט זיך גערופן זיין ערשטע דראַמע אין יידיש פון יענער צייט), שטייען אויס פון דעם „שטאַרקן". ער האָט געהאַסט די אַריסטאָקראַטיע און די בורזשואַ־זיע און איז געווען בלב ונפש איבערגעגעבן דער „מאַסע", דעם „פאָלק", — און אין יענער צייט איז דאָס פאַר אונדז געווען דאָס רוסישע פאָלק, — דער עיקר: דאָס רוסישע פּויערימשאַפט. ער האָט געשטרעבט זיך צו באַ־העפטן מיט דער מאַסע, לעבן אין לעבן מיט איר, אינאיינעם מיט איר קעמפן פאַר אַ בעסערער צוקונפט.

אין אָט דעם פּרט איז אַנסקיס ווירקונג אויף מיר געווען אַ גאַנץ גוואַל־טיקע, הגם ניט קיין אַבסאָלוט דורכדרינגענדיקע.

30

צוריק אין דער היים

אין יוני 1883 איז צו מיר קיין טולע געקומען מיין מוטער. זי האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך מיר און האָט מיך מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, איך זאָל זיך אומקערן אַהיים. זי פילט זיך ניט אינגאַנצן; די דאָקטוירים שיקן איר קיין דובעלן, לעבן ריגע. זי קאָן זיך אָבער ניט באַשליסן צו פאָרן אַהין, כּל־זמן איך וועל זיין אַזוי ווייט, אין דער פרעמד. אויב איך וויל, קאָן איך מיט איר פאָרן קיין דובעלן. אגב האָט זיך די באָבע פון אושאַטשי באַקלאָגט, וואָס מען האָט זי אינגאַנצן פאַרלאָזן, און קיינער פון אונדז קומט ניט צו איר „זען זיך". אויב איך וויל, קאָן איך גאָר פאָרן פאַרברענגען דעם זומער אין אושאַטשי, ביי דער באָבען אין שטעטל, אָדער ביים פעטער מיכל אין הויף. מיין וויזיט אַהין וועט פאַר דער גאַנצער משפּחה זיין זייער אָנגעלייגט.

מיין מוטערס פאָרשלאָג האָט ניט גאָר געהאַרמאָנירט מיט מיינע אייגענע פּלענער. איך קאָן ניט זאָגן, אַז איך האָב דעמאָלט געהאַט באַשטימטע צילן אין אויג. מיין שטימונג איז געווען, ווי אָפט, זייער אַ געדריקטע, אַן אומצופרידענע, בפרט, זינט דאָס רוב חברים זיינען זיך פונאַנדערגעפאָרן און איך בין געבליבן אַליין מיט מיינע היפּש־צערודערטע געדאַנקען, וואָס אין זיי האָט דער ענין: „ייד" און „ניט־ייד" געשפּילט כּמעט ווי אַ צענטראַלע ראָליע.

וועגן אומקערן זיך אַהיים האָב איך די גאַנצע צייט ניט געטראַכט. עס פלעגט גאָר אָפט אַרויפשווימען דער געדאַנק, אָוועקצופאָרן אויפן זומער אין אַ ריין גרויס־רוסישן דאָרף לעבן טולע, טאַקע צו יענעם געשמדטן קאָנטאָניסט, מיט וועמען איך בין, ביי די קאַהאַנס, באַקאַנט געוואָרן באַלד ביים ערשטן קומען „אין טיף ראַסיי".

איך האָב אָבער באַשלאָסן נאָכצוגעבן דער מוטער, אומקערן זיך אַהיים, פאַרברענגען דעם זומער, אַנשטאָט אין אַ גרויס־רוסישן דאָרף, אין אַ קליינעם יידישן שטעטעלע, און דערנאָך „וועט מען זען".

אין וויטעבסק האָב איך דעמאָלט פאַרבראַכט ניט לאַנג. די גאַנצע צייט בין איך, נאַטירלעך, געווען אינאיינעם מיט אַנסקין, גערעדט מסתמא מכוח כל הענינים שבעולם, אָבער, אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, זייער וויניק וועגן יידן און יידישקייט. די פראַגן וועגן אונדזער אייגענעם פערזענלעכן לעבן האָבן פאַרנומען, דוכט מיר איצטער, דעם אויבנאָן אין אונדזערע שמועסן.

אַנסקי איז נאָך אַלץ געווען זיכער, אַז איך האָב אַ זייער חשובן פּאָעטישן טאַלאַנט. איך זאָל מיך גאָר ניט מצער זיין, וואָס די „מוזע" האָט מיך אַזוי זעלטן באַזוכט. די פּאָר זאַכן, וואָס איך האָב אים צוגעשיקט, זיינען באמת גוט. אויך סאַמואילן (גורעוויטשן) זיינען זיי געפעלן געוואָרן. און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, זייער פיל צו זאָגן. דאָס גרויסע און וויכטיקע וועט קומען מיט דער צייט. אים געפעלט גראָד, וואָס אין מיינע לידער זיינען ניטאָ קיין סאָציאַלע און פּאָליטישע מאָטיוון. די „מוזע" טאָר מען ניט צווינגען. זאָל „זי" גיין אין אירע וועגן. „זי" וועט שוין אַליין אַרויף אויף דעם ריכטיקן וועג.

גאַנץ אַנדערש האָט ער אָבער געקוקט אויף זיין אייגענער „מוזע", און גאַנץ אַנדערע פאָדערונגען האָט ער איר געשטעלט.

פון זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען אין יענער צייט, זיינען מיר מער פאַר אַלץ געפעלן געוואָרן די טאָג־ביכער פון זיין לעבן אין דעם שטעטל „ליאָזנאָ", — געשריבן אין רוסיש, — וועלכע ער פלעגט מיר צושיקן קיין טולע (זיי מוזן זיך נאָך געפינען צווישן זיינע מאַנוסקריפּטן אין לענינגראַד). „בשום אופן ניט ערגער פאַר בערנען!" איז געווען מיין אורטייל וועגן זיי. (איך האָב נאָך עד־היום די זעלביקע מיינונג וועגן זייער ליטעראַרישן ווערט). אויך קליינע פאַנטאַסטיש־הומאָריסטישע שפּילערייען אין רוסיש און אין יידיש האָב איך געשעצט זייער הויך. איך בין ממש געווען אַנטציקט פון זיי.

אַנסקי האָט אָבער גראָד די זאַכן זיינע, אין וועלכע זיין טאַלאַנט האָט זיך געטומלט פריי, אָן אַ באַשטימטן ציל אין אויג, אינגאַנצן מבטל געווען. „ס'איז זיך גלאַט אַזוי. ס'איז ניט דאָס", פלעגט ער זאָגן. אויף זיין בעלעטריסטישער אַרבעט האָט ער געקוקט, נאָר ווי אויף אַ מיטל צו אַ באַ־שטימטן, סאָציאַליסטישן ציל. שילדערן די מענטשלעכע אָרעמקייט, דער־שלאָגנקייט, הילפלאָזיקייט, ווי אויך די האַרטע קאַלטקייט פון די רייכע גראָד אַזוי, ווי זיי קומען פאָר אין לעבן, איז געוואָרן זיין קינסטלערישער כמעט ווי אַ רעליגיעזער אני־מאמין. ער איז אים געבליבן געטריי אין דעם משך פון כמעט זיין גאַנצן שאַפן ביז אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, און האָט אויף אַט דעם מזבח באמת מקריב געווען דעם גרעסטן

אויב אויך ניט דעם בעסטן טייל פון זיין טאַלאַנט, וואָס איז נאָך אַ לאַנגע צייט געווען רייך ביי אים אין שפּילעוודיק־פאַנטאַסטישן הומאָר. אַט דער טייל איז אונטערדריקט געוואָרן, כמעט ווי מיט די אייגענע הענט דער־וואָרגן געוואָרן, צוליב די העכערע צילן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט.

אַנסקי האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן וויטעבסק און איז טאַקע באַלד אַוועקגעפאָרן, דוכט מיר, קיין דענעבורג (דעם שפּעטערן דווינסק). ווען מיין מוטער איז אַוועקגעפאָרן קיין דובעלן, בין איך מיט מיין קליין שוועס־טערל, ראָזע, אַוועק קיין אושאַטשי.

דאָס שטעטעלע אושאַטשי, אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן אין דעם זיידנס הויז אין יענעם שטעטל, איז אַלעמאָל געווען פאַרבונדן אין מיין זיכרון מיט יום־טובדיקער שמחה. פאַרלאָזן דאָס שטעטל, ווען נאָך ניט גאַנצע דריי יאָר אַלט, האָב איך עס באַזוכט נאָר אַ פּאָר מאָל אין מיין קינדהייט. איינמאָל צו אַ חתונה פון מיינעם אַ שוועסטער־קינד. דאָס אַנדערע מאָל, ווי אַ גאַסט, ביים זיידן, אויף יום־טוב. עס איז מיר דעריבער אַלץ אינעם שטעטל געווען ליב און טייער.

פאָרנדיק אַהין, ביז פּאָלאָצק מיט דער „באַן" און פון דאָרטן אַ גאַנצן טאָג מיט אַ פור, דורך שיינע וועלדער און פעלדער, האָב איך מיך דערמאָנט אָן אַ סך איבערלעבענישן פון די קינדער־יאָרן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אושאַטשי, מיט די נסיעות אַהין און צוריק.

אַ שאָד, וואָס אַט די אַלע קינדער־איבערלעבענישן געהערן ניט צו יענעם דין וחשבון, וועגן מיין לעבן און אַרבעט, וואָס איז דער אייגנטלעכער ציל פון מיינע איצטערדיקע זכרונות. אַניט, וואָלט איך ביי אָט דער געלעגנהייט געקאָנט (ווען איך וואָלט „געיכולט") שילדערן אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון אַ קינדער־לעבן.

איך וואָלט געקאָנט דערציילן, ווי פאָרנדיק צום ערשטן מאָל פון או־שאַטשי, מיטן פאָטער, אַ יונגנמאַן פון אַ 22 יאָר, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדעלע אַרום פּנים און דינינקע וואָנצעלעך, און דער מוטער, אַ יונגע, ביליד־שיינע פרוי, אין אַ בויד, אָן אָנגעפּאַקטער מיט פּערענעס און קישנס, אויף וועלכע מיין מוטער איז געלעגן (זי איז געווען קראַנק), — האָבן אונדזערע פערד זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קליינעם וועג צווישן גרינע ביימער, גלייך אין וואַסער אַריין, און האָבן גענומען טרינקען. אויף דעם זאַמדיקן גרונט פון דעם וואַסער האָט זיך געוויגט אַהין און אַהער אַ נעץ פון זון־שטראַלן, און משונהדיקע שוואַרצע ברואימלעך מיט קורצע עקלעך האָבן פלינק געשמייעט אין דער דאָזיקער נעץ. איך געדענק אויך, ווי איך האָב געשטופּט דער מוטער אין מויל אַריין אַ „מאַנפּאַנסיע", פון אַזאַ שיינעם קעס־

טעלע, וואָס דער פאָטער האָט נאָר־וואָס געעפנט. די מוטער האָט צו־נויפגעפּרעסט די ליפּן און געדרייט דעם קאָפּ: כלומרשט זי וויל ניט.

איך וואָלט געקאָנט שילדערן, וואָס פאַר אַ רושם אויף מיר האָט געמאַכט דער ערשטער אַריבערפאָר אויף אַ „פּאָראָם״, אויף דער ברייטער „דזווינע״ לעבן פּאָלאָצק; ווי פאַרכישופט איך בין געווען, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אַ „גרויסע שטאָט״...

זייט אייך משער אַ הויז, וואָס אין זיינע פענצטער זיינען דאָ פאָרהאַנגען און עס שטייען וואַזאָנעס, און איבער די פענצטער הענגען לייוונטענע דע־כעלעך אין פאַרביקע פּאַסן און מיט געצייכנדלטע ברעגן; און אינמיטן הויז איז אַ גלעזערנע טיר; אַרויפגיין צו דער טיר דאַרף מען אויף אַ בריקל מיט טרעפּלעך און פאַרענטשעס. און ווען מען עפנט די טיר, אָדער מען פאַרמאַכט זי, טוט זיך אויבן אַ טרייסל אַ גלעקעלע מיט אַזאַ נעימותדיקן געקלאַנג. און פון דער טיר גייט גראָד אַרויס אַ יונגערמאַן, אין אַ קאַפּעליוש מיט אַ שטעקעלע... זאָגט אַליין, קאָן עפּעס זיין שענערס אויף דער וועלט?

און אין אושאַטשי, אין דעם זיידנס הויז... ניין, שוין בעסער זיך גאָרניט אָנהייבן מיט אַזעלכע זאַכענישן...

ווען מיר זיינען איצטער געקומען קיין אושאַטשי, איז שוין געווען אַ שפּעטער זומער־אָוונט. די באָבע, מיט אַ טערקישן קנופּ אויף איר קאָפּ, איז געשטאַנען ביים הויז און געוואַרט אויף אונדז. די טויערן פון הויף זיינען געווען איינגעפאַלן און געלעגן אויפן הויף. אַלץ אַרום איז געווען אַזוי חושכדיק, אַזוי אָפּגעלאָזט.

באַלד האָט מען אין שטוב געמאַכט ליכטיק, און עס זיינען זיך צונויפ־געקומען קרובים, יונגע און עלטערע, צו באַגריסן די געסט. עס איז אָפּ־געמאַכט געוואָרן, אַז מיין שוועסטער וועט זיין דער באָבעס גאַסט און איך — דעם פעטער מיכלס. פלעג איך פאַרברענגען די צייט דאָ ביי אים אין הויף, דאָ אין שטעטל.

אין אושאַטשי בין איך דעמאָלט פאַרבליבן ביז נאָך די יום־טובים, טיף אין האַרבסט אַריין. וואָלט איך געווען עלטער אָדער אין אַן ערנסטערער שטימונג, וואָלט איך מסתמא אַרויסגעטראָגן מער מאַטעריאַל וועגן דעם לעבן פון אַ יידיש שטעטעלע, — אַ לעבן, וואָס איז געלעגן, אַזוי צו זאָגן, ווי אויף דעם לעפל פון דער האַנט: נעם, שטודיר און באַטראַכט.

בין איך אָבער גראָד יענעם זומער, משמעות, אַביסל „אַראָפּ פון וועג״, געלעבט אַ סך לייכטזיניקער „אין דעם טאָג אַריין״, איידער פריער. מיינע שוועסטער־קינדער, בחורים און מיידלעך, אַ גאַנץ היפּשע צאָל זייערע, אַלע אין מיינע יאָרן, אַביסל עלטער אָדער יינגער, האָבן אויך געלעבט „אין דעם

טאָג אַריין". ווי די גאַנצע יוגנט פון דעם שטעטל, זיינען אויך זיי אומגע־גאַנגען שלינג־און־שלאַנג, אפילו מיט אַ פינגער ניט געהאָלפן זייערע עלטערן, פאַרהאַוועטע אין די דאגות פרנסה. דאָס זיינען אַלץ געווען קאַנדידאַטן אויף חתנים און כלות, און אויב ווער עס איז האָט געטרוימט וועגן אַ וועלכן עס איז „תכלית", איז דאָס געווען — חתונה האָבן מיט נדן.

„געלערנט" האָט קיינער גאָרנישט ניט: ניט די יידישע, ניט די היינט־וועלטיקע לימודים. נאָר צוויי פון דער גאַנצער חבריא, געדענקט זיך מיר, זיינען געווען פאַרנומען מיט עפּעס. איינער האָט פאַרדינט זיין חיונה, ווי אַ „שרייבער" ביים „סטאַנאַוואָי פּריסטאַוו"; דער אַנדערער, דעם שוחטס זון, פלעגט צייטנווייז זיצן אין מנין און לערנען, איינער אַליין, אַ בלאַט גמרא.

צי האָב איך מיך ניט „אַ נעם געטאָן", צו פאַרזייען אין דער דאָזיקער יוגנט די זריעה פון דעם סאָציאַליזם? —אַז אסור! איך בין אַליין אַריינ־געצויגן געוואָרן אין דעם לייכטזיניקן לעבן, אָן אַן אינהאַלט, שלינגענדיק די נייע מיר אַזוי פרעמדע איינדרוקן, אָדער אַרומרייטנדיק אין דער געגנט, אָדער שטיפנדיק אינאיינעם מיט דער יונגער חברה גאַנצע טעג, ביים באָדן זיך, לעבן דער מיל. קיין חרטה דערויף האָב איך ניט. די יוגנט דאַרף האָבן אירס, און מיר, געעלטערטע פאַר דער צייט, האָבן זי אַזוי ווייניק גע־האַט, אַט די דאָזיקע זאָרגלאָזע יוגנט.

נאָר איין פרואוו פון „פּראָפּאַגאַנדע" האָב איך געמאַכט. עס האָט זיך מיר געוואָלט „אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג" גראָד יענעם שוחטס זון מיט די פייער־רויטע האָר, וואָס פלעגט אָפּט זיצן ביי אַ גמרא און לערנען.

מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן, אָפּט אַרומגעגאַנגען שפּאַצירן און גערעדט. גאַנץ פאַרזיכטיק, כמעט ווי אויף אַ סאַרקאַסטישן אופן, פלעג איך אים אויספרעגן און שטעלן מיינע קשיות. ניט קשיות, — נאָר שאלות על־פּי שכל. ער פלעגט זיי אויסהערן, אָבער אויף אַלץ האָט ער געהאַט זיינע תירוצים, וואָס פלעגן זיך כמעט אַלע מאָל אָנהייבן מיט „דאָס איז דאָך אַ דבר ידוע". אָבער אַמאָל איז ער אַריבערגעגאַנגען פון דער דעפענסיווע צו דער אָפענ־סיווע. ער האָט מיך גענומען אויספרעגן, וואָס דענק איך וועגן דעם און יענעם.

איך בין גלייך אַרויס מיט מיינע תירוצים, אין דעם נאָמען פון דער „ווויסנשאַפט" און די „נאַטור־געזעצן", אין וועלכע עס קאָן קיין ברעקל ספק ניט זיין פאַר קיין קלאָר־דענקענדיקן מענטשן. מיין בחור האָט אַלץ אויסגעהערט מיט אַן אָנגערוקט, פאַרגליווערט פּנים, און האָט געשוויגן.

זיין ענטפער האָט ער מיר געגעבן שבת אין שול צום דאַווענען. (ווען אין שטעטל, פלעג איך אָפט גיין מיט די קרובים אין שול. אין הויף, ביים פעטער מיכלען, פלעגט אַלע שבת זיין אַ מנין אינדערהיים). מען האָט אים אויפגערופן צו דער תורה. נאָך דער עליה און דער לעצטער ברכה, האָט ער פלוצלונג געמאַכט אַ „מי שברך" דעם ליובאַוויטשער רבין. איך געדענק שוין ניט, צי דאָס איז געווען פאַר „רב שמואלקען", צי דעמאָלט איז שוין געווען דער „נייער" רבי.

דעם „מי שברך" האָט ער געמאַכט מיט אַזאַ דבקות און התלהבות, און געקוקט אויף מיר האָט ער, גייענדיק צו זיין אָרט, מיט אַזאַ מיסטישער, ניט ערדישער התפעלות, אַז דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן רושם. דאָס האָט אויך געמאַכט אַן איינדרוק אויף דעם גאַנצן עולם.

איך האָב מיין „קרבן" געלאָזט צורו. ביסלעכווייז האָב איך מיר אויך פאַראינטערעסירט מיט דעם חסידיזם.

אָפטמאָל, אַ פרייטיק־צו־נאַכט, פלעגן זיך די פאַר חשובים און לומדים פונעם שטעטל, — דער שוחט מיט אַ פאַר זין זיינע, דער רופא, עפּעס נאָך אַ פאַר עלטערע יידן און מיין שוועסטער־קינד „לייזיע דעם פעטער מיכלס", — צונויפקלייבן ביים פעטער אין זאַל פאַר קבלת־שבת, און שמועסן, אָפטמאָל איבערזאָגן אַ נייע „תורה" פון ליובאַוויטש.

איך פלעג קיינמאָל ניט דורכלאָזן יענע אָוונטן. זיצנדיק אין אַ ווינקל אין גרויסן זאַל, אינאיינעם מיט די אַנדערע בני־בית, וואָס פלעגן דערביי קיין פּיפּס ניט טאָן, פלעג איך מיך איינהערן אין די רייד. דאָס רוב פלעגן דאָס זיין טונקעלע, מיסטישע פלאַנטערנישן און אַנצוהערענישן, אין וועלכע איך האָב מיך בשום אופן ניט געקאָנט פונאַנדערקלייבן, הגם איך האָב נאָך די פּנימער געקאָנט זען, אַז „זיי" וויסן אין דעם, וואו אויס און וואו איין, און שעפּן דערפון דעם גרעסטן נחת.

אַמאָל, אין אַזאַ אָוונט, איז פאָרגעקומען אַ קליינער עפּיזאָד, וועלכן איך האָב שוין, מיט יאָרן און יאָרן צוריק, באַשריבן. דער עפּיזאָד געהערט אָבער בפירוש אַהער און קאָן דאָ בשום אופן ניט דורכגעלאָזן ווערן.

נאָך אַ „תורה", — איך געדענק ניט, ווער עס האָט זי געזאָגט; דוכט מיר, דער פעטער אַליין, — אין וועלכער עס איז פיל גערעדט געוואָרן וועגן דעם ענין פון „ואהבת", איז דער עולם אַנטשוויגן געוואָרן.

די שטילקייט איז פלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן. איינער פון די מסובים האָט גענומען דערציילן:

„גייען צוויי שיכורע גוים, און איינער נעמט אַרום דעם אַנדערן, קושט אים און האַלדזט אים: „דאַ דושי ליובליו טעביע" (איך ליב דיך

באמת, זש.). מאַכט אים דער אַנדערער : „יאָק זשע טי מאָזשעש מיניע ליוביץ? אַ טשי טי זנאַאיש, שטשאָ או מאַיאָם האַרשקו דייאיצאַ? אַ טשי טי וויעדאַאיש, שטשאָ או מאַאיך זאַקראָמאַך דייאיצאַ?" (ווי זשע קאָנסטו מיך ליבן? ווייסטו דען, וואָס עס טוט זיך אין מיין טעפּל? ווייסטו דען, וואָס עס טוט זיך אין מיינע תבואה־קאַסטנס?" זש.)

ווידער אַ שווייגן...

און דאָ נעמט דער עלטערער זון דעם שוחטס און לאָזט אַראָפּ זיין האַנט אויף לייזיס קני, און זאָגט אַרויס מיט אַזאַ ביטער־טרויעריקן זיפץ :

— אַך, לייזיע, לייזיע! — זאַטשים טי ני זנאַאיש! זאַטשים טי ני וויעדאַאיש! („פאַרוואָס ווייסטו ניט! פאַרוואָס דערגייסטו ניט!" זש.)

לייזיע האָט זיך נאָך מער אָנגערוקט, האָט צונויפגעקנייטשט דעם שטערן מיט אַ מינע, וואָס האָט מסתמא, געדאַרפט הייסן : „דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער ענין, ניט פאַר דיין שכל צו פאַרשטיין"...

אָט דער קליינער עפּיזאָד איז פאַרבליבן פריש אין מיין זיכרון, ווייל ער האָט מיר פלוצלונג אַנטפּלעקט, אַז אויך ביי „זיי" טראַכט מען אין תוך אַריין וועגן די זעלביקע פּראָבלעמען, וואָס פּלאָגן אונדז, נאָר אויף אַן אַנדער שטייגער, מיט אַן אַנדער צוגאַנג, און אַן אַנדער באַלייכטונג...

31

אַמאָל אין אַ קליין שטעטל

ס'איז מיר איצטער אַ חידוש, פאַרוואָס איך האָב מיך אַזוי ווייניק אינטערעסירט מיט דעם יידישן לעבן אין דעם שטעטל אושאַטשי, וואו איך האָב פאַרבראַכט דעם גאַנצן זומער 1883. קיין ניט־יידיש לעבן איז דוכט מיר, דאָרט גאָרניט געווען. אַרום און אַרום רק יידן מכל המינים. פון וואָס האָבן זיי געלעבט? ווי האָבן זיי געלעבט? — איך האָב מיר ניט געשטעלט קיין שאלות און ניט געזוכט קיין ענטפערס. אין אַ רוסיש דאָרף וואָלט אַזאַ זאַך מיט מיר אסור געקאָנט פּאַסירן.

איך רעכן: איך בין פשוט אַריינגעשפּרונגען אין אַ יידישן שטראָם, האָב מיך לוסטיק „געפּליעסקעט" אין אים און זיך געפילט וואויל, גע־טראָגן פון דעם יונגן „עלאַן וויטאַל".

פונדעסטוועגן זיינען אין זיכרון פאַרבליבן אַ היפּש ביסל איינדרוקן, וואָס גיבן מיר איצט אייניקע וויכטיקע שטריכן פון יענעם שטעטלשן לעבן.

קודם די עקאָנאָמישע זייט. אַמאָל, אין יענע צייטן, ווען פּוילן איז נאָך געווען פּוילן, איז אושאַטשי, — אַזוי דערציילט מען, — געווען „אין פלאָר". דאָס שטעטל איז געשטאַנען נאָענט צו דער פּוילישער גרענעץ. (לויט דער „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ", האָט זי געהערט צו פּוילן און אין 1765 האָבן דאָרטן געוואוינט 611 יידן). אויף דער גרענעץ איז געפירט געוואָרן אַ קאָנטראַבאַנד־געשעפט ביד רמה, און יידן האָבן געהאַט פּרנסה בשפע. שפּעטער איז דער מעמד היפּש אַרונטערגעפאַלן; אָבער אין מיינע קינדער־יאָרן איז די פאַמיליע פון מיין זיידן, — די זייער צאָלרייכע וויינשטיין־פאַמיליע, — געווען די רייכסטע פונעם שטעטל און האָט געלעבט אויף אַ זייער ברייטן, נגידישן, איך וואָלט זאָגן, רייך־פּריצישן, אופן.

אין דעם זומער 1883 האָט אָט די פאַמיליע גאַנץ זיכער שוין געוויזן סימנים פון עקאָנאָמישער ירידה; אָבער „אויף דער אַנדער זייט טייך" האָבן געוואוינט היי זיך אין דער הייך נייע באַלעבאַטים, מיט אַ שניט

אין דער נגידות אַריין. קיין „מיוחסים“, ווי די ווײַנשטיינס, זיינען זיי אָבער נאָך ניט געווען.

די ירידה פון די ווײַנשטיינס האָט זיך געשפּירט אין דעם, צ״ב, וואָס דעם זיידנס הויז איז ניט רעמאָנטירט געוואָרן; דער איינגעפאַלענער טויער איז געבליבן אַזוי ליגן, אָן איינגעפאַלענער; די גרויסע שייערס אויפן הויף זיינען געשטאַנען ליידיק. די גרויסע „קלאַדאָוואַיע“, אַ צוגעבויטע צו דער שטוב, וואָס איז אַמאָל געווען אָנגעפּאַקט מיט כל־טוב, איז אויך געווען כמעט אַ ליידיקע. פונדעסטוועגן פלעגן די גאָר יונגע אייניקלעך נאָך אויך איצטער „טשאַטעווען“, ווען די באָבע פלעגט מיט דעם גרויסן שליסל עפענען די דעמבענע טיר, פון וועלכער עס טוט דיר אַ שלאָג דער ריח פון עפל, און פלעגן דערביי ניט שלעכט אָפּשניידן.

אין דעם פעטער מיכלס הויף איז דער „ברויז“ (אַ בראַנפן־זאַוואָד) געווען צוגעשלאָסן פון דער רעגירונג מחמת עפּעס אַן אַקציז־מעשה. די מיל האָט דער פריערדיקער אָנגעשטעלטער מילנער אויסגעדונגען ביי דעם „גראַף“. „לייזיע דעם פעטער מיכלס“ האָט געוואוינט אין שטעטל און געהאַלטן אַ בראַנפן־געשעפט, אַ מין מיטל־זאַך צווישן אַ „סקלאַד“ (אַן אַן־גראָ) און אַ פּשוטן שענק. עס פלעגט מיך ערגערן, ווען איך פלעג אין אַ מאַרק־טאָג זען, ווי לייזיע, אָדער זיין ווייב, שטייט און פאַרקויפט בראַנפן קוואַרטירלעך־וויַיז, און אויף דעם גרויסן הויף גייט אָן אַ טאַנץ פון „שקצים“ און „שיקסעס“ אונטער די טענער פון אַ דאָרפישער „דודע“.

די איבעריקע מיר באַקאַנטע באַלעבאַטים, קרובים און פרעמדע, — אַ חוץ די פּאָר כלי־קודש, — האָבן אָדער געהאַט קרעמלעך אָדער געלעבט „פון דעם מאַרק“, ד״ה, פון דעם אַרומיקן פויער.

דאָס גאַנצע שטעטל פלעגט ממש אָפּלעבן אין אַזאַ מאַרק־טאָג. אַרום די פיל גויאישע פורן, וואָס האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן ברייטן מאַרק־פּלאַץ, האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק, און אויך מחלוקתן פלעגן זיך פונאַנדערברענען, און פּעטש פלעגן פליען איבער אַ שעפּסן־פעלכל, אַ ראַנד וואַקס אָדער אַ בינטל חזיר־האָר.

קיין יידישע אַרבעטער האָב איך פאַר דער גאַנצער צייט ניט געזען. די בעל־מלאכות געדענק איך ניט. הגם עס האָט דאָך געמוזט זיין אין שטעטל לפּחות צו איין שניידער און שוסטער. דערפאַר האָב איך מיך דערוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון נאָך אַ יידישער פּרנסה, וואָס איז געווען פאַרטראַטן דורך אַ פּאָטער און איין, אָדער צוויי זין.

אין אַ שטילן פֿאַרמיטאָג איז דאָס געווען. מיר זיינען געשטאַנען, — אַ פּאָר בחורים און איך, — אין דרויסן. ערשט איבערן גאַס האָט זיך דורכגעטראָגן, ווי אַ פייל פון אַ בויגן, אַן עסקאַדראָן פערד אָן זאַטלען, — אַ גוטע פּופּצן אָדער צוואַנציק, — אויפהייבנדיק אַ היפּשן שטויב. אויף די פֿאָדערשטע צוויי פערד זיינען געזעסן צוויי יונגע בחורים און האָבן געקאַטעוועט די פערד מיט אַלע כוחות.

מיינע פריינט האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שמייכל.

— אַ גאַנצן טאָבון אַוועקגעפירט! — האָט מען מיר דערקלערט די פאַסירונג כמעט ווי מיט גדלות.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— אויף איין פערד איז געזעסן עליע, דעם פערד־גנבס בנאָק. (איך געדענק ניט, צי דווקא „עליע").

מען האָט זיך משער געווען, אַז דאָס פליט מען מסתמא פון ווייט; אפשר נאָך אין דער נאַכט איז דער עסק געמאַכט געוואָרן, און מען פליט צו די ציגיינער, אָדער ערגעץ־וואו אַנדערש, באַהאַלטן די פערד.

„עליע דער פערד־גנב" — אויב איך געדענק גוט דעם נאָמען, — איז געווען אַ באַלעבאָס אין שטעטל, מיט אַן אייגענער „שטוב", ווי אַלע אַנדערע באַלעבאַטים. פלעגט גיין אין מנין און אויך באַקומען עליות... קיין שיינע פרנסה איז דאָס ניט געווען, אָבער „מחוץ למחנה" איז דער פערד־גנב ניט געשטאַנען. און גערופן אים צווישן זיך האָט מען טאַקע: „דער פערד־גנב", ניט דער פערד־הענדלער: אַ „פּראָפעסיע" אַזאַ.

איך האָב געוואוסט, וואָס אַזוינס עס באַדייט אַ פערד פאַר אַ פּויער; וואָס עס באַדייט אַ גאַנצער טאָבון פאַר אַ דאָרף. איך האָב געוואוסט די רציחה, די אוממענטשלעכע אכזריות מיט וועלכער אונדזערע פּויערים פייניקן ביז צום טויט אַ פערד־גנב, ווען ער פאַלט אַריין אין זייערע הענט. מען קען זיך משער זיין, ווי אויף מיר האָט געווירקט די גאַנצע מעשה. עס האָט זיך פּלוצלונג אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ פאָדעם, וואָס בינדט צונויף די יידישע וועלט מיט דער גויאישער, און גראָד אַזאַ פאָדעם...

קיין אַנדערע סימנים פון „יידישער עקספּלואַטאַציע" האָב איך אין שטעטל ניט געזען. די עקאָנאָמישע זייט פון יענע „געשעפטן", וואָס פלעגן פאָרקומען אויפן מאַרק, אין די קראָמען און די שענקען, איז געווען פאַר מיר פאַרבאָרגן, און איך האָב ניט געהאַט קיין חשק צו טראַכטן וועגן דעם.

אַ סך אָנגענעמער פאַרן אויג איז געווען דער עקאָנאָמישער לעבן אין דעם פּעטערס הויף. דאָרטן איז טעאָרעטיש קלאָר געווען דער סאָציאַלער

אונטערשייד צווישן די יידישע באַלעבאַטים און די גויאישע קנעכט. אָבער פּאַקטיש האָט ער זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן.

געאַרבעט האָבן אַלע, — אויך די באַלעבאַטים, — און ניט גרינג. איך פלעג מיט הנאה זען, ווי דער פעטער פלעגט זיך אַרויפזעצן אינדער־פרי אויף אַ נידעריק פערדעלע און אָוועקפאָרן רייטנדיק אין די פעלדער אַריין. קיין העלדישע רייטער־פיגור האָט ער דערביי מיט זיך ניט פאָר־געשטעלט; טאַקע אַביסל קאָמיש האָט אויסגעזען מיין בכבודער פעטער אויף אַ פויערשן פערדל. צו וואַרמעס פלעגט ער קומען אַ פאַרמאַטער־טער. די מומע כיענע איז אויך געווען תמיד פאַרטאָן, פלעגט אַרומשמייען דעם גאַנצן טאָג איבער דער באַלעבאַטישקייט, באַזאָרגנדיק אַלץ, אויך פאַר די „פּאַראָבקעס״.

קיין סך גויאישע הענט האָבן דעמאָלט אין הויף ניט געאַרבעט. ניט קיין גאַנצער טוץ שיקסעס און גויעס און נאָר צוויי מאַנסביל. איינער, אַ האַלבער אידיאָט, וואָס פלעגט טרייבן אין פעלד די גענדז און פלעגט שרייען אויף זיי אין יידיש: „אַ בלענדזעלע אויף אייך!״ (אַ בראַנד זאָל זיי נעמען). דער אַנדערער, נאָך אַ יונגערמאַן, איז געווען דער האָן אין אָט דעם מענטשלעכן הינער־שטייג. איין שיקסע איז פון אים טראָגעדיק געוואָרן, און די מומע כיענע האָט געפּועלט, ער זאָל זי דער־קלערן פאַר זיין כלה און צוזאָגן חתונה האָבן מיט איר.

אָבער איינמאָל, אַ זונטיק, האָט ער זיך אָנגעשיכורט, אַרויסגענומען זיין „מאַטריאַ״ אין פעלד אַריין און האָט זי דאָרט אַזוי געמיטהט, גע־שלאָגן זי, די מעוברתע, מיט די שטיוואַלעס, וואו נאָר ער האָט געקאָנט טרעפן, אַז מען האָט זי, אַ צעבלוטיקטע, אַ געחלשטע, געדאַרפט אָפּ־גיסן מיט וואַסער און ברענגען צוטראָגן אַהיים.

די מומע איז געווען אויסער זיך. זי האָט געוואָלט, מען זאָל דעם בעל־דבר שוין פונאַנדעררעכענען און אים משלח זיין, און מאַטריאַ זאָל גאָרניט טראַכטן צו נעמען אַזאַ רוצח פאַר אַ מאַן! אָבער מאַטריאַ, געקומען צו זיך, האָט געפּראָטעסטירט: מאַלע וואָס עס קומט פאַר צווישן מאַן און ווייב!

— גויאישע בלוט! — האָט איינער דערביי געמאַכט די באַמערקונג.

וואָס איז שייך דעם גייסטיקן לעבן פון דעם שטעטל, האָט ער זיך בשום אופן ניט געוואָרפן אין די אויגן, אַ חוץ אין די פרייטיק־צו־נאַכט־אָוונטן ביים פעטער. ספרים זיינען אָבער געווען אין יעדן באַלעבאַטישן הויז, וואו איך פלעג נאָר אַריין. און ניט סידורים, מחזורים, תהילימס, נאָר אויך לומדישע און חסידישע שריפטן; ביי וועמען מער, ביי וועמען

ווייניקער. קיין „השכלה־ביכלעך״ זיינען ערגעץ ניט געווען, אפילו ניט אויף א רפואה.

די שטעטלשע יוגנט, מיט גאר קליינע אויסנאמען, האט זיך מיט קיין גייסטיקער זאך ניט געאינטערעסירט. אבער אלע האבן פריי געלייענט העברייאיש און אייניקע האבן אויך געקאנט „לערנען״. שארפע, וויציקע מוחות האבן זיי כמעט אלע פארמאגט. עס איז באמת געווען א תענוג צו הערן זייער געפלאפל אין אזא כאראקטער־פולער יידישער שפראך, אין וועלכער עס פלעגן זיך נאר דורכוואַרפן אייניקע ווייס־רוסישע ווערטער. זייער יידיש איז געווען א סך ריינער און קערנדיקער, איידער ביי אונדז אין וויטעבסק.

צו דער אלגעמיינער פאליטיק פון דעם לאנד האט אושאטשי ניט געהאט קיין ברעקל שייכות. פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג האט מען ניט געוואוסט. אז אט די באוועגונג איז פארבונדן מיט האפענונגען אויף א „קאנסטיטוציע״ און אז די קאנסטיטוציע איז גראד אן ענין, וואס האט צו טאן אויך מיט דער יידישער לאגע, איז גאר קיינעם ניט ארויף אויפן זינען.

נאר וועגן די פארשארפטע גזירות אויף יידן און די קלאנגען, אז מען וועט פארווערן יידן צו האנדלען מיט בראנפן, זיינען, נאטירלעך, דער־גאנגען אויך אהער. אבער מען האט זיי באטראכט, ווי א געוויינטלעכע זאך אין דעם יידישן לעבן: א צייט אזא, פון גזירות און רדיפות.

דער פעטער מיכל, וואס פלעגט אויסשרייבן א העברייאישע צייטונג (איך געדענק שוין ניט וועלכע: דעם „המליץ״ אדער די „הצפירה״), האט שוין יא עפעס אויפגעכאפט פון דעם נייעם שטייגער. ער האט געוואוסט: עס ווערט איצט געפירט אן „אנטיסעמיטישע פאליטיק״, און מען דארף אין דער פרעסע פארטיידיקן יידן.

מיט מיר האט ער א פאר מאל געפירט שמועסן אויף אט דער טעמע, פלעגט מודה זיין, אז עס זיינען דא געווען יידישע „ליגקע״ מעשים, פלעגט אבער מיט רעכט פראטעסטירן, וואס דער קיסר דרייט פון זיי א שטריק פארן גאנצן יידישן פאלק.

ער פלעגט טענהן צו מיר, ווי ער וואלט געטענהט צום קיסר:

— איך האב ביי דיר געגנבעט אקציז? איז פארשיק מיך קיין סיביר. וואס האסטו צו דעם גאנצן פאלק?

אויף דער טעגלעכער צייטונג, וואס פלעגט אנקומען צוויי מאל א וואך, פלעגט ער ווארטן מיט אומגעדולד, ווי אויך א טייל פון דער יוגנט, וגם אני בתוכם. קיין אנדער צייטונג איז ניט געווען.

מיט גרויס אינטערעס פלעג איך איבערלייענען אַלץ אין איר, און פלעג אַלץ מער אַריינגעצויגן ווערן, כמעט ווי אומבאַוואוסטזיניק, אין דעם קרייז פון די יידישע אינטערעסן און דעם יידישן לעבן. דער עיקר האָט מיך פאַראינטערעסירט די דיסקוסיע פאַר און קעגן דעם „פּאַלעסטינאָפילנטום". איך געדענק דעם קאָלאָסאַלן רושם, וואָס אויף מיר האָט געמאַכט אַ פּאָר אַרטיקלען פון מ. ל. ליליענבלום : „הלאומיים ומתנגדיהם" (די נאַציאָנאַ־ליסטן און זייערע קעגנער).

ליליענבלום איז ביי אונדז אַלע מאָל פאַררעכנט געווען פאַר אַ ראַדיקאַל, וואָס טראָגט אַריין דעם „פאַקל פון אויפקלערונג און אַנטוויקלונג" אין די פינצטערע מאַסן. מיר האָבן אים אויך אָפט גערופן : „דער יידישער פּי־סאַריעוו".

און באמת איז טאַקע געווען אין זיין שרייבן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אָן יענעם גרויסן רוסישן אויפקלערער. דער סטיל — פּונקט אַזאַ גלענצנדיקער און אין דער זעלביקער צייט אַזאַ פּשוטער און קלאָרער. די זעלביקע אייזערנע לאָגיק, דער אומבאַצווינגבאַרער שכל־הישר. און אויך דער זעלביקער גליענדיקער רעוואָלט אַנטקעגן אַלע אַלטע יסודות פון דעם לעבן.

קלאָרע לאָגיק, גלענצנדיקער ליליענבלומישער סטיל זיינען אויך געווען אין די אַרטיקלען, וועגן וועלכע איך רייד. אָבער רעוואָלט? קאַמף אַנטקעגן דער אַלטער וועלט? אין אָט דעם פּרט איז דער אַרטיקל געווען ווייט ניט כשר וישר.

איך געדענק שוין איצטער ניט זיין גאַנצן אינהאַלט. נאָר אַ פּאָר שטעלן האָט מיין זכרון אויפגעהיט אַזוי פריש און קלאָר, ווי איך וואָלט זיי איצט געהאַט פאַר מיינע אויגן.

ליליענבלום רעדט וועגן שלום־מאַכן מיט דער אַלט־פרומער וועלט צו־ליב אָן איינהייטלעכן פראָנט אין דעם קאַמף פאַר דער יידיש־נאַציאָנאַלער ווידער־באַלעבונג. ער דערוואַרט פון דעם לעזער די שאלה : „הגם אתה, מחבר ספר פלוני, במחזיקי הדת?" („אויך דו, דער מחבר פון יענעם און יענעם ספר ביסט מיט די קעמפנדיקע אָרטאָדאָקסן?" — אַ רמז אויף זיין באַרימטן אַפּיקורסישן ספר : „חטאת נעורים") און ער ענטפערט : ער האַלט נאָך עד היום, אַז „טוב יהודי בלי זקן מזקן בלי יהודי" („בעסער אַ ייד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ יידן"), אָבער... איך געדענק שוין ניט, וואָס „אָבער".

די ציטירטע שטעלן בין איך זיכער, אַז איך ברענג זיי אות באות. אַזוי טיף האָבן זיי זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. אַזעלכע זאַכן פאַרגעסט מען ניט.

הייסט עס, אַז ליליענבלום הייבט זיך אָן אונטערגעבן. די פראַגן, וואָס האָבן מיך דערביי פאַראינטערעסירט זיינען געווען: מוז דער יידישער נאַ־ציאָנאַליזם זיין פאַרבונדן מיט אַ צוריקקער צו דעם אַלט־יידישן גלויבן? איז דאָס אויך אַזוי ביי אַלע אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער, וואָס קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג? מוז נאַציאָנאַליזם זיין פאַרבונדן מיט גייסטיקער רעאַקציע? איז מעגלעך אַ פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם בכלל, אַ יידישער פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם בפרט? וואָס איז „נאַציע״? וואָס איז „פּראָ־גרעס״?

דאָס זיינען אַלץ פראַגן, וואָס האָבן מיך שפּעטער באַשעפטיקט טעאָרע־טיש אַ היפּש ביסל יאָרן, ביז איך האָב אויסגעאַרבעט די מיך באַפרידיקנ־דיקע ענטפערס.

ליליענבלומס לאָגיק האָט אין מיינע אויגן פאַרט ניט געקאָנט באַרעכ־טיקן זיין נייע שטעלונג צו דער פרום־נאַציאָנאַלער וועלט. מיין גאַנצער פריי־זין האָט געפּראָטעסטירט אַנטקעגן איר. מיט מער באַפרידיקונג, נאָך מער: מיט אַן אמתן נחת־רוח האָב איך דערפאַר געלייענט אין דעם זעלביקן אַרטיקל זיינע גלוטיקע אָנפאַלן אויף דער אַלט־יידישער פּאָליטיק, וואָס האָט ניט געוואוסט פון קיין קעמפנדיקער זעלבסט־באַפרייאונג. דער עיקר האָב איך אַנגעקוואָלן פון זיין העפטיקן אַרויספאַל אַנטקעגן די „באַראָנינו ו׳דעיסט־וויטעלני סטאַטסקי סאָוויעטניקינו״ („אונדזערע באַראָנען און דיווירקלעכע שטאַטסראַטן״ — געמיינט זיינען: דער באַראָן גינצבורג און דער ווירקלעכער שטאַטסראַט סאַמואיל סאָלאָמאָנאָוויטש פּאָליאַקאָוו — די צוויי גרויסע שתדלנים אין וועמעס הענט עס איז געלעגן די יידישע פּאָליטיק).

דער זומער אין אושאַטשי האָט מיך אָנגעזאָפּט מיט דער יידישער שפּראַך און מיט דעם יידישן לעבן, און האָט אַרויסגעבראַכט פאַר מיר די גרויסע יידן־פּראָגע אין איר ברייטסטן פאַרנעם.

דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן, ווען איך בין געקומען פון אושאַטשי קיין וויטעבסק. קיין באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַלער ייד בין איך זיכער אַלץ נאָך ניט געווען. אָבער איך בין שוין געוואָרן אַזאַ ייד, ביי וועמען די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דעם אויבנאָן, איז געוואָרן אין געדאַנק די צענטראַלע אַקס, אַרום וועלכער ס׳האָבן זיך גענומען דרייען אַלע אַנדערע פּראָבלעמען.

32

אויף דער װאָגשאָל צװישן אַסימילאַציע און פּאַלעסטינאָפּילנטום

אײן זאַך איז פֿאַר מיר געװען קלאָר, װען איך בין אין טיפן האַרבסט, 1883, צוריקגעקומען פון דעם יידישן שטעטעלע אושאַטשי קיין װיטעבסק, דער יידישער שטאָט: קיין „טיף ראָסיי" װעל איך שוין מער ניט פאָרן.

מיט טולע זיינען ביי מיר, װי אויך ביי שלמה־זאַװלען (אַנסקין) געװען פֿאַרבונדן געװיסע פּלענער. אמת, גאַנץ מטושטשע, זיך אַרומװיגנדיקע. אָבער ס'איז געװען אַ צענטראַל־פונקט, אַרום װעלכן זיי האָבן זיך אַרומגע־װיגט. דאָס איז געװען אונדזער לעבנס־אַרבעט, װי רוסן, צװישן דעם רו־סישן פאָלק. פאָנענטרעגער האָבן מיר געזאָלט זיין פון די נייע געדאַנקען װעגן װעלט און גאָט און פון די נייע אידעאַלן פֿאַר אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. קעמפער האָבן מיר געזאָלט ביי אים זיין פֿאַר דער פֿאַרװירקלעכונג פון יענע אידעאַלן אין זיין לעבן. און אין זיין לעבן, אין דעם לעבן פון דעם רוסישן פאָלק, האָבן מיר אַריינגערעכנט אויך די רוסישע יידן, װאָס װעלן, פֿאַרשטייט זיך, װערן פונקט אַזוינע רוסן, װי מיר.

צו אָט דעם צענטראַל־פונקט האָט מיין לעבן אין אושאַטשי צוגעשטעלט אַ גרויסן פֿראַגע־צייכן, דעם צייכן פון דער יידישער פֿראַגע. אַלע פּלענער און יוגנטלעכע פֿאַנטאַזיעס װעגן דעם לעבן װי אַ „רוס" צװישן „רוסן" זיינען מיטאַמאָל פֿאַרשטופּט געװאָרן ערגעץ־װאו װייט־װייט אין אַ הינטערגרונט. אין דעם פֿאָדערגרונט האָט זיך אַװעקגעשטעלט דער יידן־פּראָבלעם, װאָס האָט געקוקט אויף מיר, װי אַן אמתער ספינקס: „פֿאַרענטפער מיך, אָדער איך שלינג דיך איין".

דער יודאָפּילישער ענטפער פון דער רוסיש־יידישער פּובליציסטיק, מיט דער פֿאָדערונג פון גלייכע בירגערלעכע רעכט פֿאַר יידן, מיט דער אַפּאָלאָגיע פון דעם יידישן הענדלערטום, װאָס טוט גאָר אויף גדולות ונפלאות פֿאַרן רוסישן לאַנד, האָט מיך בשום אופן ניט געקאָנט באַגייסטערן. נאָך מער: ער איז געװען טיף צװאוידער מיין נשמה. איך האָב געשפּירט אין אים דעם שאַרפסטן װידערשפּרוך צו מיינע סאָציאַליסטישע אידייען און

אידעאַלן, וואָס האָבן געטראָגן אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם רוסיש־פּאָלקס־טימלערישן, אַגראַר־סאָציאַליסטישן כאַראַקטער.

סאַמואיל סאַלאָמאָנאָוויטש פּאָליאַקאָוו בויט אײַזנבאַנען פאַר רוסלאַנד. יענע אײַזנבאַנען זײַנען, לויט ניעקראַסאָווס באַרימטן ליד, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם אמתן סאָציאַל־עקאָנאָמישן פאַקט, געבויט אויף די סקעלעטן פון דער רוסישער פּויערימשאַפט. מײַן פעטער מיכל ברויט אין זײַן „ברויז" בראָנפן פאַרן רוסישן פאָלק (און גנבעט דערבײַ אַקציז). מײַן שוועסטער־קינד, לײַזיע, פאַרקויפט דעם בראָנפן דעם פּויער. דאָס גאַנצע שטעטל לעבט פון דעם דאָזיקן רוסישן פּויער. מײַן טאַטע דינגט אים אויסצוהאַקן די רוסישע וועלדער, וועלכע ער קויפט אָפּ בײַ דעם גרעסטן עקספּלואַטאַטאָר פון דעם רוסישן מוזשיק, בײַ דעם רוסישן פּריץ, און שיקט אַוועק די סחורה קיין אויסלאַנד. און די רוסישע דערפער זײַנען פול מיט צעפּוילטע, אין דר'ערד אײַנגעוואַקסענע הײַזקעס, באַדעקט מיט צעפּוילטע שטרויענע דעכער. דעם טאַטנס „סחורה", — ווי וואָלט דאָס זיי צוניץ געקומען.

אויף וואָס מײַן אויג זאָל ניט פאַלן אין דעם יידישן וואָכעדיקן טאָג־טעגלעכן לעבן, — אומעטום זעט עס נאָר איין זאַך, — אָט די, וואָס וועגן איר שטורעמען די אַנטיסעמיטן: די שעדלעכע ווירקונג פון דעם יידישן ענדלערטום אויף דער רוסישער פּויערימשאַפט, גראָד יענע שעדלעכע ווירקונג, וועגן וועלכער די רוסיש־יידישע פּרעסע וויל אַזוי טאַלאַנטפול־קונציק פאַררײדן די ציין.

עס האָבן זיך דעמאָלט אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז מען וועט אַוועק־נעמען בײַ יידן דעם האַנדל מיט בראָנפן; פון אײניקע דערפער האָט מען שוין טאָקע גענומען טרײַבן יידישע קרעטשמערס און שענקערס. דאָס איז ניט געווען אין אונדזער געגנט, אָבער דער יאָמער פון די אַרויסגעטריבענע האָט זיך דערטראָגן אויך צו אונדז. די גאַנצע יידישע וועלט האָט דאָס באַטראַכט, ווי איינע פון די שווערסטע גזירות, וואָס רוקן זיך אָן אויף אונדז.

געדענקט איר אפשר אַן אינטערעסאַנטן שיר פון דעם ריב"ל (ר' יצחק בער לעווינזאָהן), אָפּגעדרוקט אין אַ זאַמלונג פון זײַנע קלענערע זאַכן? דער שיר באַשרײַבט, ווי אַ פּויער קומט שיכורן אין אַ יידישער קרעטשמע, פון דלות און פאַרביטערטן האַרצן. דער דיכטער טראַכט צום סוף:

— ישתה וישכח רישו! (זאָל ער טרינקען און פאַרגעסן זײַן דלות!)

אָבער דער יידישער קרעטשמער טראַכט דערבײַ:

— ישתה וישקע חרישו! (זאָל ער טרינקען און פאַרזעצן זײַן אַקער־אײַזן!)

אַט דעם שיר האָב איך געמוזט האָבן געלייענט אַרום דער צייט, וואָס איך באַשרייב דאָ. ווייל צו אָפט פלעג איך מיך דערמאָנען אָן אים, טראַכטנ־דיק וועגן אונדזער יידישער ראַליע אין דעם רוסישן לעבן.

וואָס פאַר אַ טרייסט האָב איך געקאָנט געפינען אין שטשעדרינס ענט־פּער אויף דעם אַנטיסעמיטיזם: די רוסישע „קופּצעס", ראַזוואָי־ניקעס און קאַלופּאַיעוו, זיינען פּונקט אַזוי להוט נאָך דעם בלוט פון דעם „נאַר", ווי „שמואל", דער ייד?

די רוסישע קופּצעס זיינען נאָר אַ קלייניקער טייל פון דעם פאָלק, ביילן און געשווירן אויף זיין גוף. און מיר? זיינען מיר אויך נאָר אַ טייל פון דעם רוסישן פאָלק, — אַ טייל וואָס באַשטייט דורך־און־דורך פון ביילן און געשווירן? ווי איז אָבער, אַז מיר זיינען ניט קיין טייל פון דעם רוסישן פאָלק, ניט קיין טייל פון אַ באַשטימטן עקספּלואַטאַטאָרישן קלאַס זיינען? (דער טערמין: „בורזשואַזיע" איז ביי אונדז דעמאָלט נאָך ניט געווען אַזוי שכיח). ווי איז, — אַז מיר זיינען אַ באַזונדער פאָלק? איז — וואָס זיינען מיר דעמאָלט? דעמאָלט זיינען מיר דאָך, פשט־פשוט, פּאַראַזיטן אויף אַ פרעמדן לייב, פּיאַווקעס!

דרייט דעם ענין אַהין אָדער אַהער! פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, אַ פּאַר־מאַרקסיסטישן, וואָס האָט נאָך ניט געכשרט די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע, ווי אַ נויטווענדיקע און אַ נייטיקע פאַזע אין דער געשיכט־לעכער אַנטוויקלונג; פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, וואָס האָט נאָך ניט געזען אין דעם יידישן לעבן די יידישע אַרבעטערשאַפט (ניט געזען, ווייל ניט געקוקט אין יענער זייט); פון מיין סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט האָב איך געמוזט אַרויסטראָגן אַ „חייב מיתה", ניט אויף די איינצלנע יידן, נאָר אויף דער גאַנצער יידישער עקזיסטענץ פון די איינצלנע יידן.

די אַסימילאַציע, דאָס פולע פאַרשווינדן און צונויפגיסן זיך מיט דעם רוסישן פאָלק, אַזוי, אַז דער יידישער געשוויר זאָל זיך מיט קיין זאַך ניט אָפּשיידן פון דעם גויאישן געשוויר, און דער יידישער רעוואָלוציאָנער, דער קעמפער אַנטקעגן אַלערליי געשווירן, זאָל איבעררייסן אַלע זיינע מחזקות מיט אַט דער אייטערדיקער וועלט, אַראָפּטרייסלען איר שטויב פון זיינע שיך, און אַוועקגיין גאָר איינגאַנצן אין דעם לאַגער פון „מסירת נפש פאַר דער גרויסער ליבע", — אַט די אַסימילאַציע איז געווען דער לאָגישער, קאָנסעקווענטסטער ענטפער אויף דעם יידן־פּראָבלעם.

דער לאָגישסטער. אָבער פּסיכאָלאָגיש איז ער פאַר מיר שוין געוואָרן אַבסאָלוט אוממעגלעך. די קאָסמאָפּאָליטישע טעאָריע פון סתם־מענטשנטום האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין שליטה אויף מיינע טיפערע „געפילס־געדאַנקען",

— אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. איך האָב שוין אָבער קלאָר געפילט, אַז מיר זיינען ניט קיין רוסן, נאָר יידן. און איך אַליין? מיט מיר אַליין איז דער ענין גאָר און גאָר מוקשהדיק. בין איך באמת אַ רוס? אַט פונקט אַזאַ, ווי שטשעדרין, וואָס ווייסט עפּעס וועגן „אומבאַוואוסטזיניקע קאַפּריזן פון דעם ראַסן־טעמפּעראַמענט" בנוגע צו יידן? ניין! אין אַט דעם, גאַנץ נייעם זין פאַר מיר, בין איך ניט קיין רוס. בין איך אַ ייד? מיט וואָס בין איך אַ ייד? האָב איך אין זיך וואָסערע עס איז „אומבאַוואוסטזיניקע ראַסן־קאַפּריזן" בנוגע אַנדערע פעלקער? ניין. לחלוטין ניט. לגמרי ניט. איך האָב אָבער גאַנץ באַוואוסטזיניקע „ראַסן־־קאַפּריזן" בנוגע יידן. אָבער ניט נעגאַטיווע, נאָר פּאָזיטיווע.

וואָס איז דאָ צו פליאַדערן פאַר זיך אַליין? איך פיל מיך ווי אַ ייד. איך פריי מיך, ווי אַ קינד, ווען איך הער יענע יידישע אויפטוען, וואָס זיינען מיר סימפּאַטיש, — דער עיקר, די אויפטוען אין דער רעוואָלוציאָנערער און געדאַנקלעכער וועלט. עס שניידט מיך ביז אין ביין אַריין דער געדאַנק, אַז מיר זיצן, ווי „געשווירן", אָדער „פּיאַווקעס" אויף אַ פרעמדן קערפּער (אַ פרעמדן?!). עס באַליידיקט מיך ביז אין דער טיפסטער טיף פון דער נשמה, ווען מען דאַרף דעם יידן פאַרטיידיקן מיט דעם געדאַנק, אַז דער גוי איז ניט קיין קלענערער בלוט־זויגער, איידער ער.

און — דער עיקר! איך פיל מיך וואויל און גוט, היימיש און אייגן, גראַד אין דער דאָזיקער „געשווירן"־ און „פּיאַווקעס"־וועלט. איך האָב באמת ליב דעם מהות מענטש, דעם יידישן, אויף וויפיל איך בין מיט אים באַקאַנט געוואָרן אין לעבן. ער איז מיר אַ סך אַ סך נעענטער, אייגענער, איידער די פיל רוסן, מיט וועמען איך בין שטאַרק באַפריינדט און ענג צונויפגעבונדן דורך דער אידייען־געמיינשאַפט.

וואָס זאָל איך דאָ פליאַדערן פאַר זיך אַליין? איך בין דאָך אַ ייד. אלא וואָס דען? — פאַרשווינדן מוזן מיר פאַרט? וואָס פאַר אַ באַליידיקונג אי פאַר מיר, אי פאַר די, וואָס זיינען מיר ליב און טייער, — אַט דאָס, וואָס מיר האָבן ניט קיין אייגענעם „זכות הקיום"... וואָס פאַר אַ טראַגעדיע!

איז אפשר ליליענבלום מיט זיין יידישן נאַציאָנאַליזם און דעם גאַנצן פּאַלעסטינאָפילנטום פאַרט גערעכט?

דער אינטערעס צו דער ארץ ישראל פראַגע האָט, אַזוי אַרום, געמוזט ביי מיר פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין מיינע אויפגערודערטע שטימונגען און געדאַנקען.

די מעלה פון דעם דעמאָלטיקן פּאַלעסטינאָפילנטום איז באַשטאַנען קודם אין זיין לאַגישער אויסגעהאַלטנקייט און קאָנסעקווענץ. מיר זיינען

אַ פֿאָלק, אַ באַזונדער פֿאָלק, און דאָ ווערן מיר גערודפֿט, ווייל מיר זיינען אַ באַזונדער פֿאָלק. מוזן מיר אַוועק פֿון דאַנען און זיך איינאָרדענען אין אַן אייגענעם לאַנד, בפֿרט, אַז מיר „האָבן שוין" אַזאַ לאַנד, — דאָס לאַנד פֿון אונדזערע אבות. ווער קאָן אונדז פֿאַרווערן צו קומען אַהין און באַזעצן זיך?

די נאָך גרעסערע מעלה איז באַשטאַנען אין דער דעמאָלטיקער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אידעאָלאָגיע פֿון דער יונגער באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ רוף: „צוריק צו דער מאַמע ערד!" פֿון די באַשרייבונגען, ווי די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אָרדענען זיך איין אין דעם נייעם לאַנד, האָבן הילכיק און פֿריידיק געקלונגען פֿאַר מיר די טענער פֿון דעם אַגראַר־סאָציאַליזם, וואָס איז אַלע מאָל געווען און איז עד היום פֿאַרבליבן דער בעסטער אבן־טוב אין מיינע אידעאַלן.

און פֿונדעסטוועגן בין איך ניט געוואָרן קיין חובב־ציון.

מען זאָגט אויף מיר, אַז איך בין אַ היפּש ביסל לייכטזיניק אין מיין פּריוואַט־לעבן. דאָס קאָן זיין. אָבער אין די פֿראַגן פֿון אידייען און אידעאַלן קאָן איך מיך גאַנץ זיכער מיט אַזוינס ניט באַרימען. אמת, עס איז מיר ניט שווער אַריינצוטראַכטן זיך אין אַן אַנדערנס געדאַנקען־גאַנג, אָפּטמאָל ניט ערגער, איידער דער „אַנדערער" גופֿא. און איך האָב האָלד אַרומצו־שפּאַצירן אין פֿרעמדע גערטנער און סאָדן, ניט נאָר ווי אַ טוריסט, נאָר ווי אַ נייגעריקער „באָטאַניקער", וואָס אינטערעסירט זיך מיט יעדן בוים און פֿלאַנץ, ווי משונהדיק זיי זאָלן ניט אויסזען.

מיט געדאַנקען, אייגענע און פֿרעמדע, איז תמיד פֿול געווען מיין קאָפּ. אָבער ביז אַ וואָסער עס איז געדאַנק, — אַ פֿרעמדער אָדער אַן אייגענער, — וואָס טראָגט זיך אַרום אין מיין קאָפּ, דרינגט אַריין מיר „אין דיביינער אַריין" און ווערט אַ טייל פֿון מיין אייגענעם „איך", נעמט דאָס ביי מיר אַ סך צייט. דעם אמת געזאָגט, דוכט מיר, אַז די נטיה פֿון מיין דענקען איז אַ קריטיש־קאָנסערוואַטיווע, וואָס ווערט אַ ברעקל ניט נתפּעל פֿון „נייע נייסן" בלויז דערפֿאַר, וואָס זיי זיינען ניי. איך קאָן גייסטער, וואָס גראָד די נייקייט און אַנדערשקייט ווירקט אויף זיי, ווי אַ מאַגנעט. איך געהער ניט צו זייער צאָל.

אויך דעם פּאַלעסטינאָפֿילישן געדאַנק האָב איך פֿאַרשטאַנען, גוט דורכ־געטראַכט, געזען זיינע מעלות, אָבער קיין „געפֿילס־געדאַנק" איז ער מיר ניט געוואָרן. ער איז ביי מיר געהאַנגען אין דער לופֿטן, אויף אַ שאָל פֿון אַ וואָג, וואָס אויף איר אַנדערער שאָל איז געלעגן די אַסימילאַציע.

דעם פּאַלעסטינאָפֿילישן אַריבערוואָג ביי מיר האָט אַ היפּש ביסל גע־שטערט דער פֿאַקט, וואָס די פּראַקטישע באַוועגונג אין לאַנד, האָט לויט איר

אינעווייניקסטן תוך, גאַר ניט האַרמאָנירט מיט די סימפּאַטישע באַשרייבונ־גען וועגן דעם לעבן פון די יידישע קאָלאָניסטן אין ארץ ישראל. דאָרטן, אין די באַשרייבונגען, האָב איך געאָטעמט אַ לופט אַן אייגענע, אַ נאָענטע, אַ פרישע. דאָס איז געווען דער בוי פון אַן אַבסאָלוט נייעם לעבן אויף די יסודות פון אייגענער יידישער אַרבעט.

דאָ, אין דער ווירקלעכקייט פון דער חובבי־ציון באַוועגונג, האָט פון איר געשלאָגן גאָר ניט קיין אַנגעלייגטער ריח פון דעם אַלטן יידישן לעבן, פון יענער טראַדיציאָנעלער רעליגיעזער „יידישקייט", אַנטקעגן וועלכער מיר, די פריגייסטער, האָבן געהאַלטן פאַר אונדזער חוב צו קעמפן.

שוין ליליענבלומס קאָמפּראָמיסן, וואָס ער האָט געמאַכט דער פרום־יידישער וועלט אין זיין אַרטיקל „הלאומיים ומתנגדיהם", האָבן מיך שטאַרק פאַרדראָסן. נאָך אַפּשטויסנדיקער איז געווען דער פאַקט, וואָס אויף דער שפּיץ פון די חובבי־ציון אין וויטעבסק איז געשטאַנען אַ ייד, מיט דעם נאָמען ר' דוד טעוועלי אפרתי. ניט אין דעם נאָמען, נאַטירלעך, איז דאָס געלעגן, נאָר אין דעם מין ייד.

רבי דוד טעוועלי אפרתי, נאָך לפי ערך, אַ יונגער מאַן, האָט געשמט פאַר אַ גרויסן למדן, שיר ניט אַן עילוי. אינאיינעם — אָדער מיט דער הילף פון דעם אָרטאָדאָקסישן רב הילדעסהיימער, פון בערלין, האָט ער אַרויס־געגעבן אַ תלמודישע שריפט, דאַכט מיר, אונטער דעם נאָמען „קובץ יגדיל תורה", פאַר וועלכער אויך מיין פאָטער האָט געגעבן עפּעס פון זיינע „חידו־שים". דאָס, פאַרשטייט זיך, וואָלט נאָך אויך ניט אַזוי אויסגעמאַכט, הגם...

דער עיקר ענין איז אָבער געווען אין דעם, וואָס דער דאָזיקער ייד, רע־ליגיעז אַ ווילדער פאַנאַטיקער, איז דערצו געווען אַ סוחר, וועגן וועמעס סוחרישע געשעפטן עס האָבן זיך אַרומגעטראָגן גאָר ניט קיין געהויבענע קלאַנגען. ער זאָל האָבן געהאַט אַ „דיעלאָ" אויף זיך, ווייל ער האָט אַוועק־געשיקט טיי, האָט עס פאַרסטראַכירט, און אַנשטאָט דעם טיי איז דאָס גאָר געווען — פּעקעלעך צעשטויסענע ציגל. דער פּאַקעט האָט געזאָלט פאַר־פאַלן ווערן און... איך געדענק שוין ניט די פּרטים פון דער גאַנצער מעשה.

ביי אונדז אינדערהיים האָט מען וועגן דעם גערעדט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, ווי וועגן גנבענען אָקציז און נאָך אַנדערע בכבודיקע יידישע פּרנסות.

אָט דער טעוועלי האָט דאָס געדאַרפט ווערן מיין חבר און מורה־דרך, אויב איך זאָל האָבן צוגעשטאַנען צו דער חובבי־ציון באַוועגונג.

דער רוסישער ראַדיקאַל, דאָבראָליובאָוו, האָט ערגעץ־וואו געזאָגט (כדי צו ציטירן דבר בשם אומרו): „אַ ריינע זאַך פאָדערט ריינע הענט". דאָס איז אַלעמאָל געווען — און פאַרבליבן — אונדזער לאָזונג אין אַלע באַווע־

גונגען. אַזאַ גרויסע און הייליקע באַוועגונג, ווי די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג פון דעם יידישן פאָלק, און נאָך דערצו אויף אַגראַר־סאָציאַליסטישע יסודות.
— ווי קומען צו איר רב דוד טעוועליס הענט?

און אַזוי אַרום האָט די וואָג, מיט דער אַסימילאַציע אויף איין שאָל און דעם פּאַלעסטינאָפילנטום אויף דער אַנדערער, זיך געוויגט און געבויגן אַהין און אַהער, ביז אַן איבערלעבונג אין אָנהייב ווינטער 1884 האָט די „אַסימילאַציע" אינגאַנצן אַראָפּגעשליידערט פון דער וואָג.

33

די געבורט פון מיין גלות-נאַציאָנאַליזם

אין יענעם ווינטער (1883־1884) איז אין מיין צימער געהאָנגען אַ לאַנד־קאַרטע פון ארץ ישראל. ניט אַזאַ, ווי דאָס פרומע געמעלעכץ, וואָס איז געווען ביים זיידן משה אין אושאַטשי, וואו עס איז אויך אָנגעצייכנט געווען לוטס ווייב, אַ פאַרוואַנדלטע אין אַ שטיק זאַלץ.

ביי מיר איז געווען אַן אמתע געאָגראַפישע קאַרטע, מיטן ים הגדול אין בלוי און דער יבשה אין געל, מיט דעם ים־המלח און די מי־מרום מיט דעם ירדן און זיינע שפייז־פלוסן, מיט רעדעלעך פאַר די שטעט, מיט די באַרג־קייטן אין ברוין, — אַלץ ווי דער סדר איז. און אַלץ אין העברייאיש. מיין בליק פלעגט זיך מיט אמתער הנאה אָפּשטעלן אויף איר און אַרומ־וואַנדלען „איבערן לאַנד", „לארכה ולרחבה". שוין דאָס איז מיר געפעלן געווען אין איר, וואָס אַט, אַ קאַרטע, אַזוי צו זאָגן, אַ שטיקל אַלגעמיין־מענטשלעכע „וויסנשאַפט", אָבער אין אַ ריין־יידישער פאָרם.

פון וואַנען האָט זי זיך ביי אונדז גענומען? איך געדענק, דאָס איז געווען אַ מתנה פון מיין ברודער „בעבע", דעם איצטיקן „באַריס", וואָס וואוינט אין מאָסקווע אויף אַ פּענסיע פון דער סאָוועטישער רעגירונג, ביי וועמען ער האָט געדינט געטריי, ווי אַ ספּעץ.

בעבע האָט די קאַרטע מסתמא געקויפט ביי חיים קאַדזינער, יענעם מלמד, וואָס פלעגט אָפט אַריינגיין צו אונדז, מיט זיין קעצענעם פוטער אָנגעטאָן אויף איין אַרבל. אונטערן פרייען אָרעם פלעגט ער תמיד האַלטן עפּעס אַן „אַנטיקל" פאַר אונדז אָדער פאַרן פאָטער: אַ זעלטענעם אַלטן ספר, אַ געבונדענעם אַלטן יאָרגאַנג „השחר" אָדער „הקול". דאָס האָט ער דאָס מסתמא געבראַכט די לאַנד־קאַרטע.

איך רייד דאָ אַזוי פיל וועגן אָט דער קלייניקייט, ווייל קלייניקייטן, — זייט זיי ניט מבטל! — זיי שפּילן אָפטמאָל אַ גאָר היפּשע ראָלע אין אונדזער לעבן און אפילו אין דער גאַנצער גייסטיקער אַנטוויקלונג.

אָט די לאַנד־קאַרטע פון ארץ ישראל, געהאָנגען אויף דער וואַנט איבער מיין שרייב־טיש, האָט גאַנץ זיכער געוועקט אין מיר „שטימען פון בלוט", וואָס זיינען געלעגן איינגעדרעמלט.

עס איז מערקווירדיק און כאַראַקטעריסטיש, וואָס קוקנדיק אויף דער קאַרטע, מיט אירע היסטאָריש־באַרימטע פלעצער, האָט מיך קיינמאָל ניט געצויגן צו דער געשיכטע, וואָס האָט זיך דאָרטן אָפּגעשפּילט אַמאָל. גע־לעבט האָט זי, די אַלט־יידישע געשיכטע, אין מיר, אין אַ זייער מטושטשער פאָרם, אין די ברעקלעך זכרונות, וואָס זיינען פאַרבליבן פון חדר. און זיי זיינען אַלע געווען אָנגעזאַפּט מיט נסים און נפלאות און „נאַאיווע קינדע־רייען", וואָס איך האָב שוין איינמאָל פאַר אַלעמאָל מבטל געווען לגמרי.

מען באַשולדיקט די „בונדיסטן", אַז זיי מיינען, די יידישע געשיכטע הייבט זיך אָן מיט זייער אייגענער באַוועגונג. איך ווייס ניט, צי דאָס איז טאַקע געווען דער פאַל מיט די „בונדיסטן". אָבער אויב דאָס איז געווען אַזוי, איז אין דעם ניטאָ קיין ברעקל חידוש. אַנדערש האָט דאָס אין אונדזער גייסטיקער ספערע ניט געקאָנט זיין. מיר האָבן מבטל געווען ניט נאָר די יידישע געשיכטע, נאָר די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע ביז צו אונדז. אונדזער לאָזונג איז באמת געווען,—דער „אַטריעטשאָמסיאַ אָט סטאַראַוואָ מיראַ; אָט־ריאַכניאָם יעוואָ פּיל' ס'נאָשיך נאָג" (לאָמיר זיך אָפּזאָגן פון דער אַלטער וועלט; לאָמיר אָראָפּטרייסלען זיין שטויב פון אונדזערע פיס!).

שטויב אויף די שיך, — אָט דאָס איז פאַר אונדז געווען די גאַנצע אַלטע וועלט, מיט אירע רעליגיעס און פילאָסאָפיעס, מיט איר געזעלשאַפטס־אָרדענונג און איר לעבנס־שטייגער. צו אַ נייער וועלט, צו אַ נייעם לעבן, אַ ראַדיקאַל אַנדערן, איידער ביז אַהער, האָבן מיר געשטרעבט.

אויך די לאַנד־קאַרטע פון ארץ ישראל האָט גערעדט צו מיר ניט וועגן די אַלטע יידישע מלכים, נביאים, און קעמפערישע העלדן, ווי די חשמונאים. זיי זיינען מיר אין דער לינקער פּאה ניט געלעגן. גערעדט צו מיר האָט די קאַרטע וועגן דער נייער וועלט, וועגן די קאָמוניסטישע סטודענטן פון דער „ביל"ו", וואָס האָבן, — ווי איך האָב געגלייבט, — געטראָגן צו די ווייטע אַראַבער די זריעה פון אונדזער ברית חדשה, פון אונדזער נייער סאָ־ציאַליסטישער תורה.

ווערט דערביי אויך געבויט אַן אייגענער יידישער לעבן? דאַרף מען גראַד דאָ זוכן דעם ענטפער אויף דער אַזוי אַנגעווייטיקטער יידישער פראַגע? — דאָס איז פאַר מיר געווען אַ שאלה גאָר אַ האַרבע (ווי איך האָב דאָס דער־קלערט אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל). איך בין נאָך בכלל ניט געווען קיין באַוואוסטזיניקער נאַציאָנאַלער ייד. די רוסישע אַסימילאַציע, ווי דער ראַדי־קאַלסטער ענטפער אויף אונדזער פּראָבלעם, האָט נאָך געהאַלטן די וואָג איבער דעם נאַציאָנאַליזם.

פונדעסטוועגן פלעג איך ניט פארטרייבן פון זיך דעם געדאנק, וועלכן דער זיידע, ר' זלמן, האט ארויסגעזאגט, אויך מסתמא אנגערעגט פון דער זעלביקער געבענטשטער לאנד־קארטע.

דער זיידע, ר' זלמן, האט אמאל פארגעשלאגן, אז ער און „בעבע" און איך זאלן גאר אוועקפארן קיין ארץ ישראל, „קויפן" דארטן „א קאלא־ניע" און זיך באזעצן אויף תמיד. דעם זיידנס בענקשאפט נאך ארץ ישראל האב איך פארשטאנען. אן עלטערער ייד — און זייער א פרומער ייד, — וואס אזוינס האט פאר אים געקאנט זיין א גרעסערער אידעאל, איידער אויס־לעבן די יארן אין דעם הייליקן לאנד? דערצו האט ער דארטן געהאט א גאנצע משפחה, די שטיינהארדטס, — אלץ שוואגערס, און שוועגערינס, מיט קינדער און אפשר אויך שוין קינדס־קינדער. זיין ערשטע ווייב, מיין באבע, איז געווען פון די שטיינהארדטס (ר' חיים חריפס א טאכטער), און דער פעטער שלמה פון ירושלים, ווי אויך נאך א פעטער פלעגן זיין געסט אין אונדזער הויז חדשים־וויז.

בעבען איז דער דאזיקער פלאן דעם זיידנס געווען גאר צום הארצן. און — דעם אמת געזאגט, — אויך מיר איז ער געווען בשום אופן ניט אומ־סימפאטיש. ביי מיר אבער זיינען געשטאנען דעם פלאן אין וועג מיינע אינעווייניקסטע ספקות, דער פראבלעם, וואס האט מיך באמת געמאטערט: אסימילאציע אדער נאציאנאליזם? און אויב „נאציאנאליזם": איז דאס „פאלעסטינאפילנטום", מיט זיין אלץ קלארער ווערנדיקן רייך־רעאקציאנערן כאראקטער, דער אמתער ענטפער אויף דער שאלה?

פון אט די ספיקות האט מיך ארויסגעשטויסן, — איך וואלט געזאגט: ארויסגעשליידערט, — א ריין־ליטערארישע איבערלעבעניש. זי האט מיך א שטויס געטאן אויף א גאנץ אנדער וועג, וואס איז ניט אסימילאציע, ניט פא־לעסטינאפילנטום, אפילו ניט „נאציאנאליזם", אין דעם אלטן זין פון דעםווארט, אבער וואס איז פארט געווען, אין מיינע אויגן, דער ריכטיקער, נא־טירלעכער ענטפער אויף דער יידן־פראגע, אין פולער הארמאניע מיט מיינע סאציאליסטישע אידעאלן.

געשען איז דאס אין פעברואר 1884. איך האב דעמאלט געלייענט דאס יאנואר־ביכל פון די „אטיעטשעסטווענניע זאפיסקי", מיט שטשעדרינס א גאנץ נייער זאך: „דריי מעשהלעך".

ניי איז די זאך געווען, ווי די ווידערבאלעבונג פון א גאנץ אלטן, אבער פארלאזענעם זשאנר אין דער ליטעראטור: שילדערונגען פון דעם מענטש־לעכן לעבן, וואו די העלדן זיינען חיות אין וואלד און פיש אין טייך.

איך ווייס ניט, צי אין דער גאַנצער מענטשלעכער ליטעראַטור פון אַט דעם זשאַנר קאָן זיך געפינען אַ גלייכן צו יענע „דריי מעשהלעך", ווי אויך צו שטשעדרינס שפּעטערע דערגרייכונגען אין דעם זעלביקן זשאַנר. אַזוי פיל צונויפגעפּרעסטע לעבנס־קלוגשאַפט; אַזאַ שאַרפע פּסיכאָלאָגישע קלאָר־זעעוודיקייט; אַזאַ אײדעלע, הומאַנע טענדענץ; אַזאַ חידושדיקער שוואונג פון קינסטלערישן שאַפן! שטשעדרינס „פאַבלען" אָדער „מעשהלעך" זיינען אמתע פּערל; און פון די דריי ערשטע מעשהלעך איז אין מיינע אויגן געווען די בעסטע — „דער אַלטער וואָלף". אַז איך האָב זיי איבער־געלייענט, האָט דאָס ממש ווי מיט אַ האַמער אַ קלאַפּ געטאָן מיר איבערן קאָפּ. קלאָר האָב איך געזען פאַר זיך דעם נמשל פון דעם משל: „דער אַלטער וואָלף" איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די פּערסאָניפיקאַציע פון... דעם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד.

אַרבעטנדיק איצט אויף מיינע זכרונות, האָב איך נאָך אַמאָל איבער־געלייענט יענע שריפט, אין דער סאָוועטישער אויסגאַבע פון שטשעדרינס „געזאַמלטע ווערק", אונטער איוואַנאָוו־ראַזומניקס רעדאַקציע. איך האָב געוואָלט זען, צי איז ניט מיין דעמאָלטיקער איינדרוק פּשוט געווען אַ פּראָ־דוקט פון מיין היסטערישן צושטאַנד, מיט כמעט שוין פאַרטירופטע אידייען, וואָס האָבן אין יעדער זאַך געזען אָדער חושד געווען אַ רמז, אַן אַנדייט, אויף דאָס, וואָס האָט מיך בפועל ממש געפּייניקט: די פאַרשאָלטענע יידנפּראַגע.

איוואַנאָוו־ראַזומניק שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דער מעשהלע, ווייל אָבער געפינען אין דעם „אַלטן וואָלף" אַן אָפּשפּיגלונג אויף דעם צאַרישן רעזשים, ער גלייבט, אַז זי איז אָנגערעגט געוואָרן דורך דיעגאַיעווס טעראָ־ריסטישן אַקט אויף סודייקינען, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1883. איך האָב זי איצטער נאָך אַמאָל דורכגעלייענט, די מעשהלע, און בין געקומען צום שלוס, אַז ראַזומניקס אויסטייטש איז זייער אַ ווייטלויפיקער. עד־היום — און אין נאָך אַ גרעסערן גראַד איידער פריער, — איז מיר קלאָר, אַז מיט דעם „אַלטן וואָלף" האָט שטשעדרין געמיינט... אונדז! שורה פאַר שורה, וואָרט פאַר וואָרט גיט זי אונדז איבער שטשעדרינס בליק אויף דעם יידישן מהות, אויף די רוסיש־יידישע מחזקות, אויף דער צוקונפט פון דעם יידישן פאָלק און דעם סוף פון דער יידנפּראַגע.

אַ שאָד, וואָס איך קען דאָ ניט ברענגען די גאַנצע מעשהלע, אין אַ יידישער איבערזעצונג. אויב מיין אויסטייטש איז פאַלש, האָט ער, נאַטיר־לעך, קיין שום ווערט ניט פאַר דאָס שטודיום פון שטשעדרינס שאַפן. אָבער אַ ריכטיקער, צי אַ פאַלשער, איז דער אויסטייטש געווען אַ וויכטיקער, אַ

דיער וויכטיקער מאָמענט אין מיין אייגענעם לעבן, און טאָר ניט פעלן אין מיינע זכרונות.

„פון אַלע רויב־חיות", אַזוי הייבט שטשעדרין אָן זיין מעשהלע, „... איז דער וואָלף ווייניקער פון אַלעמען נוטה צו גרויסמוטיקייט. פונדעסטוועגן איז דאָס ניט זיין שולד, וואָס ער איז אַזאַ אכזר, נאָר מחמת ער האָט אַזאַ פאַרשאָלטענע קאָמפּלעקציע: קיין זאַך קאָן ער ניט עסן, אַ חוץ פליישיקס... מיט איין וואָרט, ער איז מחויב אָפּצוטאָן עפּעס אַ רציחה, אַ גאַזלאָוואַניע. ניט גרינג קומט אים אָן זיין חיונה. ווער עס איז שטאַרקער, פאַרטיידיקט זיך אַליין פון אים, און אַן אַנדערן, אַ שוואַכערן, העלפן אַנדערע. גייט ער טאָקע אַרום, דער וואָלף, זייער אָפּט אַ הונגעריקער און נאָך מיט אַנגע־בויקערטע זייטן דערצו. זעצט ער זיך דעמאָלט אַוועק, הייבט אויף זיין פּרצוף אין דער הייך און... יאָמערט אַזוי דורכנעמענדיק. און די וועלפּיכע זיינע, זי יאָמערט אונטער נאָך אומעטיקער, ווייל זי האָט וועלפּעלעך, און מיט וואָס צו שפּייזן זיי איז ניטאָ.

„ניט פאַראַן קיין איין חיה, וואָס זאָל ניט פיינט האָבן דעם וואָלף... מיט אַ חודש צוריק האָט דער וואָלף אַוועקגעשלעפּט ביי אַ גויע אַ שעפּס. ביי דער גויע האָבן נאָך ביז היינטיקן טאָג די טרערן ניט אויסגעטריקנט... און ביי אים איז זינט יענער צייט אפילו קיין מאָנעלע ניט געווען אין מויל: די שעפּס האָט ער אויפגעפרעסן, און קיין אַנדער שעפּס צערייסן האָט זיך ניט געמאַכט... אי די גויע יאָמערט, אי ער יאָמערט... גיי, קלייב זיך דאָ פונאַנדער!

„מען זאָגט, אַז דער וואָלף מאַכט אומגליקלעך דעם פּויער. אָבער אויך דער פּויער, אַז ער גייט אַריין אין כעס, אוי, ווי ער ווערט דאָס ווילד. אי מיט אַ דובינע שלאָגט ער אים, אי פון אַ ביקס שיסט ער... איז מיט וואָס איז ער אייגנטלעך שולדיק, אַז אַנדערש קאָן ער זיך ניט דורכשלאָגן אויף דער וועלט?

„ער קאָן ניט אַנדערש לעבן אויף דער וועלט, — אָט דאָס איז מיט אים די צרה. אָבער ער פאַרשטייט דאָך דאָס ניט. אויב מ'רופט אים רוצח, רופט ער דאָך אָן רוצחים אַלע יענע, וואָס רודפן אים, פאַרהיגגערן אים, טייטן אים. קאָן ער דען פאַרשטיין, אַז מיט זיין לעבן טוט ער אָן שאָדן אַנדערע לעבנס? ער טראַכט, אַז דאָס לעבט ער נאָר, און מער גאָרנישט".

שטשעדרין באַשרייבט דאָ אַן עפּיזאָד, ווי אַזוי דער וואָלף האָט זיך שוין פאַרמאָסטן אין זיין קוראַזש, אַז ער איז אַנגעפאַלן אויף דעם בער, מיכאַילאָ טאָפּטיגין. דער בער האָט אים אַריינגענומען אין זיינע לאַפּעס, אָבער אַנשטאָט צו ממתין אים, האָט ער אים גאָר גענומען זאָגן מוסר, ער

זאָל ניט זיין אַזוי להוט נאָך רציחה, און אויב ער וועט ווערן שטילער, וועט ער אים אַרויסלאָזן אַ לעבעדיקן.

דער וואָלף האָט אָבער אַזאַ צוזאָג ניט געקאָנט געבן. מען קאָן ניט, טענהט ער, פאַרגלייכן אַ וואָלף צו אַ בער. אַ בער, — ער קאָן אי האָניק אַ נאַש טאָן, אי האָבער אַ זויג טאָן. אַ וואָלף אָבער, — רק פלייש און נאָר פלייש.

טראַכט זיך טאַפּטיגין: „אויב עס דאַרף אַזוי זיין, אַז אַ וואָלף זאָל לעבן אויף דער וועלט, הייסט עס, אַז אויך ער האָט אַ רעכט אויף זיין חיונה".

סוף־סוף, לאָזט אים טאַפּטיגין אַרויס מיט די ווערטער: „ביסט די עכסט־אומגליקלעכסטע חיה, — אָט וואָס איך וועל דיר זאָגן... איך קאָן דיך ניט משפּטן... נאָר איין זאַך וויל איך נאָך צוגעבן: אויף דיין אָרט וואָלט איך דעם טויט באַטראַכט, ווי אַ גליק פאַר זיך! און דו טראַכט זיך אָקאָרשט אַריין אין מיינע ווערטער".

דער וואָלף איז אַלט געוואָרן, שוואַך געוואָרן, און אויך רחמנות־געפילן האָבן זיך ביי אים דערוועקט... אויף דער עלטער. ער האָט אָוועקגעשלעפּט אַ יונג שעפּסעלע, אָבער דאָס האָט געגומען אַזוי ביטערלעך וויינען, אַזוי בעטן זיך צו דער מאַמען, אַז דער וואָלף האָט עס אָפּגעלאָזן. פאַראומערט און פאַרצאָגט פלעגט ער אומגיין מיט איינגעפאַלענע זייטן, ביז פּריצים האָבן געמאַכט אַ געיעג אויף אים.

אָבער דער אַלטער וואָלף איז ניט אַנטלאָפן פון זיינע פיינט. ער איז גע־גאַנגען גלייך אויף זיי, און ווען די קויל האָט אים געטראָפן אין שטערן אַריין, צווישן די אויגן, האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

„אָט איז ער... דער טויט, דער גואל ומושיע!..." — — — —

אַזוי! גאָר וועלף זיינען מיר? שטאַרבן?! זיך אַסימילירן? אויפהערן צו זיין אַ פאָלק? אַז — ניט דערהאַרן זאָלן זיי אַלע!

איך האָב געציטערט פאַר אויפרעגונג און כעס, ווען דער „נמשל" איז תיכף און טיף אַריין „אין מיינע ביינער". ניט אויף שטשעדרינען בין איך געווען אין כעס. ער האָט געוואָלט אַזוי מענטשלעך, אַזוי טיף אַריינטראַכטן זיך אין דער קעגנזייטיקער טראַגעדיע... „שמול", דער זשיד, אָט דער וואָס מאַכט אַזוי קאָמיש מיט די ליפּן, בעת ער „זשויגט" דעם „נאַר", — ער קאָן נעבעך ניט אַנדערש. און אַלט איז ער, ווי אַ פאָלק, און אויך אין זיין האַרצן האָבן זיך געגומען באַוויזן רחמנות־געפילן (יידישע סאָציאַליסטן?). כ'לעבן, די בעסטע זאַך פאַר „שמולן", איז פאַרשווינדן, אויפהערן צו לעבן, ווי אַ פאָלק. דעמאָלט וועט ער און „טאַפּטיגין" ווערן איינס...

איך קאָן ניט זאָגן, אַז אין מיין מוח זיינען די געדאַנקען דעמאָלט געלאָפן אין אַ וועלכן עס איז לאָגישן סדר. דאָס זיינען געווען מער אויפ־געברויזטע נאַציאָנאַלע ערע־געפילן. איך האָב מיך געפילט טיף באַליידיקט. אַ שטראָם פון שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ און האַרצן. אַזוי! מיר וועלף? אָט די אַלע מיינע, וואָס אַרום מיר, — וועלף? און אַזוי קוקט אויף אונדז אַ... שטשעדרין! מענטשן זיינען מיר, נאָך בעסערע און מענטשלעכערע, איידער איר אַלע. אונדז וועט „טאָפּטיגין" זאָגן מוסר וועגן „ואהבת?!"

מענטשן זיינען מיר, און מיר וועלן בויען אונדזער מענטשלעך לעבן, און כל־זמן איר לעבט ווי אַ פאָלק, וועלן מיר אויך לעבן ווי אַ פאָלק. און טאַקע דאָ אין לאַנד! רוסלאַנד איז אַזוי גוט אונדזערס, ווי אייערס!

נאָך אַמאָל: ניט קיין קלאָרע געדאַנקען זיינען דאָס געווען. אויפגע־רודערטע „געפילס־געדאַנקען", אָט די, וואָס אין זייער אויפברויז ווערט אַרויסגעשליידערט פון מוח אַלץ, וואָס גייט להיפוך צו זיי; אָט די, וואָס זעצן זיך נאָכדעם אָפּ אין פלייש און בלוט. די אַסימילאַציע איז פאַרשוואונדן געוואָרן ביי מיר ווי רויך.

דער יידישער „גלות־נאַציאָנאַליזם" איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן ביי מיר: יידיש־נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט אויף סאָציאַליסטישע יסודות אין רוסלאַנד גופא, איז געווען די ערשטע קלאָרע פאָרמולירונג פון זיין ענד־ציל.

אָבער ווי גיין צו אים? אויף וועלכע וועגן?

34

מיין נייע וועלט

דער צונויפברוך פון דעם אַסימילאַטאָרישן אידעאַל און דער פּלוצים־דיקער אויפברויז פון מיין יידישן נאַציאָנאַליזם אין דער פאָרם פון אַ באַ־ליידיקטן ערך־געפיל, זיינען געווען אַ גרויסע פאַסירונג אין מיין לעבן.

דאָס איז ניט געווען קיין רעזולטאַט פון אַ טעאָרעטיש גוט־איינגעפונ־דעוועטן און לאָגיש גוט־דורכגעטראַכטן אידייען־גאַנג. אָבער די ריכטיקייט פון יענעם אמת, אַז מיר זיינען אַ באַזונדער פאָלק און אַז עס מוז פאָרקומען אַ ראַדיקאַלער איבערקער אין אונדזער גאַנץ יידיש לעבן, איז געשטאַנען אַזוי קלאָר פאַר די אויגן, אַקוראַט ווי איך וואָלט דאָס אַרויסגעבראַכט אויף דעם סמך פון אַ מאַטעמאַטיש־פּינקטלעכער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג.

איצט ווייס איך, ווי אַזאַ אינטעלעקטועלער צושטאַנד ווערט אָנגערופן. דאָס איז די אינטואיציע: די קלאָר־זעעוודיקייט ניט מיט דעם לאָגישן פאַר־שטאַנד, וואָס געפינט עפּעס אויס, נאָר מיט דער גאַנצער נשמה, וואָס זעט עפּעס איין. עס איז באמת ווי ווען מען וואַכט אינגאַנצן אויף פון אַ דרעמל, אין וועלכן פאַנטאַסטישע עלעמענטן זיינען נאָך צונויפגעמישט מיט רעאַלע איינדרוקן. מען עפנט אויף די אויגן. די פאַנטאַסטישע עלעמענטן פאַר־שווינדן. מען זעט באַשיינפערלעך, וואָס איז וואָס.

די ערשטע צייט נאָך אָט דער איבערלעבונג האָב איך מיך געפילט זייער געהויבן און זיכער. און דער געפיל אין מיר איז געווען אַזוי שטאַרק און אַזוי ניי, אַז איך האָב מיך געמוזט טיילן מיט אים מיט מיין נאָענטסטן פריינט ש. אַנסקי.

אַ לאַנגן בריוו האָב איך אים געשריבן (נאַטירלעך, אין רוסיש). איך געדענק איצטער ניט זיין אינהאַלט. איך געדענק נאָר, אַז ער איז געווען אַן אויסגוס פון מיינע געפילן, אַ באַשולדיקונג אי אַנטקעגן זיך, אי אַנטקעגן אונדזער גאַנצן קרייז, פאַרוואָס מיר האָבן זיך אָפּגעקערט פון אונדזער פאָלק.

די לאָגיק אין דעם בריוו איז מסתמא געווען גאָר אַן אָרעמע, און די געפילן אפשר גראָב שאָוויניסטיש, הגם קיין שאָוויניסט בין איך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געווען.

אַנסקיס ענטפער האָט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך, וואָס דאָס פלעגט קיינמאָל ניט פּאַסירן אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט מיר. ענדלעך האָב איך אים נאָך אַמאָל אָנגעפרעגט, אַביסל בייזלעך און שטעכיק: צי וויל ער אפשר בכלל איבעררייסן די פריינטשאַפט מיט אַזאַ מהות מענטש, ווי איך בין איצטער.

זיין ענטפער איז געווען אין אַ זייער טרויעריקן טאָן. איך געדענק ניט דעם פולן אינהאַלט (באמת אַ גרויסער שאָד, וואָס איך האָב דעם בריוו ניט אויפגעהיט). ער האָט אַזוי לאַנג ניט געשריבן, טיילס, ווייל ער איז טאַקע געווען ניט אינגאַנצן געזונט, און טיילס, ווייל עס איז אים זייער שווער אויפן האַרצן, ווען ער דאַרף ענטפערן מיר אויף אַזאַ בריוו.

אויף מיין צושטאַנד קוקט ער איצט ווי אויף אַ צייטווייליקער נערוויאיש־קייט, וואָס מוז אַריבערגיין. „חיים" און „שאָוויניזם" זיינען זאַכן, וואָס פאַרן זיך ניט. דאָס אָבער, וואָס איך האָב אים געשריבן, איז דער ריינסטער שאָוויניזם, ווי מען קאָן אים הערן פון יעדן אַלטן יידן אין שול און פון יעדן איצטיקן רעאַקציאָנער, וואָס אַנטלויפט צוריק אין דעם אַלטן לאַגער.

אַנסקיס שטעלונג איז מיר געווען פאַרשטענדלעך. זי איז געווען געטראָגן פון אַ גרונט־געדאַנק, אין וועלכן אויך איך האָב נאָך ניט אינגאַנצן אויפ־געהערט צו גלייבן. ער קאָן פאַרמולירט ווערן אַזוי:

די אַלטע וועלט איז איין וועלט, אַ גאַנצע, אַן אָפּגעשלאָסענע, מיט אַלע אירע יסודות. די נייע וועלט איז ווידער איינע, אַ גאַנצע, האַרמאָניש אָפּגע־שלאָסענע אין איר אַפּלייקענען אַלע אַלטע יסודות. קיין בריק צווישן „אַלט" און „ניי" קאָן ניט געבויט ווערן. דער נאַציאָנאַליזם איז איינער פון די וויכטיקסטע יסודות אין דער אַלטער וועלט. נעמט מען אים אָן, דאַרף מען אויך אָננעמען אַלץ אין דער אַלטער וועלט ביז צו תפילין און מזוזות. און ביז צו „דינא דמלכותא דינא". ס'איז אָדער רעוואָלוציע, אָדער נאַציאָנאַליזם.

איך האָב אָבער מיט מיין גאַנצן „יש" געצומען שפּירן, אַז דאָ איז עפּעס ניט אַזוי פשוט, ווי דאָס קומט אויס — על־פּי אונדזער שכל הישר. פּיל איך דאָך מיט מיין גאַנצן „יש", אַז איך בין טריי איבערגעגעבן צו אַלע יסודות פון אונדזער נייעם וועלט־באַנעם; אַז גראָד די רעאַקציאָנערע זייטן פון דעם פּאַלעסטינאָפילנטום האָבן מיך אָפּגעשטויסן פון אים. אָבער אַרויסברענגען לאָגיש קלאָר מיין בליק אויף דעם נאַציאָנאַליזם (איז דאָס באמת „נאַציאָנאַליזם"?), באַווייזן, אַז ער איז גראָד ענג צונויפגעוואַקסן מיט סאָציאַליזם, רעוואָלוציע און דעם אַבסאָלוט פרייען געדאַנק, — דאָס בין איך דעמאָלט אַבסאָלוט ניט געווען ביכולת.

איך געדענק, אַז אונדזער קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אויף אַ היפּשער צייט איבערגעריסן. עס איז אַריינגעטראָטן אַ „בין־השמשות" אין אונדזער פריינטשאַפט: דער איינציקער „בין־השמשות" אין דער גאַנצער זוניקער צייט פון אונדזערביידנס ברידערלעכער ליבע.

אָט דער „בין־השמשות" האָט אָנגעהאַלטן ביז 1887, ווען עס איז אַרויס מיין ערשטע אַרבעט אין רוסיש, וועגן וועלכער — שפּעטער.

מיר האָבן זיך אין אָט דער צייט ווידער גענומען דורכשרייבן. מיר פלעגן זיך אָבער היטן אָנצורירן דעם אָנגעווייטיקטן פּונקט. איך געדענק, איך פלעג אים נאָך צושיקן מיינע לירישע לידער (אין רוסיש) און ער פלעגט מיר שרייבן זיין מיינונג וועגן זיי.

אַנסקיס פּראָטעסט אַנטקעגן מיין „נאַציאָנאַליזם" האָט געפירט דערצו, איך זאָל דעם ענין אויף וויפיל מעגלעך אויסמיידן אין די געשפּרעכן מיט מיינע צוויי אַנדערע פריינט, סאַמואיל גורעוויטש און באָריס רײנוס. איך האָב געוואוסט, אַז זייער שטעלונג וועט זיין ניט קיין אַנדערע, איידער אַנסקיס, און אַז אין זייערע ענטפערס, — בפרט אין ריינוסעס בייסנדיקן סאַרקאַזם, — וועל איך אַ סך ווייניקער געשוינט ווערן, איידער אין אַנסקיס בריוו.

קלאָר איז פאַר מיר געווען, אַז דער ענין נאַציאָנאַליזם בכלל און יידי־שער נאַציאָנאַליזם בפרט, אין זייער שייכות צו „פּראָגרעס" און „רעאַקציע", איז זייער אַ האַרבער ענין, וואָס דאַרף ערשט אויסגעשטודירט ווערן און טעאָרעטיש קלאָר געמאַכט ווערן.

אַזוי אַרום איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן דער טעאָרעטישער פּראָבלעם: „סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם", אויף וועלכן איך האָב געאַרבעט יאָרן לאַנג, ביז איך האָב אויסגעפונען דעם ענטפער, וואָס האָט מיך באַפרידיקט.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז נאָר אָט דער ענין האָט מיך פאַראינטערעסירט אין דער וועלט פון דעם טעאָרעטישן געדאַנק. עס איז דעמאָלט נאָך פאַר מיר געווען די צייט פון דעם אמתן טעאָרעטישן הייס־הונגער; איך האָב מיך געוואָרפן אויף יעדער פראַגע, אויף יעדן ערנסטן בוך, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פון אונדזער פּראָגרעסיוון וועלט־באַנעם.

די גייסטיקע וועלט פון די זעכציקער יאָרן, מיט אירע טשערנישעווסקיס, פּיסאַריעווס, זאַיצעווס, דאָבראָליובאָווס, איז ביסלעכוויז פאַרבלאַסט געוואָרן ביי מיר. אַנדערע נעמען, אַנדערע גייסטיקע וועלטן, פיל טיפערע און פונ־דאַמענטאַלערע, האָבן פאַרנומען זייער אָרט.

אַט איז פערדינאַנד לאַסאַל. זיינע אַגיטאַציע־רעדעס האָב איך געקאַנט נאָך פון פריער. אָבער זיין פּאָלעמיק אַנטקעגן באַסטיאַ־שולצע („קאַפּיטאַל און אַרבעט״) האָב איך ערשט דעמאָלט דורכגעשטודירט, אין דעם דייטשן אָריגינאַל! (דאָס בוך האָט מיר געליען מיין פריינט, ס. גורעוויטש).

אָט איז (אוף!) קאַרל מאַרקס בכבודו ובעצמו. איך האָב געהאַט דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל״ אין אַ רוסישער איבערזעצונג און זיין „עלענד דער פילאָסאָפיע״ (אַ פּאָלעמיק אַנטקעגן פּרודאָנען) אין דייטש.

וויפיל שעהן אָנגעשטרענגטע גייסטיקע אַרבעט האָט דאָס מיך געקאָסט, ביז איך האָב איינגעביסן, צעקייט און אַסימילירט אין זיך זיין „ווערט״ און „מערווערט״־לערע!

אפילו צו לייענען קאַנטס „קריטיק פון דעם ריינעם שכל״ (אין אַ רוסי־שער איבערזעצונג) האָב איך מיך דעמאָלט פאַרמאָסטן; האָב דאָס אָבער באַלד אָוועקגעוואָרפן: צו שווער. מאַרקסן, וואָס איז געווען ניט אַ סך גרינגער, מוז מען איינבייסן; מען מוז קלאָר איינזען, פאַרוואָס „צוואַנציק איילן לייוונט״ קאָנען צוגעגליכן ווערן צו אַ „ראָק״; ווי אַזוי עס ליגט אין דעם פאַרבאָרגן דער סוד פון „עקספּלואַטאַציע״ און ווי אַזוי דערפון וואַקסט אַרויס דער געוואוטשענער וויסנשאַפטלעכער אויספיר: „די עקספּראָ־פּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרס״ — דער סאָציאַליזם.

קאַנט אָבער, מיט זיינע חידושים דק מן הדק, ווי אַזוי דער „רוים״ און די „צייט״ זיינען גאָר ניטאָ אין דעם „רוים״ און אין דער „צייט״, נאָר ער־געץ־וואו... ווער ווייסט וואו... עט! מען קאָן זיך באַגיין אָן אים, אַזוי האָב איך דעמאָלט געטראַכט.

אין פאַרגלייך מיט אָט דער סאָלידער גייסטיקער שפּייז, זיינען די ווערק פון די גרויסע רוסישע „אויפקלערער״, פון די פּיסאַריעוס און דאָבראָליובאָווס, אפילו פון אַ סך שריפטן טשערנישעווסקיס, געווען אין דער אמתן אַ מין קינ־דערשע מאַנע־גרייפּלעך.

מיט דעם פאַרבלאַסן פון די אַלטע ראַדיקאַלע אויטאָריטעטן, זיינען אויסגעוואַקסן אין חשיבות די צוויי נייע גייסטיקע פירער: נ. ק. מיכאַי־לאָווסקי און פּיאָטר לאַווראָוו. דעם גרעסטן רושם האָט אויף מיר געמאַכט מיכאַילאָווסקי. די גאַנצע אָריגינאַליטעט און וויכטיקייט פון זיין נייעם צוטריט צו טעאָרעטישע פּראָבלעמען איז מיר דעמאָלט נאָך ניט געווען קלאָר. אָבער איך האָב בפירוש געשפּירט, אַז אָט דער נייער געדאַנקען־גאַנג שטופּט אָוועק ערגעץ־וואו אָן אַ זייט דעם גאַנצן מאַטעריאַליזם, סיי אין דעם וועלט־באַנעם, סיי, — וואָס איז נאָך וויכטיקער, — אין דעם לעבנס־בליק און אין די מאָראַלישע פּראָבלעמען. איך האָב אויך געשפּירט אַז פון יעדן אַרטיקל

זיינעם לערן איך ניט נאָר עפּעס וועגן אַ געוויסן ענין, נאָר איך לערן זיך קריטיש דענקען. עס איז ווי מען „שניידט איבער די פּענטע" ביי אַ קינד, און עס הייבט אָן צו גיין אַליין.

מיכאַילאָווסקי און לאַווראָוו האָבן מיך אָוועקגעשטעלט „אויג אַנטקעגן אויג" מיט דעם פּראָבלעם פון אַ זיכערן וויסן, זיי האָבן געוועקט אַן אומ־צוטרוי צו דעם ראַדיקאַלן „שכל הישר" מיט זיינע גלאַטע, קלאָרע ענטפערס אויף אַלצדינג אין דער וועלט, ווי מיר האָבן זיי געהאַט ביי די אויפקלערער פון די זעכציקער יאָרן, — גלאַטע און קלאָרע ענטפערס, וואָס האָבן זיך אַזוי גרינג „געלייגט אויפן שכל", אָדער ריכטיקער: אין וועלכע דער שכל פלעגט זיך אַזוי גרינג „אַריינלייגן", ווי אין אַ ווייכער פּערענע.

דעמאָלט האָב איך נאָך ניט געוואוסט, אַז גראָד אָט דער ענין פון טיפן קריטישן דענקען, איז ביי קאַנטן, וועמען איך האָב אָפּגעפּטרט מיט אַן „עט!", — און ביי זיינע תלמידים, די נעאָ־קאַנטיאַנער, — פונאַנדערגעאַרבעט גע־וואָרן אַ סך טיפער און גרינטלעכער. אָבער דער מיכאַילאָווסקישער געדאַנקען־גאַנג האָט אויך געאַרבעט אין דער זעלביקער ליניע ווי דער קאַנטישער, מיט וועלכן איך בין באַקאַנט געוואָרן אַ סך שפּעטער.

מיר וועט נאָך מסתמא אויסקומען צו ריידן וועגן מיכאַילאָווסקיס השפּעה אויף מיין גאַנצער גייסטיקער אַנטוויקלונג. דאָ וויל איך נאָר אָנ־מערקן, אַז זיינע געדאַנקען האָבן אַזוי צו זאָגן מאַסאַזשירט די שטייפע גלי־דער פון מיין דאָגמאַטישן, אין זיך איינגעגלייבטן „שכל הישר", געמאַכט זיי בייגעוודיק, זיי זאָלן קאָנען פריי באַוועגן זיך אויך אין פרעמדע געדאַנקלעכע וועלטן און דאָרטן אויסגעפינען, וואו אויס און וואו איין.

הגם לאַווראָוו און מיכאַילאָווסקי האָבן, ווי איך האָב שפּעטער אויס־געפונען, געהערט צו צוויי פאַרשיידענע פילאָסאָפישע ריכטונגען, ספּעציעל אין דער דערקענטעניש־טעאָריע, — האָט אָבער בייביידן געקלונגען דער גרונט־טאָן, אַז ניט דער „שכל הישר" איז דער קוואַל פון דער אמתער דער־קענטעניש, נאָר די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג, וואָס איז פיינטלעך צו יעדער מעטאַפיזיק, און אַז דער ראַדיקאַלער „שכל הישר" טראָגט אַריין מיט זיין מאַ־טעריאַליזם עלעמענטן אין וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, וואָס זיינען גאָר ניט קיין וויסנשאַפט, נאָר אויך פּורע מעטאַפיזיק.

דער „פּאָזיטיוויזם", וואָס זיינע יסודות זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אָגיוסט קאָנטן, האָט פאַרביטן דעם מאַטעריאַליזם פון אונדזערע—מען מעג זאָגן — קינדערשע יאָרן. דער פּאָזיטיוויזם, וואָס האָט געפונען אַזאַ שיינעם אויסדרוק אין די ווערק פון אַ מיכאַילאָווסקי און אַ לאַווראָוו, האָט זיך לחלוטין אָפּגעזאָגט וואָס־עס־איז צו וויסן וועגן דעם „תוך" פון דער וועלט: צי דאָס

איז „מאַטעריע", אָדער „גייסט", אָדער דער רוח ווייסט אים וואָס ער איז. מיר קאָנען אין דעם דאָזיקן „תוך" ניט אַריינדרינגען, און עס איז ניט אונדזער באַבעס דאגה, וואָס ער איז אַזוינס.

אָט די, פאַר מיר דורכאויס נייע שטעלונג צו פּראָבלעמען פון דעם וועלט-באַנעם האָט אַנטפּלעקט פאַר מיר אַ נייעם גייסטיקן הימל מיט שטערן פון ערשטער גרייס, וואָס האָבן זיך, יעדער אויף זיינע וועגן, געדרייט אַרום דער צענטראַל-זון: אַגיוסט קאָנט.

עס איז אַוועק אַ סדרה פון די ספּענסער, מיל, באַקל (באַקלען האָב איך געליינט אין דער דייטשער איבערזעצונג פון אַרנאָלד רוגע), ליואיס.

אויף דער אויסאַרבעטונג פון מיין יידישן פּראָגראַם האָט דאָס ניט געהאַט קיין דירעקטע ווירקונג, נאָר אַן אומדירעקטע. די נייע גייסטיקע וועלט האָט מיר געגעבן אי אַ ברייטערן האָריזאָנט, אי אַ רייכערן וויסן, אי — וואָס עס איז געווען די הויפּט-זאַך,—די פולע באַפרייאונג פון יענע גייסטיקע קייטן, וואָס די ראַדיקאַלע וועלט-אַנשויאונג פון די זעכציקער יאָרן האָט אָנגעטאָן אויף אונדזער גאַנצן דענקען.

עס האָבן מיך אויפגעהערט צו שרעקן אַזעלכע ווערטער, ווי „רעאַק־ציאָנער", אָדער „נאַטור-געזעץ", אָדער „דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסנשאַפט". „רעאַקציאָנער", „רעוואָלוציאָנער", — דאָס זיינען דאָך נאָר דרויסנלעכע סימנים, וואָס זאָגן, אַז איינס („רעאַקציאָנער") פאָדערט, מען זאָל זיך אומקערן צום אַלטן; און דאָס אַנדערע („רעוואָלוציאָנער") וויל, מען זאָל עפּעס איבערקערן, מאַכן לחלוטין אַנדערש, ווי עס איז. אָבער „אַלט" און „ניי" קאָנען ניט זיין קיין סימנים פאַר „גוט" און „שלעכט", פאַר „אמת" און „שקר", פאַר „יושר" און „עוולות".

יעדער פּרינציפּ דאַרף דעריבער אָפּגעשאַצט ווערן ניט פון דעם שטאַנדפּונקט, צי ער איז „אַלט" אָדער „ניי". עס דאַרף אויפגעדעקט ווערן זיין אינעווייניקסטער אינהאַלט און דער אינהאַלט דאַרף אָפּגעשאַצט ווערן לויט דעם מאָסשטאַב פון די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן. דער „נאַציאָנאַליזם" איז אַ יסוד פון דער אַלטער וועלט. נו, גוט. וואו איז אָבער די ראיה, אַז ער איז שלעכט, אָדער אַז אַלץ אין אים דאַרף זיין שלעכט?

דער נאַציאָנאַליזם איז אויסגעבונדן מיט אַלע אַנדערע יסודות פון דער „אַלטער" וועלט. עס איז פאַר מיר דעמאָלט ניט געווען קיין ברעקל ספק, אַז זיי אַלע זיינען שלעכט; ד"ה, אי פאַלש, אי שעדלעך. נו איז וואָס, אַז דער נאַציאָנאַליזם איז מיט זיי אויסגעבונדן? אויב מיר דאַרפן

אים, אויב מיר געפינען גוטס אין אים, ווען מיר אים אַרויסבינדן פון די אַלטע יסודות און צונויפבינדן מיט די נייע.

דאָס אַריינלעבן זיך אין דעם פּאָזיטיוויסטישן וועלט־באַנעם מיט דער אידעאַליסטישער אויסטייטשונג, וועלכע מיכאַילאָווסקי האָט אים געגעבן, און די באַפרייאונג פון דער מאַטעריאַליסטישער דאָגמאַטיק האָט גענומען אַ היפּש ביסל צייט, וועלכע איך קאָן בשום אופן ניט אַריינשטופּן אין אַ באַשטימטער כראָנאָלאָגיע.

אָבער נאָר אַט די באַפרייאונג, רעכן איך, האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט, איך זאָל מיך גייסטיק שטעלן „אויף מיינע אייגענע פיס"; איך זאָל מיר אַליין שטעלן פּראָבלעמען און אַליין זוכן אויף זיי דעם ענטפער, ניט ווערנדיק אַ ברעקל נתפעל פון דעם, וואָס די אָדער יענע ראַדיקאַלע וועלט־אַנשויאונג האָט דערפון.

35

די גרויסע רוסישע ליבעראַלע גייסטער און זייער ווירקונג

אויבן האָב איך גערעדט וועגן דעם איבערבייט און דעם גאַנצן טעאָרעטישן וועלט־בליק, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיר, אַ דאַנק דער נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט די שריפטן פון מיכאַילאָווסקי, לאַווראָוו און די אַנדערע טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום די „אָטיע־טשעסטווענניע זאַפּיסקי".

דאָס איז געווען דער איבערגאַנג פון דעם דאָגמאַטישן מאַטעריאַליזם, ווי ער האָט געהערשט אין די זעכציקער יאָרן, צו דעם קריטישן אידע־אַליזם פון די זיבעציקער.

אין דעם רוסישן פּראָגרעסיוון און רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, ד"ה, ביי דעם דערוואַקסענעם יונגן דור, וואָס איז אַריין אין לעבן און קאַמף, איז אָט דער איבערקער דורכגעפירט געוואָרן נאָך אין דעם סוף פון די זעכציקער יאָרן. ביי דער גרינער יוגנט אָבער האָט טשערנישעווסקיס (און ביוכנערס) מאַטעריאַליזם אָנגעהאַלטן אַ סך לענגער.

איך קאָן מענטשן, וועלכע האָבן אָט דעם נייעם פּעריאָד בכלל ניט דורכגעמאַכט. זיי זיינען פון דעם טשערנישעווסקישן מאַטעריאַליזם אַריי־בערגעגאַנגען צו דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם פון מאַרקס און ענגעלס, אונטער דער השפעה פון געאָרג פּליעכאַנאָוו אין די אַכציקער און ניינ־ציקער יאָרן. און אויב איך מאַך ניט קיין טעות, האָט פּליעכאַנאָוו אַליין געהערט צו יענע, אגב, זייער ווייניקע, דענקענדיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אין זייער וועלט־באַנעם ניט געקאָנט פונאַנדערשיידן מיט דעם מאַטע־ריאַליסטישן אידייען־גאַנג פון אַ טשערנישעווסקי.

על־כל־פּנים האָט פּליעכאַנאָוו שפּעטער אַליין געפּרואווט אויפהייבן טשערנישעווסקיס פילאָסאָפישן יחוס, אויפווייזנדיק, אַז ער איז גייסטיק, אַזוי צו זאָגן, געווען אַ „לייבלעכער ברודער" פון קאַרל מאַרקס אַליין, ווייל ביידע שטאַמען זיי אָפּ פון פייערבאַכן. נאָר מאַרקס, פאַרשטייט זיך, איז אָוועקגעגאַנגען אַ סך ווייטער, איידער זיין יינגערער ברודער אין רוסלאַנד, אַזוי, אַז די אויפגאַבע פון דער רוסישער יוגנט איז באַשטאַנען

אין דעם — אַנצוויַגן מאַרקסן אויף דעם זעלביקן וועג, אויף וועלכן עס איז אַרויף טשערנישעווסקי.

אין דעם אָנהייב און אין דעם מיטן פון די אַכציקער יאָרן זיינען אָבער מענטשן פון דעם אַלטן טשערנישעווסקישן שניט זיכער שוין געווען אַ מינאָריטעט. מען האָט זיך טעאָרעטיש אינטערעסירט אַ סך מער מיט יענע דענקער, וועלכע איך האָב שוין אַמאָל דערמאָנט, מיט די ספּענסערס, באָקלס און מילס, מיט לאַווראָוון און מיכאַילאָווסקין.

צו זייער ריכטונג בין איך אַריבער אין דער זעלביקער צייט, ווען איך בין געוואָרן אַ נאַציאָנאַל־יידישער סאָציאַליסט.

ס'איז ניט דאָ דאָס אָרט צו מאַכן אַ גענויען פאַרגלייך צווישן דעם מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם פון די זעכציקער יאָרן און דער אידייען־וועלט פון אַ מיכאַילאָווסקי אָדער אַ לאַווראָוו.

אָבער אַ פּאָר פּונקטן מוז איך דאָ אָנמערקן, ווייל פאַר מיר זיינען זיי געווען פון גאָר אַ גרויסן באַדייט.

קודם־כל איז דאָס געווען די ענדערונג אין דעם צענטראַלן אינטערעס פון דעם דענקען. דער דאָזיקער אינטערעס איז אין די זעכציקער יאָרן געלעגן אויף דעם פעלד פונעם וועלט־באַנעם. דער פּראָגרעסיווער און פריידענקענדיקער מענטש האָט פריער פאַר אַלץ געוואָלט האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם מהות פון דער וועלט, פון דער נאַטור. דער מאַטעריאַליזם, וואָס האָט געלערנט, אַז אַלץ אין דער וועלט איז מאַטעריע און באַוועגונג איז געווען דער פּאָסיקסטער ענטפער אויף די שאלות, וואָס האָבן דעמאָלט געמאַטערט די מוחות. עס האָט זיי באַפרייט פון די רעלי־גיעזע אָבערגלויבנס און פון די קירכלעכע דאָגמעס. די נאַטור־וויסנשאַפטן זיינען געווען דער ליבסטער ענין, מיט וועלכן אַ פּראָגרעסיווער גייסט האָט זיך אינטערעסירט. אין די נאַטור־וויסנשאַפטן איז אויך דער מענטש אַריינגענומען געוואָרן, ווי אַן אויסשניט פון דער נאַטור, וואָס ווערט באַ־הערשט כמעט פון די זעלביקע געזעצן, ווי אַלע אַנדערע לעבעדיקע ברואים.

דערפון איז אויך אַרויסגעוואַקסן דער פּאַראַדאָקסאַלער געדאַנק, אַז בעת דער מענטש איז זיך מקריב פאַר אַן אַנדער מענטשן אָדער פאַר דער מענטשהייט, אָדער פאַר אַן אידעאַל, איז אין דעם ניטאָ קיין ברעקל מסירת־נפש. ס'איז אין תוך די זעלביקע זאָרג פאַר דעם אייגענעם נפש, דאָס שטרעבן צו דעם אייגענעם „פּאָרטייל", נאָר אויף אַ פאַרפיינערטן אופן. דער מענטש ליבט נאָר זיך און די אייגענע הנאות פונעם לעבן. און נאָר ווייל אַן „אַנטוויקלטער" מענטש האָט מער און „בעסערע" הנאות, אידער דער ניט־אַנטוויקלטער, שטרעבט ער צו „אַנטוויקלונג".

מיכאַילאָווסקי, — ווי מסתמא נאָך אסך אַנדערע פון זיין דור, — האָט איבערגעטראָגן דעם צענטראַל־אינטערעס פון דעם וועלט־באַנעם אויף דעם לעבנס־בליק, פון דער נאַטור אויף דעם מענטשן, און ניט ווי אויף אַן אויסשניט פון דער נאַטור, נאָר ווי אויף אַ זעלבסטשטענדיקן יש. קיינער ביז אים און נאָך אים האָט ניט אַזוי שאַרף און קלאָר אַרויס־געבראַכט דעם געדאַנק, וועלכן פּראָטאַגאָראַס אין אַלט־גריכנלאַנד האָט שוין געוואוסט, אַז „דער מענטש איז די מאָס פאַר אַלע זאַכן“, אויך פאַר די געדאַנקען וועגן דער נאַטור. זיין שטאַנדפּונקט האָט מיכאַי־לאָווסקי אַ נאָמען געגעבן „אַנטראָפּאָצענטרישער“, דער מענטש איז דער צענטער פון יענער וועלט, וועלכע ער קאָן מיט זיין מענטשלעכן שכל באַגרייפן און באַהערשן. און קיין אַנדער וועלט איז פאַר אים ניטאָ.

מיט אָט דעם פאַרענדערטן צענטראַל־אינטערעס האָט זיך אויך איבער־געביטן די באַליבטסטע באַשעפטיקונג. אַנשטאָט נאַטור־וויסנשאַפטן (מיט דעם כמעט רעליגיעזן יראת הכבוד פאַר דעם „נאַטור־געזעץ“), האָט מען זיך אַלץ מער גענומען אינטערעסירן מיט סאָציאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע.

די נאַטור־וויסנשאַפטן האָט מען, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרלאָזן. אָבער מען האָט אויפגעהערט צו זוכן אין זיי דעם שליסל צו אַלע שאלות אין לעבן. און מען האָט זיך שוין מער ניט געקוואָפּעט דווקא צו געפינען אין זיי דעם באַווייז, אַז „עס איז ניטאָ קיין גאָט און אַז אַלץ איז מאַטעריע“. די טעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע פראַגן זיינען פּשוט אָפּגעשטופּט געוואָרן אַן אַ זייט.

די אומענדלעכע דיסקוסיעס וועגן אָט די ענינים, — וואָס אין זיי, אין אַזעלכע דיסקוסיעס, האָב איך אַמאָל געזען דעם וויכטיקסטן תמצית פון דער פּראָפּאַגאַנדע, — האָבן עפּעס ווי פון זיך אַליין אויפגעהערט.

אַביסל שפּעטער, ווען איך בין ווידער צוגעשטאַנען צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, האָב איך באַמערקט, אַז אייניקע פון זיי זיינען מאַטעריאַליסטן, אַנדערע אפילו „גאָטגלייביק“, אָדער ריכטיקער: „וועלט־גייסט־גלייביק“, אויף אַן אייגענעם אַרט. דאָס רוב אָבער האָט דאָס באַטראַכט ווי ענינים, וואָס שטייגן אַריבער דעם מענטשלעכן שכל און ממילא אויך ניט אינטערעסאַנטע פאַר אים. די „פילאָזאָפיע“ אין דעם אַלטן זין פון דעם וואָרט, מיט דער אייביקער „גאָט“־פראַגע און דער „גייסט־מאַטעריע“־פראַגע, איז פאַקטיש געוואָרן אַ פּריוואַט־זאַך, אין וועל־כער מען האָט זיך זעלטן ווען געמישט, און אויך דאָס ווי אין אַ זייטיקן ענין.

פון דער אַלטער גייסטיקער וועלט איז אין דער נייער אַריבערגע־טראָגן געוואָרן דער אידעאַל פון דער „מענטשלעכער אַנטוויקלונג״, ווי אַ לייכטנדיקער שטערן אין וועג. אָבער אין דער נייער גייסטיקער ספערע האָט אָט דער אידעאַל באַקומען אַ גאַנץ נייעם אויסטייטש.

ביי טשערנישעווסקין האָט אַנטוויקלונג געהייסן אין דער ערשטער ליניע די אינטעלעקטועלע, שכלדיקע אַנטוויקלונג. דער מענטש באַפרייט זיך, אַ דאַנק איר, פון אַלע אָבערגלויבנס און פאַלשע מיינונגען וועגן דער נאַטור. ער זעט קלאָר אין די וועגן, ווי אַזוי איינצואָרדענען דאָס לעבן, אַז יעדער מענטש זאָל קאָנען אַרויסקריגן פון אים וואָס מער הנאה בכלל, וואָס מער שכלדיקע הנאות בפרט.

די אמת־זוכעניש איז ניט נאָר געשטאַנען אויבן־אָן, נאָר האָט גאָר קיין אַנדערע זוכענישן ניט צוגעלאָזן. יושר־זוכעניש? מאָראַל? אָבער דאָס איז דאָך אַ פאַנטאַסטישע אויסטראַכטעניש, ווי להבדיל, גאָט אַליין. אין תוך זוכט דער מענטש נאָר זיין גליק. „שיינקייט״־זוכעניש? עס־טעטיק? אָבער דאָס איז דאָך שוין געווען אַ הנה ידוע, אַז שיינקייט איז אַ גאָרנישט לגבי דער ניצלעכקייט, און אַז „אַ פּאָר שטיוול זיינען העכער, איידער פּושקין״.

מיכאַילאָווסקי האָט פאַר זיין דור אַוועקגעשטעלט דעם אידעאַל פון דעם „אַלזייטיק אַנטוויקלטן יחיד״ (אינדיווידואַליטעט! פּערזענלעכקייט!) און דאָס האָט געהייסן, אַז מיר דאַרפן שטרעבן צו אַ צושטאַנד, וואו יעדער מענטשלעכער יחיד זאָל קאָנען אַנטוויקלען אַלע זייטן פון זיין מענטשלעכער נאַטור: די פיזישע, די אינטעלעקטועלע, די עטישע און די עסטעטישע.

מילא, די פיזישע און די אינטעלעקטועלע זייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור זיינען פאַר אונדז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן. אָבער פון וואַנען נעמען זיך דאָ עטיק און עסטעטיק? זיינען זיי ניט ביידע פאַר־טריבן געוואָרן ווי שדים און לצים אין די וויסטע וועלדער און אין די פּוסטע פעלדער?

עס וואָלט מיך געפירט צו ווייט, ווען איך וואָלט מיך גענומען אַנטוויקלען דאָ מיכאַילאָווסקיס גאַנצן טעאָרעטישן בנין. בקיצור קאָן איך זאָגן, אַז דעם ענטפער אויף דער שאלה זוכט מיכאַילאָווסקי ווידער אין דעם מענטשן, אָבער אין דעם מענטשן, ניט ווי אַן אויסשניט פון דער נאַטור, דרויסן פון דעם מענטשן, נאָר אין דעם מענטשן, ווי דעם באַשאַפער פון אַלע געדאַנקען וועגן דער נאַטור, וועלט און זיך אַליין.

„דער מענטש״, זאָגט מיכאַילאָווסקי אין איינער פון זיינע גאָר פריע

אַרבעטן, „דער מענטש ליבט דעם אמת, דעם יושר און די שיינקייט, ווייל ער רופט אָן אמת, יושר און שענקייט דאָס וואָס ער ליבט".

פאַרגלייכן מיר דעם וועלט־באַנעם פון די זעכציקער יאָרן, איז דאָס גאָר אַ גוואַלטיק נייער און אָריגינעלער שטאַנדפּונקט. ער שטופּט, ערשטנס, אינגאַנצן אַוועק די פראַגע וועגן דעם אָביעקטיוון מאָסשטאַב, וואָס אַזוינס איז „אמת" אין זיך גופא, „יושר" אין זיך גופא אָדער „שיינקייט" אין זיך גופא, דרויסן פון די מענטשלעכע געדאַנקען. זיי אַלע זיינען סוביעקטיווע, מענטשלעכע פּראָדוקטן, וואָס בייטן זיך ביי דער מענטשהייט מיט איר אייגענער אַנטוויקלונג.

והשנית, ליגט אין דעם געדאַנק אויסגעדריקט, אַז דעם מענטשנס נאַטור — אַלץ־איינס פון וואַנען זי זאָל זיך ניט האָבן גענומען — האָט אין זיך גופא אידעאַליסטישע וואָרצלען, אַ בענקשאַפט נאָך אמת, יושר און שיינקייט, ווייל דאָס איז, וואָס זי ליבט און שעצט אין איר אייגענעם באַוואוסטזיין. דער מענטש האָט פיינט שקר, האָט פיינט עוולות, האָט פיינט מיאוסקייטן.

וועגן אָט דעם סוביעקטיוויזם מיכאַילאָווסקיס וועט מיר נאָך מסתמא אויסקומען צו ריידן ניט איין מאָל, — דער עיקר ווען איך וועל דאַרפן באַריכטן וועגן דעם קאַמף, וואָס מיר, אַ טייל פון די יונגע „נאַראָדאָ־וואָלצן", האָבן אין דעם סוף אַכציקער יאָרן אויפגעהויבן אין דער שווייצאַרישער עמיגראַציע אַנטקעגן דעם מאַרקסיזם.

פאַר דער צייט, וועגן וועלכער איך רעד איצטער, איז וויכטיק צו נאָטירן, אַז אויסאיינען זיך מיט אָט דעם שטאַנדפּונקט איז מיר געווען ניט אַזוי גרינג, אָבער ווען איך האָב אים דורכגענומען און פאַרשטאַנען, ווי דער סדר איז, און האָב איינגעזען זיין פּרינציפּיעלע ריכטיקייט, האָב איך אין דער אמתן דערשפּירט ווי אַ מין גייסטיקע באַפרייאונג.

צומערשט בין איך פּטור געוואָרן פון אַ פּראָבלעם, וואָס האָט מיך גאַנץ טיף באַשעפטיקט ריין־טעאָרעטיש. דאָס איז דער פּראָבלעם, ווי אַזוי צו באַווייזן קלאָר פאַרן שכל, אַז מענטשלעכע מסירת־נפש איז אַ קאַמף פאַר דעם אייגענעם נפש, פאַר דעם אייגענעם גליק. פריער בין איך אין דעם ניט געווען מסופּק. איך האָב אָבער ניט געהאַט דעם באַווייז פאַר אָט דעם אַזוי וויכטיקן אני־מאמין אין דער מאַטעריאַליס־טישער וועלט־אַנשויאונג. איך האָב גענישטערט אין דער מאַטעריאַליס־טישער ליטעראַטור, דער עיקר, אין טשערנישעווסקיס שריפטן, און האָב אָדער גאַרנישט געפונען, אָדער נאָר אויבנאויפיקע פראַזן און אומבאַ־גרינדעטע אַריינזאַגענישן.

די באַמערקונג, וואָס מיין טולער חברטע האָט מיר אַמאָל געמאַכט, אַז אויב דער מענטש וואָלט בטבע געווען אַן עגאָאיסט, איז — ווער וואָלט אים געקאָנט שטערן „אַוועקלייגן זיך אין אַ ווינקעלע און זיך אַוועקשטאַרבן", איז קיינמאָל ניט אַרויס פון מיין זינען. איך האָב געשפירט, וואָס פאַר אַ גרויסער און טיפער אמת — לפחות אַ טייל אמת — עס ליגט אין אָט דער באַמערקונג.

פון אַ מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפונקט קאָן מען אים ניט באַנעמען, סיידן מיט פילפוליסטישע סברות. שטעלט מען זיך אָבער אויף אַ רייך־מענטשלעכן שטאַנדפונקט, ווערט דער ענין קלאָר.

עס איז אַן אַנדערש מאָל אַ מאָראַלישער חוב צו לעבן, הגם דאָס לעבן ווערט אַזוי שווער, אַזוי אומדערטרעגלעך, אַז, באמת, בעסער אַוועקלייגן זיך און שטאַרבן. פון דער אַנדערער זייט אָבער קומט דאָך אויס, אַז עס קאָן אויך געמאָלט זיין אַ מאָראַלישער חוב צו שטאַרבן, אַוועקצוגעבן דעם אייגענעם לעבן, ווען דער דאָזיקער חוב מאָנט.

דער מאָראַלישער חוב איז אַ פאַקט אין דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין. פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? וועמעס דאגה! עס איז אַ פאַקט, אַ גאַנצער און איינהייטלעכער, וועלכן מען קאָן ניט פונאַנדערפעדעמען אין איינצלנע פעדעם. ער שטאַמט פון דעם אור־פאַקט, וואָס „דער מענטש ליבט אמת, יושר און שיינקייט, ווייל ער רופט אַן אמת, יושר און שיינקייט דאָס וואָס ער ליבט".

און נאָך וויכטיקער איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס אָט דער שטאַנדפונקט האָט מיך איינגאַנצן באַפרייט פון יענעם דאָגמאַטישן גלויבן אין די ראַדיקאַלע אַני־מאַמינס, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג מיין בייער נאַציאָנאַל־יידישער איינשטעלונג.

איך האָב געקאָנט מיט אַ גאַנץ אַנדער פרייקייט אין געדאַנק טראַכטן וועגן די פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַליזם, סאָציאַליזם און פּראָגרעס בכלל.

אַ גאַנץ ערנסטע און לגמרי נייע פראַגע איז דאָ אַרויסגעוואַקסן פאַר מיר.

דער נייער לעבנס־בליק האָט גערעדט וועגן אמת, יושר און שיינקייט. אָבער דעם טראָפּ האָט ער געשטעלט נאָר אויף דעם אמת און דעם יושר. די שיינקייט איז געבליבן ערגעץ־וואו הענגען אין דער לופטן און האָט געמוזט אַראָפּגעבראַכט ווערן אויף דער רוסישער ערד ערשט אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן, אין אַ קאַמף אַנטקעגן „אמת" און „יושר".

מיכאַילאָווסקי האָט געלייגט די גאַנצע וואָג אויף דעם סינטעז, דעם אינטימסטן צונויפגוס פון „אמת" און „יושר" אין דעם רוסישן וואָרט „פּראַוודאַ", וואָס דאָס באַדייט אי „פּראַוודאַ־איסטינאַ" („אמת"), אי „פּראַוור־דאַ־ספּראַוועדליוואָסט" („יושר").

לאַווראָוו האָט געהאַמערט אויף דעם מאָראַלישן חוב פון דער רוסי־שער אינטעליגענץ צו דינען דעם רוסישן פאָלק, ווייל די גאַנצע רוסישע אינטעליגענץ און דאָס גאַנצע רוסישע לעבן בכלל ווערט אויסגעהאַלטן פון דעם רוסישן פאָלק. דאָס פאָלק גיט אַלץ, און דעם פאָלק גיט מען גאָרניט. דער יושר פאָדערט, מען זאָל אים אָוועקגעבן אַלץ. און כדי דאָס מעגלעך צו מאַכן, דאַרף די אינטעליגענץ גיין אין פאָלק, אויפ־קלערן אים און אויפהויבן אים צו אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף אַנטקעגן דער גאַנצער אַלטער וועלט.

אַט דעם שטאַנדפּונקט האָב אויך איך באַטראַכט פאַר דעם ריכ־טיקן. דער מאָראַלישער חוב פון דער רוסישער אינטעליגענץ בנוגע איר אייגענעם רוסישן פאָלק איז אַזוי קלאָר, כמעט ווי אַ קרעמעריש־אַריפמעטישער חשבון.

אָבער וואָס פאַר אַ מאָראַלישער חוב ליגט אויף מיר, שוין ניט דעם „רוסישן", נאָר גאָר דעם יידישן אינטעליגענט?

וועגן אַט דער פראַגע האָב איך געזוכט קלאָר צו ווערן קודם כל.

36

די ערשטע שריט אין דער פאָרשונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע

אין יענע צייטן זיינען אין דער יידישער וועלט נאָך ניט געווען קיין סאָציאַליסטישע יידן. עס זיינען געווען יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט וויסן פון זייער יידישקייט. על כל פנים האָב איך זיך ניט אָנגעטראָפן ניט אין לעבן, ניט אין דער ליטעראַטור מיט קיינע סאָציאַליסטישע יידן. מען וואָלט געקאָנט צורעכענען צו זיי יענע יידישע סטודענטן, וועלכע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל „בויען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס", ווי איך האָב דאָס אַמאָל אויסגעלייענט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „ראַזסוויעט". אָבער פון זייערע סאָציאַליסטישע טעאָריעס, וואָס זאָלן האַרמאָניש פאַרבינדן די אידעאַלן פון דעם סאָציאַליזם מיט די פּראָבלעמען פון דעם יידישן לעבן, האָב איך אין ערגעץ ניט געהערט.

די אויסאַרבעטונג אָבער פון אַט דער פאַרבינדונג איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וואָס האָבן באַשעפטיקט אַ גרויסן טייל פון מיין לעבן, פון מיינע טעאָרעטישע זוכענישן און פאָרשונגען. איך מוז דעריבער אַפּטער צוריקקומען און צייטנווייז זיך לענגער אָפּשטעלן אויף אַט דעם פּראָצעס אין מיינע מעמוארן. און דאָס, ניט נאָר ווייל עס איז געווען אַזאַ וויכטיקער טייל פון מיין אייגענעם פּערזענלעכן לעבן, נאָר אויך אַט מחמת וועלכע טעמים.

איך האָב אַ רעכט אָנצונעמען, אַז מיינע טעאָריעס וועגן דעם נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם האָבן געשפּילט אַזאַ אָדער אַן אַנדער ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון די יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס.

עס קאָנען אויך געבראַכט ווערן גאַנץ פּאָזיטיווע באַווייזן, אַז דיזעלביקע טעאָריעס האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אויסאַרבעטונג פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם אין יענער רוסיש־סאָציאַליסטישער ריכטונג, וואָס איז אויפגעקומען אין די ניינציקער יאָרן, אונטערן

נאָמען „סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן" און וואָס איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין איינער פון אירע ערשטע פאַנטרעגער.

און אויך אַט דער באַווייז קאָן היסטאָריש געבראַכט ווערן, אַז מיט מיין שטעלונג צו דעם נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם האָט מען זיך גערעכנט אין דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָך איידער עס האָבן זיך דאָרטן באַוויזן די גלענצנדיקע טעאָרעטישע אַרבעטן פון אַן אָטאָ באַוער און אַ קאַרל רעננער.

מען מוז דעריבער אפשר צוטיילן מיר דאָס רעכט צו באַטראַכטן יענע טעאָרעטישע אַרבעטן מיינע, ניט נאָר ווי אַ טייל פון מיין פּער־זענלעכן לעבן, נאָר אויך ווי אַ צושטייער צו יענער טעאָרעטישער איינ־שטעלונג בנוגע דעם נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם, וואָס ווערט איצטער די הערשנדיקע סיי אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, סיי אין דער אָפּיצי־עלער אַלוועלטלעכער פּאָליטיק.

פון אַט דעם פאַקט שעפּ איך די באַרעכטיקונג צו ריידן אין מיינע זכרונות אַביסל מער וועגן דעם ענין, הגם איך ווער דערביי געצוואונגען צו ריידן נאָר וועגן זיך אַליין. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אויף אַט דעם וועג האָב איך ניט געהאַט קיין פאָרגייער. דאָס הייסט: שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז צו אַ סך רעזולטאַטן פון מיינע פאָרשונגען זיינען אויך אַנדערע געקומען, אַסך פריער פאַר מיר. אָבער דאָס האָב איך אויסגעפונען ערשט דעמאָלט, ווען איך בין שוין מיט מיין נאַציאָ־נאַליטעטן־טעאָריע פאַרטיק געוואָרן אין אַלע אירע הויפּט־שטריכן און ליניעס. און אויך דאָס האָב איך אויסגעפונען, אַז מיין וועג איז געווען אַ גאַנץ־אַנדערער, ווי זייערער.

די פאַרגעשיכטע פון מיינע בליקן אויף דעם ענין האָט גראָד געהערט אין דער צייט, וואָס איך שילדער איצטער.

ניט קיין לאָגישע, טעאָרעטישע סברות, חשבונות און באַגרינדונגען האָבן מיך באַפרייט פון מיין יוגנטלעכן ראַדיקאַלן קאָסמאָפּאָליטיזם און רוסישן אַסימילאַנטנטום. דאָס איז געווען, ווי איך האָב שוין אויבן באַ־מערקט, אַ פּלוצימדיקע אינטואיטיווע איינזעעניש, אַז איך בין ניט קיין „רוס", נאָר אַ „ייד".

אַן אינטואיטיווע „איינזעעניש" האָט אַ שטאַרקערע קראַפט אויף אונדזערע געדאַנקען, איידער די בעסט־איינגעפונדעוועטע טעאָרעטישע סברה. אָבער אַט די קראַפט איז אַ ריין־פּסיכאָלאָגישע. אַ מענטש וואָס לעבט דורך אַזאַ „איינזעעניש", זעט דעם ענין אַזוי קלאָר, שפירט אים אַזוי טיף מיט אַלע זיינע אינעווייניקסטע חושים, אַז עס קאָן גאָר ניט

אויפקומען קיין ברעקל ספק וועגן זיין ריכטיקייט. עס איז אַזוי ווי איך זע עס, ווי איך שפּיר עס מיט אַלע קעמערלעך פון מיין נשמה, און עס קאָן ניט זיין אַנדערש.

אָבער אין תוך אַריין, מוז איך צוגעבן, איז דאָס נאָר אַ פּסיכאָלאָגישע, סוביעקטיווע איינגעגלייבטקייט. אַ מענטש, וואָס לעבט פּלוצים דורך די קלאָרע, אינטואיטיווע איינזעעניש, אַז ער איז . . . אַלעקסאַנדער מוקדון אָדער דער שפּאַנישער קעניג, שטייט פּסיכאָלאָגיש אונטער דער שליטה פון דעמזעלביקן אינטואיטיוון פּראָצעס. פאַר אים „קאָן דאָס ניט זיין אַנדערש". זיין גאַנצער יש לאָזט ניט צו קיין ברעקל ספק אין דעם קאַלאָסאַל־וויכטיקן אמת, וואָס האָט זיך פּלוצים אַנטפּלעקט פאַר זיינע אויגן. און אַלע דערפאַרונגען פון לעבן, אַלע איינדרוקן פון דעם אַרום, שרייען ממש אויף שריט און טריט וועגן דער ריכטיקייט פון זיין אמת. טויזנטער פאַקטן באַגלייביקן אים. נאָר משוגעים זעען ניט איין, אַז ער איז אַלעקסאַנדער מוקדון. און דערפאַר רופן מיר אים דעם . . . משוגענעם.

אינטואיטיווע איינזעענישן ביי קלאָרע מענטשן האָבן, נאַטירלעך, אַ גאַנץ אַנדערן ווערט. די גרעסטע גאוניש אַנטפּלעקונגען אין וויסנ־שאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע, זאָגט מען, וואַקסן אַרויס, ווי פון קערנד־לעך, פון אַזעלכע רייך־אינעוויייניקסטע איררעציאָנאַלע און, אָפּטמאָל, אַנטי־ראַציאָנאַלע קלאַר־זעאונגען.

די צרה אָבער מיט זיי איז, וואָס איר קאָנט דידאַזיקע אינעווייניקסטע קלאַר־זעאונג אייערע ניט איבערגעבן אַנדערע, סיידן דורך די מיטלען פון דעם קלאָרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, מיט זיין לאָגישן דענקען און זיינע טעאָרעטישע און פּאַקטישע באַווייזן.

דער יידישער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז לגמרי אָפּגעפרעגט געוואָרן אין דער פּראָגרעסיווער געדאַנקען־וועלט, וועלכן איך האָב אָבער דורכ־געלעבט און קלאַר דערקענט, האָט זיך געדאַרפט פאַרענטפערן אויך פאַר מיין אייגענעם שכל, איידער איך האָב געקאָנט אָנהייבן ריידן וועגן אים צו אַנדערע מענטשן. ער האָט זיך גענייטיקט אין אַ טעאָרעטישער באַ־גרינדונג. און זי האָט מען געדאַרפט זוכן אין די געלערנטע־ביכער.

איצטער וואָלט אַזאַ זוכן געווען גאָר פון די גרינגסטע זאַכן. עס זיינען דאָ ענציקלאָפּעדיעס, מיט ביבליאָגראַפיעס וועגן יעדן ענין. ספּעציעל אין רוסלאַנד האָט דער אומדערמידלעכער קולטור־טוער און וויסנשאַפט־לעכער אויפקלערער, נ. רובאַקין, אַרויסגעגעבן אַ גאַנץ דיקן ספר מיט דער ליטעראַטור וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע און דער באַשרייבונג

פון די פאַרשיידענע טעאָריעס און ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם ענין.

איך האָב ניט געהאַט אַזעלכע פּאַראַרבעטן און האָב נאָך דערצו געלעבט אין אַ פּראָווינציעלער שטאָט. פונדעסטוועגן האָט זיך מיר איינ־געגעבן באַקאַנט צו ווערן מיט פיר באַטייטנדיקע ווערק וועגן מיין ענין.

דאָס זיינען געווען: 1) ריודיגערס אַרבעט „וואָס איז אַ נאַציאָ־נאַליטעט״, איבערגעזעצט פון דייטש, אָפּגעדרוקט אין דער זייער גוטער רוסישער חודש־שריפט „זנאַניע״ (וויסן); 2) פּראָפעסאָר א. גראַדאָוו־סקיס בוך וועגן דער געשיכטע פון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען; 3) וואָל־טער בעדזשהאָטס אַ בוך וועגן דעם אויפקום פון נאַציאָנאַליטעטן, איבער־געזעצט פון ענגליש, און 4) איינעם יוזאָווס אַ בוך אין רוסיש, „אָסנאָווי נאַראָדניטשעסטוואַ״ (די גרונט־פעסטן פון דעם פאָלקטימלערטום).

אָט די פיר ווערק האָבן מיך אַריינגעפירט אין דעם קרייז פון פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. קיינע פון אָט די שריפטן האָט ניט געגעבן קיין אַבסאָלוט באַפרידיקנדיקן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס זיי הייבן אויף. אָבער יעדע פון זיי האָט געגעבן גענוג מאַטעריאַל אויף דורכצוטראַכטן און האָט כמעט ווי מיט די פינגער אָנגעטייט אויף די פלעצער וואו מען דאַרף „נאָך ווייטער גראָבן״.

דער עיקר האָבן זיי מיך ניט באַפרידיקט וועגן דער גרונט־פראַגע, וואָס מיך האָט אינטערעסירט.

נו, גוט. נאַציעס זיינען אויסגעוואַקסן אויף אַזאַ־און־אַזאַ נאַטיר־לעכן אופן (בעדזשהאָט). זיי האָבן אַזעלכע און אַזעלכע כאַראַקטעריס־טישע סימנים (ריודיגער). דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ האָט געשפּילט אַזאַ־און־אַזאַ ראָלע אין דער גייסטיקער וועלט און אין דער פּאָליטישער געשיכ־טע פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט (פּראָפ. גראַדאָווסקי).

אָבער וואו ליגט די באַרעכטיקונג פון דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן פּרינציפּ פאַר דעם מאָדערנעם פרייען מענטשן, וואָס שטרעבט צו פאַר־ווירקלעכן סיי אין זיין אייגענעם לעבן, סיי אין דעם לעבן פון דער גאַנצער מענטשהייט די פּרינציפּן פון פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, לויט די פאָדערונגען פון דעם מענטשלעכן אמת און יושר?

איז ניט די איינטיילונג פון דער מענטשהייט אין פאַרשיידענע פעל־קער אַ שטער פאַר דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג? איז די אַסימילי־רונג פון פעלקער, זייער דערנעענטערונג איינס צום אַנדערן ניט אַ פאַקט פון דער מאָדערנער געשיכטע? קאָן דען ניט געמאָלט זיין, מיר

זאָלן זיך אַלע צונויפגיסן אינאיינעם, אין איין מענטשלעכער וועלט, און וואָלט דאָס ניט געווען — וואויל, ווי די וועלט? און אויב יאָ אַזוי, מיט וואָס קאָן מען באַרעכטיקן דאָס שטרעבן פון אַ פאָלק, וואָס האָלט ביים איינגעשלונגען ווערן פון אַן אַנדער פאָלק, עס זאָל זיך אַרויסטיילן און קעמפן פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ?

דאָס אַלץ זיינען פאַר מיר ניט געווען קיין קשיות, וואָס זאָלן קאָנען אָפּפרעגן מיין יידישן נאַציאָנאַליזם. דאָס זיינען געווען שאלות, וואָס דאַרפן פאַרענטפערט ווערן פאַרן שכל, כדי איך זאָל קאָנען קלאָר זען, צי מיינע פּסיכאָלאָגישע געפילן און איינזעענישן האָבן אויך אַ לאָגישן און טעאָרעטישן גרונט אונטער זיך.

און גראָד אויף אָט די שאלות זיינען יענע שריפטן געווען שטאַרק מכולהדיק.

גראַדאָווסקי האָט די באַרעכטיקונג פון דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ געזען דער עיקר אין דער „אָריגינעלער אַנטוויקלונג פון דער מענטש־לעכער קולטור". פאַראַן נאַציעס, וואָס ברענגען אַרויס, דורך זייער איינגעבוירענער גאונות, אַזעלכע וויכטיקע שאַפונגען, וואָס קיין אַנדער נאַציע קאָן זיי ניט אַרויסברענגען. זיי מעגן זיך אַנטוויקלען זעלבסט־שטענדיק.

זיינען דאָך דאָס אָבער ניט אַלע נאַציעס. און וואו האָלט עס מיט די, וואָס קאָנען ניט אַרויסברענגען קיין אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דער קולטור? לויט די טעאָריעס, וועלכע גראַדאָווסקי ברענגט און פאַר וועל־כער ער שטעלט זיך איין, קומט אויס, אַז יענע אַנדערע פעלקער, אָט די שלימזלדיקע, האָבן טאַקע ניט קיין רעכט אויף אַן אייגענער נאַצי־אָנאַלער עקזיסטענץ און מעגן איינגעשלונגען ווערן פון די פעלקער מיט די אָריגינעלע מוחות.

לאָמיר דאָס פּרואוון אָנווענדן אויף אונדזער אייגן פאָלק. אַז מיר האָבן אין די אַלטע צייטן אַרויסגעבראַכט אַן אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור און דורך דעם אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון דעם יידישן גייסט אויף דער גאַנצער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, — אָט דעם פאַקט, האָב איך דעמאָלט גאָר ניט געפּרואווט אַריינציען אין חשבון. איך האָב, דעם אמת געזאָגט, ווייניק וואָס גע־האַלטן פון דעם אַלט־יידישן אויפטו אין דער מענטשלעכער געשיכטע. וואָס פאַר אַ גבורות האָבן מיר דאָ אַזוינס באַוויזן? מיר האָבן אַרויס־געבראַכט אַ מאָנאָטעאיסטישן גלויבן, פון וועלכן עס זיינען אַרויסגעוואַקסן

דער מאַהאָמעדאַניזם און דאָס קריסטנטום. אַ גדולה אויף אונדז און אויף דער גאַנצער מענטשהייט!

ביי מיין דעמאָלטיקער שטעלונג צו רעליגיע וואָלט איך אָסור געקאָנט זען אין דעם אַ וועלכן עס איז פאַרדינסט פאַר דער מענטשהייט. גיכער — דעם היפוך דערפון.

איך האָב געטראַכט נאָר וועגן די איצטיקע יידן. מען דאַרף מודה זיין: מיר האָבן גוטע „יידישע" קעפּ. דער יידישער מוח קאָן אַרויסברענגען אַן אָריגינעלע אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור. והראיה: ספינאָזאַ, מאַרקס, לאַסאַל. אפילו ר' יצחק אלחנן, פון וועמען מיין פאָטער ווערט אַזוי נתפּעל. (און פון מיין פאָטערס אָריגינעלן שכל האָב איך געהאַלטן אַ היפּש ביסל.)

איז דאָך די שאלה: צו וואָס אויסטיילן דידאַקטיקע טייערע יידישע מוחות פון דער מענטשהייט? אדרבה: גראָד ווייל מיר זיינען מענטשן מיט אַזעלכע אויסטערלישע קעפּ און טאַלאַנטן, איז אפשר גראָד אונדזער חוב, וואָס גיכער אַרויסצוקריכן פון די ענגע נאַציאָנאַלע דלד אמות און אַריינגיסן דעם שטראָם פון אונדזער אָריגינאַליטעט אין דער קולטור פון יענעם פאָלק, צווישן וועלכן מיר וואוינען?

אויף דער פראַגע וועגן דער באַרעכטיקונג פון דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ גיט אַ גאַנץ אַנדער ענטפער יוזאָווס בוך.

טאַלאַנטפול און טעמפּעראַמענטפול געשריבן, פירט יוזאָווס בוך אַ העפטיקן קאַמף אַנטקעגן דעם ראַציאָנאַליזם בכלל, אַנטקעגן דעם פּראָגרעסיוון ראַציאָנאַליזם בפרט. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַלגעמיין־מענטשלעכער שכל און אַלגעמיין־מענטשלעכער יושר! אַלע אידעאַלן, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין זייער נאָמען, זיינען קיין צעבראָכענעם צווייער ניט ווערט. דער עיקר פאַרשווארצט ער אַלע ריכטונגען פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענציע, אָן אַן אויסנאָם. אָט די אַלע „סאָציאַליזמען" מיט די „פריהייטן" זיינען פשוטע אילוזיעס פון אַן אַבסטראַקטן פאַרשטאַנד ביי מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם פאָלקס־לעבן.

און אָט דעם העפטיקן, רייך־שאָוויניסטיש־רעאַקציאָנערן קאַמף פירט יוזאָוו ניט אין דעם נאָמען פון דעם „פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן" און דעם „סאַמאָדערזשאַוונעם צאַר", ווי מען וואָלט דאָס געקאָנט דערוואַרטן, נאָר אין דעם נאָמען פון דער . . . וויסנשאַפט און דער מאָדערנער פילאָסאָפיע.

יוזאָווס ליבלינג איז ספּענסער. אים ציטירט ער אויף שריט און טריט. און פון אים נעמט ער אַרויס איין־איינציקן געדאַנק, וואָס ווערט

פאַר אים דער בריח התיכון פון זיין גאַנצן בנין. דאָס איז דער געדאַנק, אַז דער שכל, ווי אויך די שכלדיקע מאָראַל, זיינען ניט קיין זעלבסטשטענדיקע דיריגירנדיקע כוחות. הינטער זיי שטייט אַן אויבערהאַר, וואָס קערט זיי און ווענדט זיי אין אַלע זייטן: דער געפיל. אָט דאָס, דער געפיל, איז דער עיקר אין דער מענטשלעכער נשמה. און יעדעס פאָלק האָט זיינע געפילן.

דאָס רוסישע פאָלק לעבט מיטן געפיל. די רוסישע אינטעליגענציע — מיטן אַבסטראַקטן שכל. דערפון — דער תהום צווישן זייביידן. דערפון — די אָנמאַכט פון דער אינטעליגענציע.

וויל זי ווערן אַ היסטאָרישע קראַפט, דאַרף זי זיך באַפרייען פון אַלע אירע „אַלגעמיין־מענטשלעכע" שכלדיקייטן און אידעאַלן און, אַ באַפרייטע, זיך אַריינטונקען אין דעם ים פון דעם פאָלק, צונויפגיסן זיך מיט אים און אָנהייבן לעבן מיט זיינע געפילן.

דאָס בוך האָב איך געלייענט מיט דער העכסטער שפּאַנונג, אָבער אויך מיט דעם העכסטן אינעווייניקסטן פּראָטעסט. די ספּענסערס און די מילס האָב איך אַליין געשטודירט און מיט גאָר אַ היפּשן אינטערעס. אין די פראַגן פון אַלגעמיין־מענטשלעכן שכל, יושר און פּראָגרעס, בין איך שוין אַליין געווען נישט שלעכט אונטערגעשמידט. איך האָב אַליין שוין אַ היפּש ביסל געוואוסט וועגן דער ראָלע פון דעם געפיל (און נאָך מער פון דעם ווילן) אין דער מענטשלעכער, כלומרשט ריין־אָביעקטיווער, דערקענטעניש. עס איז מיר ניט שווער געווען פונאַנדערצופּלאָנטערן יוזאָווס סאָפיזמען.

דעם העכסטן פּראָטעסט האָט אין מיר אַרויסגערופן גראָד אָט דער פאַנאַטישער אָנפאַל אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איז שוין פאַר מיר געוואָרן אַ הייליקייט אין „דעם עיקר": אין מיין געפיל און אין מיין ווילן. די הויכשעצונג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שכל, פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן יושר, פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס.

און טאָפּלט־אינטענסיוו איז געווען אין מיר דער פּראָטעסט, ווייל איך האָב פון דעם בוך אַרויסגעלייענט אַ וואָרנונג פאַר זיך אַליין: „ברודער־לעבן! אויף דעם וועג, וואָס דו קלייבסט זיך צו גיין, געפינט זיך אַ משופּעדיקער אָפּוועג, וואָס פירט צו אַ שרעקלעכן זומפּ. זיין נאָמען איז יוזאָוו, דער שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליזם, וואָס לעבט לויט דעם פּרינציפּ: „טשטאָ ניעמצו זדאָראָוואָ, טאָ רוסקאָמו סמיערט" (וואָס פאַר דעם דייטשן איז עס אַ געזונט, איז דאָס פאַר דעם רוסן אַ טויט). זע, היט זיך! קאָלער זיך ניט אַראָפּ אַהין!"

איך בין גליקלעך, וואָס קיינמאָל אין מיין לעבן, ניט אין די שווערסטע ניסיונות, וואָס די טראַגישע יידישע געשיכטע האָט געשטעלט פאַר אונדז, מאָדערנע יידן, בין איך, אפילו אויף אַ האָר ניט אונטער־געפאַלן אונטער דער שליטה פון דעם שאָוויניסטישן געדאַנקען־גאַנג, און האָב תמיד געקעמפט אַנטקעגן אים.

אָבער יוזאָווס בוך האָט נאָך שאַרפער געמאַכט פאַר מיר דעם פּראָבלעם: די באַרעכטיקונג פון אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן, פון אַ קאַמף פאַר אַזאַ אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן.

וואָס טיילט אָפּ פעלקער איינע פון די אַנדערע?

די רייך־שאָוויניסטישע ריכטונג אין דער נאַציאָנאַליטעטן־טעאָריע, וואָס איינער פון אירע גלענצנדסטע פאַרטרעטער איז געווען יוזאָוו, האָט מיר באַוויזן די געפאַר, וואָס ליגט טאַקע אין דעם נאַציאָנאַליסטישן געדאַנקען־גאַנג. ס'איז די געפאַר אָפּצולייקענען די פאָדערונגען פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, די פאָדערונגען פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שכל און יושר.

יעדעס פאָלק, — אַזוי לערנט אָט די ריכטונג, — האָט זיינע מאָסן פאַר אמת, יושר און שיינקייט. עס איז ווי אַ מין אָרגאַניזם, וואָס אַרבעט אויס זיינע אייגענע געדאַנקען וועגן אַלץ אין דער וועלט, לויט זיינע אייגענע אינסטינקטן און געפילן, צוליב זיין אייגענעם לעבן. קריטיקירן דאָס לעבן פון אַ פאָלק מיט אַ כלומרשט „אַלגעמיין־מענטשלעכן“ מאָס־שטאַב, איז דעריבער טעאָרעטיש גרונט־פאַלש. ס'איז גאָר ניטאָ אַזאַ מין אַלמענטשלעכער מאָסשטאַב. העכסטנס זיינען דאָס אידייען איבערגענומען פון אַן אַנדער פאָלק, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט אין די אינטערעסן פון זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן. דערפון מוז אַרויסקומען, אַז אין אַ קאָנפליקטפאַל צווישן פאָלק און פאָלק איז ניטאָ קיין העכערער שופט, וואָס זאָל זיך קאָנען שטעלן איבער זיי, און אַרויסברענגען ווער פון זיי איז גערעכט. דאָס איז ווי אין דער זאָאָלאָגישער וועלט. דער וואָלף, וואָס וויל פרעסן די שעפּס, איז פונקט אַזוי „גערעכט“, ווי די שעפּס, וואָס וויל ניט געפרעסן ווערן פון דעם וואָלף. דאָ קאָן גאָר ניט זיין קיין רייד וועגן וועלכן־עס־איז אַלגעמיינעם יושר, וואָס זאָל זיין אַ חוב פאַר זייביידן.

אָט ווי אין שטשעדרינס מעשהלע מיט דעם „אַלטן וואָלף“. די הונגעריקע חיה טראַכט נאָר, ווי צו באַקומען אַ שעפּס אין אירע נעגל. און די גויע, ביי וועמען ער האָט אַוועקגערויבט דאָס לעצטע שעפּעלע, קאָן אַלץ איר צער ניט פאַרגעסן. „דער וואָלף יאָמערט, און די גויע יאָמערט. גיי, קלייב זיך דאָ פונאַנדער! . . . .“

אין דעם פעלקער־לעבן, ווי אין ווילדן וואַלד, קאָן נאָר הערשן דער כלל „כל דאלים גבר״, דער שטאַרקערער איז דער מיוחס. דאָס איז דאָס אומברחמנותדיקע „נאַטור־געזעץ״ פון דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ. ווי קאָן דאָ זיין אַ רייד וועגן אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, צו וועלכן אַלע מענטשן זאָלן שטרעבן?

אין מיינע אויגן איז דאָס געווען — און עס איז נאָך עד היום — דער פינצטערסטער לעבנס־בליק, וועלכן מען קאָן זיך נאָר פאָר־שטעלן.

און פונדעסטוועגן האָב איך געשפּירט, אַז ערגעץ ליגט דאָ אַ גרויסער אמת, נאָר אַ פאַרהוילקערטער. ס'איז אַן אידייען־קאָנפליקט צווישן צוויי שיטות: די שיטה פון נאַציאָנאַלן לעבן און די שיטה פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס. „די פעלקער יאָמערן און דער פּראָ־גרעס יאָמערט. גיי, קלייב זיך דאָ פונאַנדער!... ״ נו, יאָ. דאַרף מען זיך טאַקע פונאַנדערקלייבן אין דעם ענין „נאַציאָנאַליטעט״ און „פּראָגרעס״ און זען אויסצוגלייכן זייער קאָנפליקט.

אונטער דער ווירקונג פון יוזאָווס און ענלעכע טעאָריעס, איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ צווייטע אינטואיטיווע „איינזעעניש״: אַז פעלקער שטעלן טאַקע מיט זיך פאָר אַ מין אָרגאַנישע איינהייט. די איינצלנע קינדער פון דעם פאָלק זיינען אויסגעבונדן צווישן זיך, ווי, זאָגן מיר, די קעמערלעך פון אַ לעבעדיקן גוף אין אַן אָרגאַניזם. איך האָב דערשפּירט, אַז איך געהער צו דעם יידישן פאָלק, ניט ווי אַן עקזעמפּליאַר פון דעם מין „ייד״, נאָר ווי אַ טייל פון אַ „קיבוץ״, פון אַ היסטאָרישער איינהייט, וואָס רופט זיך „יידיש פאָלק״. און דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גאַנץ נייער ליכט־קוואַל.

איך בעט דעם לעזער, ניט נעמען פאַר אומגוט, וואָס איך באַשעפ־טיק אים דאָ מיט נאָך וייטערע טעאָרעטיזירונגען אויף דערזעלביקער טעמע: די פראַגע, וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט, שטייט נאָך עד היום אויף דעם סדר־היום פון דער טעאָרעטישער, אויב ניט פאָרשונג, איז אָרומטראַכטונג, ווייניקסטנס אין דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק. און פאַר דעם ענטפער, וואָס איך האָב געפונען אויף איר, מוז איך נאָך עד היום קעמפן. אָבער גראָד אָט דער ענטפער האָט מיך אַרויפגעפירט אויף דעם וועג אי פון דער טעאָרעטישער פאָרשונג, אי פון מיין גייסטיקן קאַמף אין דער יידישער וועלט.

די פראַגע איז אַזאַ: וואָס איז אַ ייד? אַן עקזעמפּליאַר פון אַ באַשטימטן מין, אָדער אַ טייל פון אַ באַשטימטן קיבוץ?

דעמאָלט האָב איך אַט די פראַגע — און דעם ענטפער אויף איר — מער געשפּירט, איידער לאָגיש קלאָר געטראַכט. איך וואָלט זי גאָר ניט געקאָנט פאָרמולירן אַזוי, ווי איך טו דאָס איצטער. לאָגיש גייט עס דאָ אין דעם אונטערשייד, וואָס עקזיסטירט צווישן אַן „אַלגע־מיינעם" באַגריף און אַ „קאָלעקטיוון" באַגריף. און פון אַט דעם פּשוטן אונטערשייד האָב איך נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט.

לאָזט מיך דאָ בקיצור דערקלערן אין וואָס דאָ גייט.

עס שטייט פאַראייניצלט אויף אַ באַרג אַן עפּלבוים. יעדער עפּלבוים איז אַן עקזעמפּליאַר פון יענעם מין פרוכט-ביימער, וואָס רופט זיך „עפּל־בוים". דער איינצלנער עפּלבוים האָט אין זיך אַלע סימנים, וואָס דער מין עפּלבוים האָט. און דער מין, דער „עפּלבוים בכלל", קאָן ניט האָבן אין זיך קיין אַנדערע סימנים, ווי נאָר די, וואָס געפינען זיך אין יעדן עפּלבוים. דאָ הערשט דאָס געזעץ: „אין בכלל אלא מה שבפרט". „עפּלבוים בכלל" איז אַן אַלגעמיינער באַגריף, וואָס שטייט לאָגיש איבער אַלע עפּלביימער.

דערזעלביקער איינצלנער עפּלבוים קאָן אָבער זיין אַ טייל פון אַ פרוכטגאָרטן — איין־איינציקער עפּלבוים אין אַ פרוכטגאָרטן פון כל המיני פרוכטן. „פרוכטגאָרטן" בכלל איז אַן אַלגעמיינער באַגריף פאַר אַלע פרוכטגערטנער. אָבער יעדער איינצלנער פרוכטגאָרטן איז אַ „קאָלעקטיווער" באַגריף. אויף אַ קאָלעקטיוון באַגריף קאָנט איר ניט זאָגן, אַז אין בכלל אלא מה שבפרט, אַז זיינע סימנים זיינען נאָר די, וואָס יעדער פרוכטבוים האָט אין זיך. ניין, ער איז כולל אין זיך אַלע סימנים: סיי די, וואָס יעדער פרוכטבוים האָט, סיי די, מיט וועלכע איין פרוכטבוים שיידט זיך אָפּ פון אַלע אַנדערע; און — ווי אַ צוגאָב דערצו — אויך נאָך יענע סימנים, וועלכע וואַקסן אַרויס פון דעם פאַקט, וואָס אַלע יענע פרוכטביימער שטייען אינאיינעם, אין איין פרוכטגאָרטן: זייער באַשטימטע איינאָרדנונג אין דעם שטח, די פאַרשיידענע אָרטן, ווי מען היט זיי אַלעמען אָפּ, ווי מען גייט אום אַרום זיי אאַ"וו.

„פרוכטבוים" איז אַ כלל־ (קלאַל) באַגריף. די איינצלנע פרוכטביי־מער שטייען לאָגיש אונטער אים. „פרוכט-גאָרטן איז אַ כולל־ (קוילעל) באַגריף, אַ „קאָלעקטיווער", און זיינע איינצלנע פרוכטביימער שטייען ניט לאָגיש אונטער אים, נאָר געפינען זיך רעאַל אין אים. (דער חילוק פון „שטיין אונטער" און „געפינען זיך אין" שטאַמט פון קאַנטן).

איצטער, לאָמיר עס פּרואוון אָנווענדן אויף דער פראַגע: „וואָס איז אַ ייד?"

רידיגער האָט אין זיין אַרבעט „וואָס איז נאַציאָנאַליטעט" אויס־געדרעכנט אַלע סימנים פון אַ נאַציאָנאַליטעט: שפּראַך, רעליגיע, אָפּשטאַם וכו'. הייסט עס, אַז אויב יידן זיינען אַ נאַציאָנאַליטעט, מוז יעדער ייד האָבן אין זיך אַלע יענע סימנים. ער איז אַן עקזעמפּליאַר פון דעם מין ייד. און וואו ער זאָל ניט זיין פאַרוואָרפן, וואו ער זאָל זיך ניט פאַר־קייקלען, ווי אַן איינצלנער אַרבעט, האָט ער אין זיך די סימנים פון יענעם מין אַרבעט, „צו וועלכן ער געהערט".

דער „אָרגאַנישער" בליק אויף דער זאַך באַטראַכט יעדן איינצל־יידן ניט ווי אַן עקזעמפּליאַר פון דעם כלל־באַגריף „ייד", נאָר ווי אַ טייל פון דעם כולל־באַגריף „יידיש פאָלק". און אַ ייד איז נאָר דער, וואָס לעבט אינאיינעם מיט דעם פאָלק, וואָס איז דירעקט אָדער איני־דירעקט אויסגעבונדן מיט דעם פאָלק. ער געהערט דעריבער ניט צו דעם מין „ייד", נאָר צו דעם קאָלעקטיוו „יידיש פאָלק".

לויט יוזאָווס שאָוויניסטישער טעאָריע, וואָלט אויסגעקומען, אַז אַ נאַציאָנאַליטעט איז אין דערזעלבער צייט אי אַ כלל־באַגריף, אי אַ כולל־באַגריף. יעדער איינער דאַרף האָבן אין זיך אַלע סימנים פון זיין נאַצי־אָנאַלן כלל און אין דערזעלביקער צייט לעבן אינאיינעם, זיין אויסגע־בונדן מיט זיין נאַציאָנאַלן כולל. די רוסישע אינטעליגענץ האָט פאַר־טיליקט אין זיך די וויכטיקסטע אַלגעמיינע נאַציאָנאַל־רוסישע סימנים, ווי זיי טרעטן אַרויס ביים רוסישן פאָלק. דעריבער איז די רוסישע איני־טעליגענץ אַרויסגעפאַלן פון כלל פאָלק און ממילא אויך פון דעם כולל „פאָלק". האָט זיך „אָפּגעריסן פון אים" און האָט דערפאַר פאַרלוירן יעדע שליטה אויף זיין לעבן.

אין מיין נייער איינזעעניש איז די זאַך אויסגעקומען גאַנץ אַנדערש. דער רוסישער אינטעליגענט דאַרף גאָר ניט באַטראַכט ווערן, ווי אַן עקזעמפּליאַר פון דעם מין „רוס", נאָר ווי אַ טייל פון דעם קיבוץ „רוסיש פאָלק". ער איז גאָר ניט מחויב צו האָבן די סימנים, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט. ער לעבט פאַקטיש ווי אַ טייל זיינער, און האָט אַ רעכט צו קעמפן אַנטקעגן דעם גאַנצן פאָלק, אין די אַלגעמיין־מענטשלעכע אינטערעסן פון דעם פאָלק; קעמפן, אַז דאָס פאָלק זאָל אויך ביי זיך פאַרטיליקן יענע נאַציאָנאַלע סימנים זיינע, וואָס גייען להיפוך צו זיינע, דעם אינטעליגענטס, אידייען וועגן אַלגעמיין־מענטשלעכן שכל און יושר.

וואַקסט דאָ אויס די שאלה: אויב „פאָלק" איז אַן „אָרגאַניזם", היינט ווי אַזוי קאָן ער פאַרבייטן זיינע סימנים אויף אַ וועלכן־עס־איז אַנדערנס סימנים? איז דער תירוץ: מיר האָבן דאָ, משמעות, צו טאָן

מיט אַ גאַנץ אַנדער מין אָרגאַניזם, ניט מיט אַ זאָאָלאָגישן, וועמעס סימנים, וועמעס לעבנס־פאָרמען עס קאָנען זיך ניט בייטן (אָדער בייטן זיך נאָר אין יאָרהונדערטער, אין יאָרטויזנטער). „נאַציע״ איז אַ־ז מענטשלעך־פּראָגרע־סיווער, היסטאָרישער אָרגאַניזם, וואָס בייט זיינע פאָרמען און „סימנים״ אין לויף פון זיין פּראָגרעסיווער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

אַט דער געדאַנק האָט מיך אַרויסגעפירט אויף אַ נייעם וועג, וואָס פירט צו אַ שאַרפער קריטיק פון די אַזוי־אָנגערופענע „נאַציאָנאַלע סימנים״, און צו אַ נייעם בליק אויף דעם מהות פון נאַציאָנאַליטעט, ווי אַ טייל פון דער מענטשהייט.

ס'איז ניט דאָ דאָס אָרט צו ריידן וועגן מיין נאַציאָנאַליטעט־טעאָריע. אַ קורצער באַריכט וועגן איר וועט זיין פּאַסיק, ווען איך וועל ריידן וועגן דער צייט, ווען זי איז פאָרענדיקט און פאָרעפנטלעכט געוואָרן.

דאָ וויל איך נאָר באַמערקן, אַז אין אָנהייב פון מיין פאָרשן האָב איך גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן פון וועלכע־עס־איז כלל־סימנים פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט; אַז ערשט אין דעם לעצטן סך־הכל בין איך אויך גע־קומען צו דעם רעזולטאַט, וואָס איז געלעגן איינגעשלאָסן, הגם גאָר ניט פאָרמולירט, אין יוזאָווס געדאַנקען־גאַנג. „נאַציע״ איז אין דערזעלביקער צייט אי אַ כלל־באַגריף, אי אַ כולל־באַגריף. אָבער אין אַ גאַנץ אַנדער זין, ווי דאָס האָבן פאָרשטאַנען יוזאָוו און די אַנדערע שאָוויניסטן — אין אַ זין, וואָס שטימט האַרמאָניש צונויף מיט די פאָדערונגען פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס.

די נייע איינזעעניש האָט מיר קלאָר געמאַכט, אַז אין דער טעאָרע־טישער באַגרינדונג פון מיין נאַציאָנאַליזם וועל איך האָבן צו טאָן מיט צוויי הערשנדיקע פיינטלעכע שטאַנדפּונקטן: דעם שאָוויניזם פון רעכטס, וואָס וויל ניט וויסן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן שכל און יושר, און דעם קאָסמאָפּאָליטיזם פון לינקס, וואָס לייקנט אָפּ דעם „זכות הקיום״ פון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

דיזעלביקע איינזעעניש האָט מיך אָבער אויך אַרויסגעפירט פון יענער פאַרפּלאָנטערטער פראַגע, וואָס איך האָב אָנגעמערקט אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען.

איך זע איין, אַז איך בין אַ יידישער אינטעליגענט. איך בין ניט קיין עקזעמפּליאַר פון דעם איצטער עקזיסטירנדיקן „מין ייד״ און וויל גאָר ניט זיין אַזאַ עקזעמפּליאַר. איך בין אַ טייל פון דעם היסטאָרישן אָרגאַניזם „יידיש פאָלק״ — אַ טייל, וואָס האָט אַ באַשטימטע מיסיע דורכצופירן אין דעם לעבן פון זיין פאָלק.

אין וואָס באַשטייט די מיסיע פון דעם אינטעליגענט?

לאַווראָוו האָט געענטפערט: די רוסישע אינטעליגענציע דאַרף קודם כל באַצאָלן איר חוב דעם רוסישן פאָלק, ווייל זי לעבט פון אים.

ליגט דערזעלבער חוב אויף מיר בנוגע צום יידישן פאָלק? ניין! איך געפין, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט מיר גאָרנישט ניט געגעבן, און איך בין אים גאָרנישט ניט שולדיק. (אַזוי האָב איך טאַקע געטראַכט!) איך לעב ניט אויף זיין חשבון. מיר, אַלע יידן אינאיינעם, לעבן אויפן חשבון פון דעם רוסישן פאָלק.

ליגט ניט אויף מיר, דעם יידישן אינטעליגענט, דער חוב צו דינען דעם רוסישן פאָלק, כדי צו באַצאָלן אונדזער יידישן פאָלקס־חוב? ניין! דעם חוב פון אַ פאָלק קאָן באַצאָלן נאָר דאָס גאַנצע פאָלק, ניט אַן איינצל־נער. און אַן איינצלנער איז נאָר אַ טייל פון דעם פאָלק, און ווי אַ פאָלקס־קינד, ווי אַן אינטעליגענט, וואָס האָט אַ מיסיע נאָר ביי אים, טאָר ער גאָר ניט אָוועקגיין פון אים אין דער פרעמד.

יוזאָוו איז אומגערעכט, ווען ער באַשולדיקט די רוסישע אינטעליגענציע, הלמאי זי האָט זיך אָפּגעריסן פון די רוסישע פויערימשע פאָלקס־מאַסן. זי האָט זיך גאָר ניט אָפּגעריסן. אדרבה! זי רייסט זיך צו זיי, כדי דורכ־צופירן איר היסטאָרישע מיסיע ביי זיי.

אָבער אָט די באַשולדיקונג טרעפט אין פולער מאָס אונדזער יידישע אינטעליגענציע, וואָס האָט זיך באמת אָפּגעריסן פון דעם יידישן פאָלק. ניט אין דעם ליגט איר שולד, וואָס זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון די יידישע לעבנספאָרמען, פון די יידישע געדאַנקען און האָט אויסגעטיליקט אין זיך אַלע אַנדערע יידישע „סימנים": זי האָט אַ פול, כשר רעכט דערצו. נאָר אין דעם ליגט איר שולד, וואָס זי האָט איבערגעריסן איר פאַרבינדונג מיט דעם יידישן פאָלק און פאַרגעסן אויף איר חוב צו זיך אַליין, ווי צו אַ באַשטימטן טייל זיינעם.

די אינטעליגענציע טראָגט אויף זיך די אחריות פאַר די אידעאַלן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פראָגרעס בנוגע צו איר אייגענעם פאָלק. עס איז איר מיסיע צו קעמפן פאַר יענע אידעאַלן אין דעם יידישן לעבן. זי מוז שטרעבן אויסצוראָטן אַלץ אין דעם יידישן פאָלק, וואָס גייט להיפוך צו יענע אידעאַלן. זי מוז זען אַריינצוטראָגן זיי אין אַלע ווינקעלעך פון דעם פאָלקס־לעבן, כדי זיי זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן אין אַלע יידישע לעבנס־פאָרמען. דאָס איז דער חוב וואָס ליגט אויף דער יידישער אינטעליגענציע, און ממילא אויך אויף מיר. דאָס לעבן ווי אַ הענדלער־קלאַס, וואָס פאַר־וואַנדלט אונדז אין די אויגן פון די בעסטע רוסישע קינדער אין אַ טשאַטע

הונגעריקע וועלף, גייט להיפוך צו דעם אידעאַל פון אַ פּראָגרעסיוון פאָלקס־לעבן. ליגט אויף אונדז, וואָס זענען דאָס איין, דער חוב איבערצובויען די עקאָנאָמישע יסודות פון דעם יידישן לעבן.

דאָס איז ניט קיין פראַגע פון סאָציאַליזם אָדער קאַפּיטאַליזם. דאָס איז אַ פראַגע, צי דער מקור חיונה פון דעם יידישן פאָלק זאָל זיין די אייגענע יידישע אַרבעט, אָדער די פרעמדע, ניט־יידישע אַרבעט.

אָט דעם איבערבוי זיינען מיר שולדיק ניט דעם יידישן פאָלק. ער קען ביי אונדז גאָרנישט מאָנען. מיר זיינען דאָס שולדיק אונדזער אייגענעם געוויסן. מאָנען ביי אונדז קאָנען נאָר די אידעאַלן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, ווי זיי לעבן אין אונדזער אייגענעם געוויסן. די אחריות, אַז אָט די אידעאַלן זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן אין אונדזער אייגענעם יידישן פאָלקס־לעבן, ליגט אויף אונדזערע אַקסלען, און נאָר אויף אונדזערע, ווייל נאָר מיר זיינען טיילן פון איס, דער פּראָגרעסיווער אַוואַנגאַרד זיינער.

ערשט ווען מיר וועלן דאָס דורכפירן, ווען אויך אונדזער פאָלק וועט אָנהייבן לעבן נאָר פון זיין אייגענער אַרבעט, וועט אונדזער פאַרשולדיקט־קייט ביים רוסישן פאָלק ממילא אויפהערן. אָי, דער אַלטער חוב? נו, וועגן אים וועלן מיר זיך שוין ווי־עס־איז אויסגלייכן על פי מענטשלעכקייט.

און ווען איך רייד דאָ וועגן דער אחריות פאַר דעם פאָלקס־לעבן, וואָס די אידעאַלן פון דעם פּראָגרעס וואַרפן אַרויף אויף אונדזערע אַקסלען, וויל איך, מען זאָל מיר גלייבן, אַז דאָס איז ניט געווען ביי מיר קיין אויסגעפּלפּולטער, אויסגעמוטשעטער געדאַנק. דאָס איז געווען אַ געפיל, אַ ריין־נאַציאָנאַלער געפיל, אַסך אַ שטאַרקערער, איידער די ליבע צום פאָלק, אָדער די רחמנות אויף אים, אָדער די שטאָלץ־געפילן מיט זיינע אויפטוּ־אונגען, וואָס פלעגן מיר אויך ניט זיין פרעמד.

דאָס איז געווען אַ ברענענדיקער געפיל פון אַן אייגענער פאַרשולדיקט־קייט. ווען איך פלעג מיך דערמאָנען אָן דעם ריב״לס צוויי־פערזן וועגן דעם גויאישן פויערל און דעם יידישן קרעטשמער:

„ישתה וישכח רישו.
— ישתה וישקע חרישו״,

פלעגט דאָס מיך ממש אַ ברען טאָן. ווער איז שולדיק אין דעם? מיר זיינען שולדיק אין דעם. דאָס פאָלק האָט קיין בעסערס ניט געוואוסט. מיר ווייסן! ס'איז אונדזער ערשטער חוב צו זען, אַז אונדזער פאָלק זאָל ויסן וואָס מיר ווייסן, און אויף אַזאַ אופן געווינען אים פאַר דער דורכפירונג פון די העכסטע פּראָגרעסיווע אידעאַלן אין זיין אייגענעם לעבן.

38

דער אָנהייב פון מיין „יידישיזם״

אין דערזעלביקער צייט, ווען די געדאַנקען וועגן מיין „יידישקייט״ האָבן זיך ביסלעכווייז אַלץ מער און מער אָפּגעקלערט, איז מיין פּסיכישער צושטאַנד געווען גאָר ניט קיין געהויבענער.

איך האָב זיכער געליטן פון אַ שאַרפער נערוועאישקייט, וואָס האָט זיך צייטנווייז געשטייגערט שיר ניט צו היסטעריע. אין דער היים, מיט דער געוויינלעכער אַטמאָספערע, דער היימישער, וועלכע איך האָב שוין אַמאָל געשילדערט, האָב איך מיך פּשוט קיין אָרט ניט געפונען.

איך געדענק ניט די פּרטים, ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, אַז איך האָב דערקלערט דער מוטער: „איך גיי אַוועק פון דער היים צו וואוינען פאַר זיך״. זי האָט געהאַט דערפון דעם גרעסטן עגמת־נפש, און איך האָב געמוזט, ווי אַ קאָמפּראָמיס, נאָכגעבן, אַז עסן וואַרמעס און וועטשערע זאָל איך אַלעמאָל קומען אַהיים.

איך האָב געקראָגן אַ פּאָר „שטונדן״ אויף צו דעקן מיינע קליינע הצטרכותן און האָב געדונגען אַ קליין צימערל ביי אַן אַלטער פּוילישער אַלמנה. אַהינצו האָב איך אַריבערגעפירט מיין ביבליאָטעק פון האַלב־לעגאַלע שריפטן, מיט וועלכער עס האָט זיך באַנוצט אַ טייל יידישע און ניט־יידישע יוגנט. די ביבליאָטעק האָט זיך גאַנץ היפּש פונאַנדערגעוואַקסן, דער עיקר, אַ דאַנק די קניות פון עלטערע ראַדיקאַלע זאַכן, וועלכע מיין ברודער באַריס („בעבע״), וואָס האָט באַקליידט אַ שטעל ביים פּאַטער אין וואַלד־געשעפט און האָט תמיד געהאַט „אַ פרייען קערבל״, האָט פון צייט צו צייט געמאַכט.

קיין „פּראָפּאַגאַנדע״ האָב איך אָבער ניט געפירט. איך האָב נאָר געגעבן עצות, וואָס און ווי צו לייענען, כדי צו ווערן אַ „גייסטיק אַנט־וויקלטער מענטש״, און פלעג אָנווייזן, וואו מען קאָן געפינען אַ דערקלע־רונג פאַר דעם אָדער יענעם פּראָבלעם, וואָס האָט געאינטערעסירט דעם פרעגער.

אַזעלכע קליינינקע גייסטיקע צענטערן, ווי מיין ביבליאָטעק, האָבן אין יענער צייט זיך גענומען אויסבילדן כמעט אומעטום איבער רוסלאַנד. וואָס שאַרפער עס איז געוואָרן די רעאַקציע, וואָס שטרענגער די צענזור פאַר דאָס געדרוקטע וואָרט, וואָס פאַרשימלטער די מעטאָדן און די ריכטונג אין די אָפיציעלע בילדונגס-אַנשטאַלטן, אַלץ מער האָט זיך די יוגנט געצייטיקט אין קוואַלן, פון וועלכע זי זאָל קאָנען שעפּן אַ פרייען געדאַנק. שפּעטער איז די אַרבעט פון „זעלבסטבילדונג" געוואָרן אַ פיל-פאַרצווייגטע איבערן גאַנצן לאַנד.

עס פלעגן אַרויסגיין סיסטעמאַטיש-צונויפגעשטעלטע ביבליאָגראַפיעס, וואָס פלעגן אָנווייזן, וועלכע ביכער און ווי מען זאָל זיי לייענען, כדי אַריינצונעמען אין זיך דעם בילדונגס-אוצר פון דער פּאָפּולערער וויסנשאַפט און פון דעם פרייען געדאַנק.

קיין גרויסע באַפרידיקונג האָט אַזאַ מ'שטיינס-געזאָגט „אַרבעט צווישן דער יוגנט" מיר ניט געקאָנט פאַרשאַפן. אָבער איך בין געווען פאַרנומען מיט שטודירן די ווערק און די פּראָבלעמען, וואָס איך האָב אויבן דערמאָנט, און . . . מיט שרייבן שירים.

אָן אַ ברעקל „יידישיסטישן" איבערקלער, האָט מיין דעמאָלטיקע „מוזע" (איך האָב נאָך אַלץ געמיינט, אַז מיין „אַמפּולאַ" אין לעבן איז די פּאָעזיע) גענומען אַרויסברענגען אויף יידישע קלאַנגען.

כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין שטימונג איז אַ קליין לידל, וואָס דאַרף שטאַמען גראָד פון יענער צייט. איך ברענג עס אין „פּראָזע", ווייל איך וויס באמת ניט, צי די פערזן פאַרדינען יענעם באַזונדערן אויסשטעל, וואָס זיי וואָלט געקומט, ווען זיי וואָלטן געווען אמתע „פּאָעזיע".

„איך וויס אַליין ניט, פאַרוואָס עס קלעמט מיין האַרץ אַזוי; פאַרוואָס איך באַוואָש מיך מיט טרערן; פאַרוואָס איך האָב ניט קיין רו און מיט קיין זאַך קאָן איך ניט מיינע ווילדע געדאַנקען צעשטערן".

„איך וויס אַליין ניט, וואוהין עס טרייבט און רייסט מיך פון אָרט: וואָס ציט מיך צו אַנדערע ערטער? עס וואַקסט אין מיר אַ געפיל, וואָס איך קאָן ניט פאַרשטיין, און ווילדע געדאַנקען אָן ווערטער" . . .

דאָס „באַוואָשן זיך מיט טרערן" איז ניט געווען קיין ריינע מליצה. איך פלעג אָפט וויינען, אַ פאָר מאָל גאַנץ היסטעריש. אַ פאָר אַזעלכע היסטערישע אָנפאַלן געדענק איך, וואָס האָבן געמוזט פאָרקומען זומער-צייט פון 1884.

צו יענער צייט איז דער נאַרישער אַנטי-עסטעטיציזם פון מיין פריער-דיקער „ראַדיקאַלעכץ" שוין אינגאַנצן געווען פאַרשוואונדן. ערשט דע-

מאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט געטעס „פאַוסט“ אין אַ רוסישער איבערזעצונג. דער ערשטער טייל פון דער טראַגעדיע, דער שטאַרקסטער און טיפסטער, לויט זיין אוממיטלבאַרן לעבנסגעהאַלט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם.

אָבער, מערקווירדיק, דערנומען האָט מיך ניט אַזוי די פאַוסט־טראַגעדיע, וואָס האָט דאָך מיר געדאַרפט זיין מער אָדער ווייניקער נאָענט, אַ דאַנק דעם „צוויי־זעעלען“־קאַמף אין דער אייגענער ברוסט. אַמטיפסטן האָט מיך אויפגערודערט די גרעטכען־טראַגעדיע: דער אומשולדיקער קרבן פון פאַוסטס יאָגן זיך נאָך דעם אייגענעם גליק.

דער עיקר, די לעצטע סצענע אין דער תפיסה.

גרעטכען, וואָס האָט געטייט איר קינד, זיצט אין תפיסה אַ פאַר־משפּטע צו ווערן געקעפּט. זי איז געררט פון זינען און טראָגט זיך אַרום מיט אַ ליאַלקע, געמאַכט פון אַ שמאַטע, און דריקט עס, ווי איר עופהלע, צו איר ברוסט. פאַוסט קומט באַפרייען זי. אָבער זי דערקענט אים ניט. זי מיינט, דאָס איז דער תליון שוין געקומען נאָך איר יונגן לעבן. אומזיסט בעט זיך ביי איר פאַוסט און רעדט איר איין, זי זאָל אַנטלויפן מיט אים. און ווען אין איר בליצט אויף פאַר אַ רגע דער קלאָרער איינזען, נאָך וואָס פאַוסט איז געקומען, זאָגט זי זיך אָפּ פון באַפרייאונג. ערשט ווען פאַוסט, אַ געצוואונגענער צו פאַרלאָזן זי, גייט אַוועק און די אייזערנע טיר שליסט זיך צו הינטער אים, רייסט זיך אַרויס גרעטכענס פאַרצווייפלטער אויסגעשריי:

„היינריך! היינריך!“

דער פינאַל האָט אויפגעטרייסלט מיין נשמה ביז צו איר גרונט. און בעת איך האָב מיך מיט מיין גאַנצער קראַפט געמיט איינצוהאַלטן דעם היסטערישן געיאָמער, וואָס האָט זיך געריסן פון מיר, איז מיר געווען קלאָר, אַז אָט די גאַנצע סצענע האָט פאַר מיר אַ טיף־סימבאָלישן באַדייט.

גרעטכען — דאָס איז פאַר מיר דעמאָלט געווען . . . אונדזער פאָלק. דאָס פאָלק זיצט אין אַ פינצטערער תפיסה, איז געררט פון זינען, דריקט אַ שמאַטע צו זיין ברוסט, אַנשטאָט אַ לעבעדיק קינד. עס קומט צו אים פאַוסט, דער באַפרייער, אָבער דאָס פאָלק פאַרשטייט גאָרנישט זיינע רייד, און ווען ביי אים בליצט־אויף דער קלאָרער איינזען, וואָס די באַפרייענדיקע אינטעליגענציע וויל פון אים, קלייבט ער אויס די פינצטערע תפיסה, און די ליאַלקע, און דעם זיכערן טויט, אַנשטאָט פרייהייט און לעבן . . . די אינטעליגענציע איז געצוואונגען איבערצולאָזן אים אויף זיין אייגענעם גורל...

דאָרף איך דערקלערן דעם סימבאָל פון דער „ליאַלקע", וואָס דאָס פאָלק דריקט מיט ליבע צו זיין ברוסט? איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ פיינט פון יעדער רעליגיע בכלל, דער יידישער בפרט. דעמאָלט האָב איך נאָך קיין ברעקל אַנונג ניט געהאַט, אַז גראַד ביי אונדז איז די רעליגיע געווען דער איינציקער לעבנס־קוואַל, וואָס האָט אונדז געגעבן די כוחות צו עקזיסטירן, ווי אַ פאָלק . . .

דעמזעלבן זומער, אין אַ שטילן הייסן טאָג, בין איך אין אַ שיפל געפאָרן אַראָפּ טייך אויף דער דווינע און בין צוגעשטאַנען ניט ווייט פון דער „אייזערנער בריק", צום לינקן ברעג אירן, דעם באַרגיקן און באַוואַקסענעם. דאָרט האָב איך אין שאָטן גערוט. אַרום איז אַלץ געווען פאַרגליווערט שטיל. פלוצים האָב איך פון אויבן, ווי פון הימל, דער־הערט אַ קלאָגנדיקע, זינגענדיקע פרויען־שטים:

„אויף וועמען האָסטו מיך פאַרלאָזן?"

מיך פאַרדריסט, וואָס איך קאָן דאָ ניט איבערגעבן דעם כאַראַקטע־ריסטישן מאָטיוו, מיט דער כאַראַקטעריסטישער מאָדולאַציע פון דעם זינגענדיק־אַרויסגעוויינטן יאַמבישן פערז:

„אויף־ווע! מען־האַ! סטו־מיך! פאַר־לאָ־אָ־אָזן?"

געוויינט האָט דאָס אויבן אויפן באַרג אַ יונגע פרוי, ביי אַ קבר, אויף דעם יידישן בית־עולם.

נאָר איין־איינציקער אויסגעוויין אַזאַ האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער לופט, און ווידער — די פאַרגליווערטע שטילקייט. איך האָב דערשפּירט, אַז איך ווער היסטעריש, און האָב גענומען האַסטיק רודערן אַרויפן וואַסער. צוריק אַהיים.

אויך אָט דער צעצויגענער, פאַרצווייפלט־אַפּהענטיקער אַרויסקלאַג האָט געקלונגען אין מיר, ווי אַ סימבאָלישער פאַרוואָרף. ער האָט אין מיר צייטיק געמאַכט דאָס, וואָס מען רופט אָן „די האַניבאַלישע שבועה", אָדער „די שבועה פון בלוט". פאַר מיר איז דאָס געווען די אינעווייניקסטע שבועה, וואָס איך האָב מיר געגעבן, תמיד צו בלייבן געטריי דעם יידישן פאָלק, „אים אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן", צו סאָלידאַריזירן זיך מיט זיין היסטאָרישן גורל, וואָס אים זאָל ניט זיין באַשערט.

נאָך בעסער וואָלט געווען צו פאָרמולירן דעם אינהאַלט פון מיין דעמאָלטיקער שבועה אַזוי: תמיד צו בלייבן טריי מיין געטאָפּלטן, צוויי־אייניקן חוב פון אַ יידישן אינטעליגענט: דינען די אידעאַלן פון דעם אַלמענטשלעכן פּראָגרעס אינעם ליכט פון מיין אחריות פאַר זייער גורל ביי מיין אייגענעם פאָלק.

אַט דער מאָראַלישער חוב איז פון דעמאָלט אָן שוין געשטאַנען פאַר מיר מיט דער קלאָרקייט פון אַ גוט־דורכגעטראַכטן געדאַנקענגאַנג און מיט דער פעסטקייט פון אַ טיף־איבערגעלעבטן נאַציאָנאַלן געפיל. פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיינע קווענקלעניִשן און וואַקלעניִשן ניט אין געדאַנק און ניט אין געפיל. דאָס איז געוואָרן די צענטראַלע אַקס, אַרום וועלכער עס האָבן זיך געדרייט אַלע מיינע באַמיאונגען, דער עיקר אויפן פעלד פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אָבער צו גאָר אַ גרויסן טייל אויך אויפן פעלד פון מיינע טעאָרעטישע פאָרשונגען.

אַט דאָ ערשט איז פאַר מיר קלאָר אַרויסגעשוואומען די פּראַקטישע פראַגע: וואָס טאָן?

עס איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז מיין ביז־אַהעריקער לעבנסגאַנג פון אַ סאָציאַליסטישן פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס וואַרט ביז די פּאָעטישע שכינה וועט אַראָפּנידערן אויף אים און אים מזכה זיין מיט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן ווערק (איך האָב טאַקע אַ פּאָר מאָל געפּרואווט מקרב צו זיין אַט דעם „קץ", עס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן), אָדער ביז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וועט אים איינשלינגען אין איר שטראָם, — אַז אַט דער לעבנס־גאַנג ליגט שוין אין גאַנצן אָן אָפּגעשלאָסענער הינטער מיר.

פּאָעט, אָדער ניט פּאָעט — קודם כל אַרבעטער! אָבער פאַר וואָס זיך נעמען?

צווישן די פאַרשיידענע פּלענער, וואָס האָבן זיך געטראָגן פאַר מיר, איז געוועזן איינער, אויף וועלכן איך פלעג מיך אָלץ מער און מער אָפּשטעלן. דאָס איז געווען דער געדאַנק, אַרויסצוגעבן אַ לעגאַלן חודש־זשורנאַל אין יידיש — אַן אויפקלערונגס־אָרגאַן און אַ קאַמף־אָרגאַן פאַר יענע אַלגעמיינע יסודות פון מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס לאָזן זיך פאַרטיידיקן אויך אונטער דער רוסישער צענזור.

דער צענזור־מצב אין רוסלאַנד איז גראָד געווען אַזאַ, אַז אַלגעמיין־פּראָגרעסיווע געדאַנקען אין אַן אָנשטענדיקן וויסנשאַפטלעכן טאָן, בפרט נאָך, ווען איבערגעזעצט פון אַן אויסלענדישער שפּראַך, אָדער — נאָך בעסער —טאַקע פון רוסיש גופא, האָבן געקאָנט אַרויסגעזאָגט ווערן פראַנק און פריי. און ביכער איבער צוואַנציק דרוק־בויגן האָבן בכלל ניט געדאַרפט פריער צוגעשטעלט ווערן צו דער צענזור.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דער באַשלוס אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל אין יידיש, איז ניט אַרויסגעוואָקסן פון אַ וועלכן עס איז באַוואוסטזיניקן „יידישיזם". אין די טעאָריעס וועגן דעם ענין נאַציאָנאַליטעט, מיט וועלכע איך בין באַקאַנט געוואָרן, האָט מען אויף דעם

ענין „שפּראַך" קיין גרויס געוויכט ניט געלייגט. עס האָט זיך גערעדט, — דער עיקר, — וועגן דעם פאָלקס „גייסט" און דעם פאָלקס „קולטור", — אַלע ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיט אַ באַשטימטן אינהאַלט פון אַ מענטש־לעכן לעבן: מיינונגען, גלייבונגען, טראַדיציעס, פאָלקס־שאַפונגען, סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבנס־פאָרמען. די שפּראַך איז באַטראַכט געוואָרן נאָר ווי איינער פון די סימנים, וואָס גייען אַריין אין דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

און אויך דאָס איז שוין וועגן דעם ענין שפּראַך געווען אין דער טעאָריע אַרויסגעבראַכט גאַנץ קלאָר, אַז דער לשון פון אַ פאָלק איז ניט קיין סימן מובהק פון זיין נאַציאָנאַלן יש. פילאָסאָפיש אויסגעדריקט, וואָלט מען באַדאַרפט זאָגן, אַז פאַר דער „סובסטאַנץ" פון דעם פאָלק איז די באַשטימטע שפּראַך זיינע ניט קיין „אַטריבוט", נאָר אַ „מאָדאַליטעט", — אַ זאַך, וואָס קאָן זיך בייטן און די „סובסטאַנץ" פון דעם פאָלק זאָל דער־ביי בלייבן ניט געענדערט.

אין אָט דעם בליק האָבן מיינע שפּעטערדיקע פאָרשונגען אַריינגע־בראַכט גאַנץ היפּשע קאָרעקטורן. אָבער אין יענער צייט בין איך נאָך אַליין געשטאַנען אויף יענעם שטאַנדפּונקט, וואָס איז נאָך איצטער כמעט דער הערשנדיקער אומעטום: שפּראַך איז ניט מער ווי אַ מיטל אויסצו־דריקן און מיטצוטיילן געדאַנקען. קיין אַנדער „פונקציע" אין קולטורעלן לעבן פון דער מענטשהייט האָט זי ניט. דאָס איז אויך פאַר מיר געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

די „שפּראַכן־פראַגע" איז דעריבער געשטאַנען פאַר מיר דעמאָלט ניט מער ווי אין אַזאַ פאָרם:

ס'איז קלאָר, אַז צו אַ פאָלק דאַרף מען זיך ווענדן אין זיין שפּראַך. אָבער אונדזער פאָלק באַנוצט זיך מיט צוויי שפּראַכן: העברייאיש און יידיש. ס'איז דאָ זייער וויכטיק צו האָבן אין אויג, אַז אין דער חסידיש־האַלב־משכילימשער סביבה, אין וועלכער איך בין אויפגעוואַקסן און אין וועלכער איך האָב איצט געלעבט, זיינען ביידע שפּראַכן געשטאַנען אַבסאָלוט אויף דער זעלביקער מדרגה פון חשיבות. עס איז קיינעם פון מיינע פרום־יידישע קרובים און באַקאַנטע קיינמאָל ניט אַרויף אויפן זין צו קוקן אויף יידיש פון אויבן אַראָפּ. האָט מען דאָך אויך די תורה געלערנט און „געזאָגט" אין יידיש. און אין וואָס פאַר אַ רייכן יידיש!

„לשון קודש" האָט געהאַט נאָר אַ רעליגיעזן איבערוואָג. „העברייאיש" אָבער, די שפּראַך פון דער וועלטלעכער קולטור, — זאָגן מיר, פון דער צייטונג, וואָס מען לייענט אַלע טאָג אָדער פון דעם השכלה־בוך, אין וועלכן

מען „קוקט אַריין״, — אַט דער העברייאיש האָט אפשר געהאַט אַ שטיקעלע איבערוואָג אין זיין חשיבות, אָבער ניט מצד דער שפּראַך אין זיך גופא, נאָר מצד דער השלמהקייט.

און די גרויסע השלמהקייט, וואָס האָט, מישטיינס געזאָגט, געשטעקט אין דעם! וועלכער ייד, וואָס איז ניט קיין עם־הארץ, קאָן דאָס ניט לייענען אַ בלאַט אָדער אָנשרייבן אַ בריוו? אַט, אַ בעל־מליצה, — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. שרייבן העברייאיש, ווי אַ מאַפּו האָט געשריבן, אָדער שירים, — זעט איר, דאָס איז שוין געווען אַ שיינדל. אָבער די צייט פון מליצה־העברייאיש איז שוין געווען אַריבער. ליליענבלום האָט צעקלאַפּט די גאַנצע אַמאָליקע גדלות פון דעם השכלה־העברייאיש.

מיין פאָטער, אַליין אַ „בעל־לשון״ פון אַלטן חדר, האָט אין דער ערשטער צייט פשוט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן ליליענבלומס שפּראַך.

— אויך מיר אַ לשון! — האָט ער אַמאָל אַרויסגעזאָגט. — אַזוי שרייבן קאָן יעדער ישיבה־בחור.

ביסלעכווייז האָט מען זיך צוגעוואוינט צו אַ העברייאישן „לשון חול״, וואָס איז שוין, אין זיין חשיבות, אין קיין פּרט ניט געשטאַנען העכער פאַר יידיש.

אַזוי איז דאָס, לפּחות, געווען אין יענער יידישער סביבה, אין וועלכער איך בין אויסגעוואַקסן.

איז די פראַגע פאַר מיר געווען: אין וועלכער שפּראַך דאַרף מען זיך ווענדן צו דעם פאָלק, — ניט נאָר צו די עם־הארצישע מאַסן, נאָר צו דעם גאַנצן פאָלק, — כדי אויסצובילדן אין אים אַן אַוואַנגאַרד, וואָס זאָל קעמפן פאַר די אידעאַלן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, פאַר זייער פאַרווירקלעכונג אין דעם אייגענעם יידישן לעבן?

עס זיינען געווען אַ סך טעמים, וואָס האָבן גערעדט דערפאַר, אַז אַזאַ אַוואַנגאַרד קאָן אַמבעסטן אויסגעבילדעט ווערן אין העברייאיש. און וואָלטן יענע טעמים געוואונען ביי מיר די אויבערהאַנט, וואָלט מיר ניט געקאָסט קיין סך מי אויסצואַרבעטן פון זיך אַ העברייאישן שריפטשטעלער. דער באַשלוס זיך איבערצוגעבן דעם יידיש, אַנשטאַט דעם העברייאיש, איז אָבער אַרויסגעוואַקסן פון אַ גאַנץ פשוטן פּראַקטישן חשבון:

מיר, די טרעגער פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס, דאַרפן קומען צום פאָלק מיט אַ גאַנץ נייער גייסטיקער וועלט: דער וועלט פון דער מאָדערנער, פּראָגרעסיווער, מערב־אייראָפּייאישער קולטור. לגבי אַט דער וועלט איז אונדזער גאַנץ פאָלק בבחינת עם הארץ. מיין פאָטער,

דער גרויסער למדן, חריף ובקי, איז אין איר פונקט אַזאַ „עם־הארץ" ווי דער שוסטער אָדער דער שניידער.

דאָ קאָן ניט געמאַכט ווערן קיין אונטערשייד צווישן קלאַסן און ביל־דונגס־גראַדן. דאָ דאַרף מען באַנוצן יענע שפּראַך, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַר זיי, פאַר אַלעמען. און דאָס איז יידיש, די שפּראַך שבעל פּה פון יעדן יידן. מער און טיפער האָב איך וועגן אָט דעם ענין דעמאָלט ניט געטראַכט.

אָבער עס איז קלאָר צו פאַרשטיין וואָס דער דאָזיקער ערשטער שריט האָט באַטייט און וואוהין ער האָט מיך געדאַרפט פירן.

אַ פּעקעלע כתבים

ביסלעכווייז האָט זיך ביי מיר איינגעפּעסטיקט דער פּלאַן, אַרויסצו־געבן אַ זשורנאַל אין יידיש. מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף מיין פּאַטערס קומען פון ריגע, כדי באַקאַנט צו מאַכן אים מיט מיין פּראָיעקט, און אויב ער וועט מסכים זיין מיט אים, נעמען ביי אים די נייטיקע פינאַנציעלע מיטלען.

אויף דער ליטעראַרישער זייט פון דער זאַך האָב איך ניט געהאַט קיין פיל קאָפּדרייעניש. מיטאַרבעטער? איך האָב ניט געהאַט קיין ברעקל ידיעה, צי עס זיינען דאָ אין רוסלאַנד אינטעליגענטע מענטשן פון דער פּראָגרעסיווער ריכטונג, וואָס זאָלן שרייבן יידיש. און אפשר זיינען טאַקע דעמאָלט אַזעלכע נאָך גאָר ניט געווען בנמצא. אָבער איך האָב קיין מיטאַרבעטער ניט געדאַרפט.

מיין פּלאַן איז געווען געבויט אויף דעם געדאַנק, אַז מיר מוזן אין דער ערשטער ליניע באַקאַנט מאַכן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, זיינע לומדים, ווי אויך דעם המון, מיט דעם גאַנג און די רעזולטאַטן פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס.

די קולטור־געשיכטע, די פאַרגלייכנדיקע געשיכטע פון רעליגיעס, וואָס וואַרפט אַזאַ העלן שיין אויך אויף דעם אויפקום פון דער יידישער רעלי־גיע, דאָס סאָציאַלע לעבן פון די ווילדע פעלקער, וואָס דערקלערט אונדז אַזויפיל אין דעם לעבן פון די אַלטע „עברים", ווי ער ווערט געשילדערט אין חומש, — דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט באַפרייען דעם יידישן געדאַנק קודם כל פון זיין „אתה בחרתנו" אילוזיע. מיר זיינען אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער, ווע‏מעס לעבן עס האָט זיך אָפּגעשפּילט לויט די זעלביקע סאָציאַלע און היסטאָרישע געזעצן, וואָס האָבן אומעטום באַהערשט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג.

די געשיכטע פון די וויסנשאַפטן, פון די קאָנפליקטן, וואָס זיינען ביי די פּראָגרעסיווע פעלקער פאָרגעקומען צווישן דעם פרייען פאָרשן און דעם רעליגיעזן גלויבן, און פון דעם טריאומף, וואָס די וויסנשאַפט האָט געוואונען איבער אַלערליי טעאָלאָגישע חלומות און מעטאַפיזישע איינרע־

דענישן, האָט געדאַרפט דערלאַנגען אַ טויט-קלאַפּ דעם גלויבן אין אַן איבער־נאַטירלעכער וועלט, און איינפלאַנצן ביי אונדזער פאָלק אַ וועלט־באַנעם, אַ געבויטן אויף דעם געדאַנק פון אייביקע, אומפאַרענדערלעכע געזעצן, וואָס הערשן אין דער נאַטור, דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און דעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

די פּראָפּאַגאַנדע פון דעם נייעם, פּראָגרעסיוון וועלט־באַנעם און לעבנס־בליק וואָלט דערביי געפירט געוואָרן ניט דירעקט, ניט מיט אָנפאַלן אויף דעם הערשנדיקן גלויבן, נאָר אויף אַן אומדירעקטן, אָבער זיכערן וועג פון פאַקטישן וויסן.

עס וואָלט געמוזט קלאָר אַרויסשיינען דער רעזולטאַט, אַז מחמת דעם שווערן יידישן גלות-לעבן, אין אַן אַטמאָספערע פון מיטלאַלטערלעכער פינצטערקייט און כסדרדיקע רדיפות, זיינען מיר, ניט מיט אונדזער שולד, צוריקגעבליבן אין אונדזער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, און מוזן דעריבער זען וואָס גיכער אָנצויאָגן די פּראָגרעסיווע פעלקער.

די געשיכטע פון דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן פּראָגרעס וואָלט אָבער אויך קלאָר אַרויסגעבראַכט זיינע אידעאַלן און פאָדערונגען, צווישן וועלכע אַ לעבן פון דער אייגענער אַרבעט דאַרף פאַרנעמען דעם אויבן־אָן. יענע אידעאַלן וואָלטן אויך אָנגעצייגט, ווי אַזוי פון גרונט־אויס איבערצובויען אַלע שייכותן צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק, און אַלע צילן, וואָס אַ מענטש דאַרף זיך שטעלן אין זיין שטרעבן צו דעם אייגענעם אינדיווידועלן גליק.

אויך די פּראָפּאַגאַנדע פאַר די פּראָגרעסיווע אידעאַלן האָט באַדאַרפט געפירט ווערן אויף דעמזעלביקן אומדירעקטן, ניט פּאָלעמישן אופן, דער עיקר, מחמת צענזור־באַדינגונגען.

געוויס האָב איך ניט גערעכנט צו אַפּעלירן צו דעם קאַלטן שכל אַליין. האַרץ און פאַנטאַזיע האָבן געדאַרפט געוועקט ווערן אין דערזעלבער מאָס, ווי דער שכל, אַזוי אַז זיינע אמתן זאָלן אַריינגיין אין פלייש און בלוט. צוליב דעם איז דאָ אויף דער וועלט אַ רייכע פּראָגרעסיווע בעלעטריסטיק און אַ רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע. אָט, זאָגן מיר, געוויסע פּאָעמען פון היינריך היינע („דער שקלאַפן־שיף״), אָדער פון מאָריטץ האַרטמאַן, אַזאַ ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער (אין יידישער איבערזעצונג):

גיט אַ גראַב־אייזן, אַ ברעך־אייזן;
גיט אַ האַמער, אַ זעג — וואָס איר'ט געפינען.
נאָט אייך הענט, געניטע אין אַרבעט,
הענט, שטאַרקע אין יעדער מלאכה.

אָדער שפּילהאַגענס ראָמאַן: „אָדין וו'פּאָליע ניע וואָין" (די רוסישע איבערזעצונג פון זיין: „אַין רייה אונד גליעד"), אָדער די רוסישע ראָמאַנען פון אַמוליעוסקי, שטשעדרינס מעשהלעך, ניעקראַסאָווס שילדערונגען פון דעם רוסישן פאָלקס-לעבן וכו', וכו', וכו'.

גאָט מיינער! וויפיל אוצרות און אוצרות די פּראָגרעסיווע מענטשלעכע קולטור פאַרמאָגט דאָס! וויפיל טיפע אמתן, וויפיל קלוגע געדאַנקען, וויפיל שיינקייט! און פון זיי, פון אַלע, איז אונדזער פאָלק אויסגעשלאָסן! און אָט דער שטראָם זייערער דאַרף דאָס איצטער אַריינפליצן אין זיין געדאַנקען-וועלט, אַראָפּשווענקען דעם גאַנצן שימל פון אַמאָל און צוגרייטן אים צו אַן אַבסאָלוט נייעם, פּראָגרעסיוון פּעריאָד אין זיין לעבן!

אָט די קורצע שילדערונג פון מיין פּלאַן קאָן דעם לעזער געבן אַ באַגריף פון מיין דעמאָלטיקן „נאַציאָנאַליזם", וואָס זיינע יסודות זיינען געבליבן אומפאַרענדערט עד היום.

קודם וואַרפט זיך דאָ אין די אויגן די אַבסאָלוטע פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון וועלכע עס היסטאָרישע טראַדיציעס. ווי דער אַלגעמיינער ראַדיקאַליזם, אַזוי האָט אויך מיין נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער געדאַנק, זיך בשום אופן ועניין ניט געוואָלט רעכענען מיט דעם, וואָס עס איז אַמאָל געווען און וואָס דאָס פאָלק האָט אַמאָל געשאַפן. דאָס לעבעדיקע האָט זיך ניט וואָס צו רעכענען מיט דעם טויטן. אונדזער בליק דאַרף זיין געקערט ניט צום עבר, נאָר צום עתיד. ממילא ווערט דאָ די באַגרינדונג פאַר אַ נאַציאָנאַלן „מאַכן שבת פאַר זיך" ניט געזוכט אין דער „אָריגינעלער אַנטוויקלונג פון דעם פאָלקס קולטור", נאָר אין אַ גאַנץ אַנדער פּרינציפּ: אין דעם חוב אַרויסצופירן דאָס פאָלק פון זיין קולטורעלער צוריקגעשטאַנענקייט, צופירן אים צו די אוצרות פון דער פּראָגרעסיווער אַלגעמיינמענטשלעכער קולטור, און אויף אַזאַ אופן אַרויפפירן אים אויף דעם וועג פון דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן פּראָגרעס.

אויך דער „יידישיזם" איז שוין דאָ אַ היפּש ביסל אַן אויסגעוואַקסענער. מיר באַדינען זיך מיט יידיש ניט ווייל דער עם-האַרצישער המון-עם פאַרשטייט ניט קיין „געבילדעטע" שפּראַך, נאָר ווייל יידיש איז אונדזער שפּראַך, דער לשון פון דעם גאַנצן פאָלק, פון זיינע לומדים, אַזוי גוט ווי פון זיינע עם-הארצים.

עס איז קלאָר, אַז דער העברייאיש האָט אין מיינע אויגן ניט געקאָנט האָבן קיין ברעקל גרעסערע חשיבות איבער יידיש. וועגן דעם ענין „העברייאיש" האָב איך דעמאָלט בכלל ניט פיל געטראַכט. און אויב איך

וואָלט געטראַכט, וואָלט דאָס אַ האָר ניט פאַרגרעסערט זיין חשיבות ביי מיר.

וואָס דאָס פאָלק איז צוגעבונדן צו אים אין אַ משך פון טויזנטער יאָרן? נאָט אייך אַ צעבראָכענעם דרייער פאַר אָט די אַלע טויזנטער יאָרן! וואָס אין העברייאיש זיינען אָנגעזאַמלט געוואָרן אַזויפיל קולטור־אוצרות? ווייס איך וואָס! זיי זיינען אַלע כלא וכאפס אין פאַרגלייך מיט די אוצרות פון דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער קולטור. אַזוי וואָלט מסתמא געווען מיין ענטפער אויף אַזעלכע אַרגומענטן.

די שטעלונג מיינע צו אונדזער געשיכטלעכן עבר, צו העברייאיש און צו די אוצרות פון אונדזער אַלטן שאַפן האָט זיך מיט דער צייט גע־ביטן גאַנץ באַדייטנדיק. דאָס האָט אָבער שוין ניט געקאָנט אונטער־גראָבן די וואָרצלען, וואָס דער „יידישיזם" האָט שוין דעמאָלט געשלאָגן אין מיר.

פון דעמזעלביקן פּראָגראַם פאַר מיין געפּלאַנטן זשורנאַל איז אויך צו פאַרשטיין, וואָס מיך האָט אַ ברעקל ניט געדאַרפט אַרן די דעמאָלט אַבסאָלוטע אָרעמקייט פון דער ליטעראַטור אויף יידיש, דער אַבסאָלוטער מאַנגל אין שאַפנדיקע כוחות. לויט מיין דעמאָלטיקן בליק, האָבן מיר זיך אין אַזעלכע אָריגינעלע שאַפערס כלל וכלל ניט געניייטיקט. דאַרפן האָבן מיר געדאַרפט נאָר גוטע איבערזעצערס און פּאָפּולאַריזאַטאָרס. אַ שפּראַך, אַ רייכע, האָבן מיר, — די שפּראַך פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס. און אינהאַלט, וואָס צו געבן אין דער שפּראַך, האָט אין פולע שייערס אָנ־געגרייט די פּראָגרעסיווע מענטשהייט.

דעם פּאָטערס קומען פון ריגע האָט זיך דעם יאָר פאַרשפּעטיקט. אין אָט דער צייט האָב איך געפּרוּווט אָנהייבן איבערזעצן אין יידיש פאַרשיי־דענע זאַכן, — דער עיקר, פּאָעטישע. איך האָב אויך פאַרטראַכט אַ גרעסערן ראָמאַן אין פּערזן, לויט דעם מוסטער פון פּושקינס „יעווגעני אָניעגין", וואו דער „אָניעגין" איז אָבער געווען אַ רוסיש־יידישער רעוואָלו־ציאָנער. ער לעבט דורך קאָנפליקטן סיי מיט דער אייגענער פרום־יידישער סביבה, סיי מיט דער רוסישער ספערע פון זיינע חברים, און געפינט זיין נשמה־גלייכגעוויכט אין זיין אומקער צום פאָלק, ווי אַ טרעגער פון אַ נייער גייסטיקער וועלט פאַר דעם איבערבוי פון זיין פאָלקס לעבן.

דאָס יידיש אין דער ערשטער צייט איז ביי מיר געווען נאָך זייער אומבאַהאָלפן און געמישט. עס האָט אָבער זייער ראַש אָנגעהויבן „קומען צו זיך", ווערן אונטער מיין פעדער אַ מאָדערנע שפּראַך און אין דערזעל־ביקער צייט אַ ריין־יידישע, און דאָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פרייד.

שוין אין טיפן ווינטער איז מיין פֿאָטער געקומען פֿון ריגע. דאָס מאָל האָט ער צווישן די מתנות, וואָס ער האָט געבראַכט פֿאַר די קינדער און דער היים, מיר איבערגעגעבן עפּעס אַ פּעקעלע כּתבים.

— נאַ, לייען דורך! — האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אַ מין געהויבענער יום־טובדיקייט.

אין דעם פּעקעלע האָבן זיך געפֿונען: אַ קליינע העברעיִשע בראָשורע, וואָס האָט אויפֿן שער־בלעטל געטראָגן דעם נאָמען „פּרטי־כל״. דאָס איז געווען דער פּראָטאָקאָל פֿון דעם קאַטאָוויצער צונויפֿפֿאָר פֿון די „חובבי־ציון״. אַחוץ דעם זײַנען אין פּעקעלע געווען העברעיִשע בריוו, געשריבן פֿון אַ צענטער צו פֿאַרשיידענע פֿאַרטרעטער פֿון דער באַוועגונג, אָדער אפֿשר צו איין פֿאַרטרעטער וועגן פֿאַרשיידענע ענינים, — דאָס געדענק איך שוין ניט.

דער געדרוקטער פּראָטאָקאָל און די געשריבענע בריוו זײַנען געווען האַלב־לעגאַלע זאַכן. דעם פֿאָטער האָט זיי פֿאַרטרויט זײַנער אַ פֿרײַנד און „מחותּן״ אין ריגע, לייבע שאַליט, וואָס איז צוגעשטאַנען צו דער פּאַלעסטינאָפֿילישער באַוועגונג.

וועגן אָט דעם לייבע שאַליט און זײַן פֿרומען, אָבער זייער וויציקן שווער, — אַן אַלטן גרויען ייִדן, וואָס פֿלעגט נאָך טראָגן אַ שטרײַמל און לאַנגע, געקרײַזלטע פּאות, ווי קאָרקנציִערס, — פֿלעגט מען בײַ אונדז אין שטוב דערציילן אייניקע זייער אַמוזאַנטע אַנעקדאָטן. געשטאַמט האָבן זיי טאַקע פֿון דעם שווער אַליין, וואָס איז, דורך מחותּנעשאַפֿט, געוואָרן מײַנער אַן „עלטער־פֿעטער״, און וואָס פֿלעגט זײַן אָפֿטער און העכסט־אָנגעלייגטער גאַסט בײַ אונדז.

אַ פּאָר פֿון אָט די אַנעקדאָטן וויל איך דאָ איבערגעבן.

זיצט דער אַלטער ייִד בײַ זײַן איידעם, לייבען, אין זאַל, לערנט דעם „ראשית חכמה״, וואו עס ווערן באַשריבן די ראַפֿינירטסטע ענויים קשים וואָס די רשעים האָבן אויסצושטיין אין גיהנום. פֿאַרכאַפּט פֿון דער באַשרײַבונג, שרײַט ער אויס אין התפּעלות:

— אַ שרעק! אַ מזיק!

— ווער איז אַ מזיק? — פֿרעגט אים זײַן איידעם.

— אָט־אָ דער „ראשית חכמה״!

„אַז לייבע הייבט זיך דיר דאָ ניט אויף, נעמט מיט די פּאָלעס פֿון זײַן כאַלאַט דעם „ראשית חכמה״ און וואַרפֿט אים דיר ניט אַרויס פֿון פֿענצטער אין הויף אַרײַן!״

— וואַ־אַס? מזיקים וועל איך האַלטן בײַ זיך אין שטוב?

אַן אַנדער מאָל זיצן זיי, שווער און איידעם, פּאַרטאָנענע יעדער אין זיינע געדאַנקען. און פּלוצלונג רופט זיך אָפּ דער שווער:

— הער, לייבע! דאָס ווייס איך, אַז וואָס מען טאָר ניט, ווערסטו ניט טאָן.

— איז וואָס ווילט איר פון מיר, שווער־לעבן?

—אָבער זאָג מיר נאָר: וואָס איז אויף דיר פּאַר אַ צרה, וואָס אַלץ מעגסטו? ווייז מיר, וואָס טאָרסטו ניט . . .

און ביידע לאַכן.

ביידע אַנעקדאָטן זיינען קולטור־היסטאָריש זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט, ווען דער חסידיזם האָט זיך גענומען צופּאַסן צו דער ליבעראַלער, „משכילימשער" וועלט.

דער אַלטער, הייסער חסיד האָט שוין אפילו על פי חסידות געמעגט זייער ווייניק וואָס האַלטן פון אַזעלכע „מזיקים", ווי דער „ראשית חכמה", וואָס איז אַזוי פּאַרהייליקט געווען ביי די פריערדיקע דורות. און ווען אַן „אפּיקורס" נעמט און וואַרפט אים אַרויס פון פענצטער אין הויף אַריין, רופט דאָס ביי אים אַרויס נאָר אַ גוטמוטיקן שמייכל. פון דער אַנדערער זייט האָט דעם אַלטן, קלוגן חסיד טאַקע באמת געאינטערעסירט: וועלכע רעליגיעזע יסודות האָט אין זיך די אפּיקורסיש־משכילימשע וועלט? האָט זי אין זיך אַ וועלכע עס איז מאָראַלישע דיסציפּלין? „וואָס טאָר זי ניט?"

עס איז מיר אין מיינע זכרונות שוין אויסגעקומען צו שילדערן, ווי אַזוי אין דער האַלב־חסידישער, האַלב־משכילימשער וועלט האָט גענומען פונאַנדערפאַלן דער אַלטער גלויבן און ווי אַזוי אין איר האָט זיך גענומען אַריינרייסן אַ געוויסע מאָראַלישע צעפּוילטקייט, פון דעם „אַלץ מעג מען".

עס איז, ווי מען וואָלט געעפנט אַ באַנקע קאָנסערוון, וואָס איז יאָרנ־לאַנג געווען אָפּגעשלאָסן פון דער פרישער לופט, און מען וואָלט זי אַזוי געלאָזן שטיין אויף דער פרישער לופט, וואָס האָט ראַש געפירט צום פונאַנדערפאַל. אין אונדזער ספעריע איז דאָס געווען אַ טאָפּלטער פונאַנ־דערפאַל: אי אַ יידיש־נאַציאָנאַלער, אי אַ מענטשלעך־מאָראַלישער.

מען קאָן גאָר ניט לייקענען, אַז די נייע „חובבי־ציון" באַוועגונג האָט אין אָט דער ספעריע געווירקט רעגענערירנדיק, ווידער געזונט־מאַכנדיק. ביי אַ סך און אַ טן פון אַזעלכע „אפּיקורסים", אָדער האַלב־אַנגעפּוילטע, האָט זיך ווידער גענומען איינשטעלן אַן אינעוויייניקסטער מאָראַלישער באַלאַנס, אַ פּראָדוקט פון אַ הויכן נאַציאָנאַלן אידעאַל, וואָס האָט אָפּטמאָל ווי אינסטינקטיוו גענומען זוכן אַ דערנעענטערונג צו דעם אַלטן גלויבן.

אַזוי ווייזט דאָס מיר איצטער אויס, ווען איך קוק צוריק אין אַ היס־טאָרישער פּערספּעקטיווע. דעמאָלט איז דאָס „קוצעניו־מוצעניו", וואָס האָט זיך געגומען וועבן צווישן דעם פּאַלעסטינאָפּילנטום און די „רבי דוד טעבעלי אפרתיס", געווען דער הויפּט באַריער, וואָס האָט געמאַכט אוממעגלעך פאַר מיר, איך זאָל אפילו אַ טראַכט טאָן וועגן אַנשליסן זיך אָן אַזאַ באַוועגונג. בפרט ווען מיין אייגענער וועג איז שוין געלעגן, אין די וויכטיקסטע פּרטים, אַ קלאָר־אויסגעשפּרייטער פאַר מיר.

איך האָב פונדעסטוועגן מיט גרויס נייגיר זיך גענומען דורכשטודירן דאָס פּעקעלע כתבים.

40

מיין ערשטע באַציאונג צו די חובבי ציון

דער פּראָטאָקאָל פון דעם קאַטאָוויצער צונויפפאָר פון די חובבי־ציון, ווי די בריוו און די צירקולאַרן, וואָס מיין פאָטער האָט געבראַכט פון ריגע, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ געטאָפּלטן, ווידערשפּרוכלעכן איינדרוק. אין דעם גאַנצן געדאַנקענגאַנג פונעם פּאַלעסטינאָפילנטום האָב איך דערשפּירט אַ צונויפמיש פון קלאָר־פּראָגרעסיווע און פּונקט אַזוי קלאָר־רעאַקציאָנערע עלעמענטן.

פון איין זייט האָט מיך זייער סימפּאַטיש באַרירט שוין דער פאַקט אַליין, וואָס יידן קומען זיך צונויף צו באַטראַכטן זייער לאַגע און צו זוכן ראַדיקאַלע מיטלען ווי אַזוי אַרויסצוגיין פון איר. נאָך מער סימפּאַטיש איז מיר געווען דער בליק אויף דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער זייט פון דעם יידישן לעבן, אין וועלכער דער צונויפפאָר האָט געזען דעם סאַמע וואָרצל פון אַלע אונדזערעליידן. איך געדענק איצט ניט גענוי אַלע פּרטים פון דעם „פּרטי־כל״, אָבער דאָס געדענק איך קלאָר, אַז אין אים איז געווען אַ שאַרפע קריטיק פון אונדזער שטאָטישן, רייך־סוחרישן לעבן, וואָס האָט, לויט דער מיינונג פון דעם פּראָטאָקאָל, שעדלעך געווירקט אויף אונדזער גאַנצן מענטשלעכן מהות.

צי עס איז דאָרטן אויך קלאָר אַרויסגעבראַכט געוואָרן, אַז אין אָט דעם שטאָטישן, סוחרישן לעבן אונדזערן דאַרפן מיר זוכן די אורזאַך פון דעם אַנטיסעמיטיזם און די פּאָגראָמען, קאָן איך מיך איצטער ניט דערמאָנען. מסתמא — ניט. ווייל דער גייסטיקער פירער פון דעם קאַטאָוויצער צונויפפאָר איז געווען, ווי מיר ווייסן איצטער, ד״ר פּינסקער, און אין ד״ר פּינסקערס בראָשורע: „אַוטאָעמאַנסיפּאַציאָן״, וואָס האָט געמאַכט דעם אָנהייב פון דער גאַנצער באַוועגונג, זיינען אַנטוויקלט געוואָרן גאַנץ אַנדערע בליקן אויף דעם קוואַל, פון וואַנען עס שלאָגט די „אייביקע״ שנאה צו אונדזער פאָלק.

עס וואָלט זיך זייער געלוינט אויסצופאָרשן די סאָציאַל־פּאָליטישע בליקן פון די ערשטע חובבי־ציון. אָבער דאָס איז איצטער ניט מיין

אויפגאָבע. מיך האָט דעמאָלט געצויגן צו זיך דער פאַקט, וואָס די יסודות פון דעם יידישן לעבן ווערן שאַרף קריטיקירט; וואָס דער הענדלערטום אונדזערער ווערט פאַרמשפּט און אָפּגעוואָרפן און וואָס דער אויסוועג פאַר אונדז ווערט געזוכט אין דעם צוריקקער צו דער נאַטור און צו די אַגראַרישע באַשעפטיקונגען.

דער געדאַנק, אַז דער יידישער הענדלער־לעבן אין די שטעט האָט פאַרהויקערט אונדזער מענטשלעכן מהות, איז פאַר מיר געווען ניי און פול פון אומגעהייערן באַטייט.

מיט אַט דער זייט פון דער פּאַלעסטינאָפילישער טעאָריע האָב איך געקאָנט מסכים זיין מיט מיין גאַנצן האַרצן. אָפּשטויסנדיק האָט אָבער אויף מיר געווירקט די אַנדערע זייט פון דערזעלביקער טעאָריע: דער אויספיר, אַז דער איבערבוי פון דעם יידישן לעבן מוז דווקא זיין פאַר־בונדן מיט פאַרלאָזן רוסלאַנד און מיט דער באַשאַפונג פון אַן אייגענעם יידישן לאַנד.

וויבאַלד דער עיקר פון דער זאַך ליגט אין דעם אַבנאָרמאַלן עקאָנאָ־מישן לעבן אונדזערן, וואָס פירט צו שטענדיקע קאָנפליקטן מיט דעם אַרום און צו דער אייגענער פאַרהויקערונג, וואָלט, דוכט מיר, דער שכל מחייב געווען דעם אויספיר, אַז אויך אונדזער גאולה דאַרף געזוכט ווערן דאָרטן, וואו עס זוכט אים די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט: אין דעם סאָציאַליזם, אין דעם ראַדיקאַלן איבערבוי פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אויף ריין אַרבעטאַרישע יסודות. ווען דאָס ווערט דורכגעפירט, פאַלן ממילא אָפּ סיי אַנטיסעמיטיזם, סיי די אורזאַך פון אונדזער אייגענער דעגענעראַציע.

געוויס: די יידישע סאָציאַליסטן מאַכן אַ טעות ווען זיי פאַרלייקענען די יידישע נאַציאָנאַליטעט און לאָזן אונדז אויף גאָטס באַראָט. מען דאַרף זיך אומקערן צום פאָלק און פירן אים אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם אויך צוליב זיין אייגענער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז מען דאַרף אַנטלויפן פון די פּראָגרעסיווע אייראָפּייאישע פעלקער ערגעץ־וואו קיין אַזיע און אויפבויען אַן אייגן יידיש לאַנד.

דער גאַנצער ענין פון אַן אייגענעם לאַנד איז דעמאָלט אין מיינע אויגן געווען אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענער שאָוויניסטיש־רעאַקציאָנערער אידעאַל.

גיט מען נאָך צו דעם פאַקט, אַז אויף דעם קאַטאָוויצער צונויפפאָר האָבן אַ פּראָמינענטע ראָל געשפּילט רבנים; אַז אויך אויף די ערטער, ווי אין וויטעבסק, איז דער פאָנען־טרעגער פון דעם נייעם געדאַנק געווען אַ

פאַנאַטישער אָרטאָדאָקס, איז שוין גאָר קיין חידוש ניט, וואָס מיין שטעלונג צו דער נייער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג האָט געמוזט ווערן אַלץ מער און מער נעגאַטיוו.

ווען איך האָב דורכגעלייענט די דאָקומענטן און דער פאָטער האָט געקוקט אויף מיר מיט פרעגנדיקע בליקן, האָב איך אייגנטלעך ניט געוואוסט, וואָס אים צו זאָגן.

מיר האָבן זיך אָבער פונאַנדערגערעדט וועגן דעם ענין. איך האָב ניט געוואָלט אַרויסגיין אָפן מיט מיין סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער קריטיק פון דעם פאַלעסטינאָפילנטום, ווייל איך האָב געוואוסט מיין פאָטערס דעמאָלטיקע אַבסאָלוט נעגאַטיווע שטעלונג צו די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, בפרט נאָך צום פאַרלאַנג, אַז יידן זאָלן זיך באַטייליקן אין איר, אפילו צוליב ריין־יידישע אינטערעסן (שפּעטער האָט זיך זיין שטעלונג אין דעם פּרט שטאַרק געביטן).

די אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן אין דעם פאַלעסטינאָפילנטום האָב איך אים דעריבער דערקלערט אויף אַ „לעגאַלערן” און פּראַקטישערן אופן. עס זיינען אין דער באַוועגונג דאָ גאַנץ זיכער זייער געזונטע, פּראַקטישע און אבסאָלוט־זיכערע אידייען. דאָס איז די קריטיק פון אונדזער איצטיקן לעבן און די פאָדערונג, אַז דער גרעסטער טייל פון אונדזער פאָלק זאָל אַריבערגיין צו ערד־אַרבעט. אָבער דער אַנדערער טייל פון דעם פאַלעסטינאָפילישן אידעאַל, — דאָס פאַרלאָזן רוסלאַנד און בויען אַן אייגן לאַנד, — איז זייער אומזיכער, זייער פּראָבלעמאַטיש.

און צוליב וואָס דאַרף מען דאָס? ס'איז אמת, אַז אין רוסלאַנד איז איצטער אַ פּאָליטישע רעאַקציע און קיין „קאָנסטיטוציעס” מיט „ראַוונאַ־פּראַוויעס” (גלייכע רעכט פאַר אידן) האָבן מיר פון דער איצטיקער רעגירונג ניט וואָס צו דערוואַרטן. אָבער אויב דאָ גייט אין דעם אויפבוי פון דער יידישער ערד־אַרבעט, וואָלט מען דאָס גאַנץ זיכער געקאָנט פועלן אויך פון דער איצטיקער רעגירונג.

דער עיקר פּראָבלעם ליגט אָבער ניט אַזוי אין דער רוסישער רעגירונג, ווי אין די השגות פון אונדזער אייגן פאָלק. מיר זיינען נאָך זייער צוריקגעשטאַנען אין אַלע אונדזערע בליקן. דאָס פאָלק דאַרף ערשט צוגעגרייט ווערן צו אַן איבערבוי אין זיין אייגענעם לעבן, ניט נאָר בנוגע דער עקאָנאָמיק.

און דאָ האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט צו דערקלערן אים מיין פּלאַן פון אַ פאַרלאַג מיט אַ זשורנאַל, וואָס זאָל ברענגען דעם פאָלק די קענטעניש פון אונדזער צייט, אין וועלכער ער לעבט, די נייע באַגריפן,

וועלכע דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט האָט אַרויסגעבראַכט, און וואו מען זאָל קאָנען ערנסט אַרומריידן אַלע פראַגן ניט אין העברייאיש, אָדער אין רוסיש, וואָס נאָר טיילן פון פאָלק קאָנען פאַרשטיין, נאָר אין אונדזער יידיש, וואָס איז אונדזער אַלעמענס שפּראַך.

מיין פאָטער האָט מיך אויסגעהערט מיט דעם גרעסטן אויפמערק און אינטערעס. איך בין געווען זייער פאַרזיכטיק אין מיינע רייד, עס זאָלן ניט אַרויסשטאַרצן אַלע ראַדיקאַלע שפּיצן פון מיין געדאַנקענגאַנג. ער איז אָבער געווען אַ צו־קלוגער מענטש, ער זאָל ניט פאַרשטיין אין די אַלגעמיינע שטריכן דעם גייסט, וואָס באַהערשט מיך און מיין פּלאַן.

אויך וויפיל איך האָב געקאָנט באַמערקן, האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן מיין אמת־הייסער אינטערעס אין דעם גורל פון אונדזער פאָלק. ער האָט אין מיר געשפּירט דעם יידן, הגם איך האָב מיין „נאַציאָנאַליזם" מיט אַ וואָרט ניט דערמאָנט. ער האָט פאַרשטאַנען פון דעם גאַנצן שמועס, אַז אין דעם פּרט איז ביי מיר פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג און, לויט זיינע אָנשוויאונגען נאָך, אַן ענדערונג צום גוטן.

און אויך דאָס האָט זייער אַפּעלירט צו אים, וואָס איך האָב געוואָלט האָבן אַ זשורנאַל דווקא אין יידיש. דער געדאַנק, אַז מען זאָל ריידן אין יידיש, ניט ווי צו קינדער אָדער ווייבער און ניט צוליב דעם שפּאַס, נאָר ווי דער־וואַקסענע צו דערוואַקסענע וועגן ערנסטע ענינים אויף אַן ערנסטן אופן, איז פאַר אים געווען אַבסאָלוט ניי, אָבער, גלייך פון אָנהייב אָן, אַבסאָלוט סימפּאַטיש.

מיין פאָטער האָט זיך פאַרטראַכט און לסוף האָט ער מיר דערקלערט:

— דאָס, וואָס דו האָסט דאָ גערעדט, לייגט זיך מיר זייער אויפן שכל. ס'קאָן זיין, דאָס איז טאַקע אַ וועג. אָבער איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, מיין זון. אין אָט די אַלע נייע זאַכן בין איך אַ בלינדער מענטש. איך קאָן מיך דאָ אויף מיין אייגענעם שכל ניט פאַרלאָזן. איך קאָן דאָס ניט שטעלן אויף זיך אַליין. ווייסטו וואָס? איך האָב אַ פריינט אין סמאָלענסק. מאָיסעי אַבראַמאָוויטש גראַד. לאָמיר אַריבערפאָרן צו אים, מיישב זיין זיך וועגן דעם ענין.

— ווער איז דער גראַד?

— גראַד איז, — דערציילט מיר מיין פאָטער, — אַ ייד, זייער אַ קלוגער, אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער געלערנטער. ער איז אַ „פּריסיאַזשני פּאָווערעני" (אַן איינגעשוואוירענער אַדוואָקאַט). פאַרשטייסט דאָך, אַ יידן ווערט מען מיר־נישט, דיר־נישט ניט מאַכן פאַר קיין „פּרי־סיאַזשנע". ער וועט דיך בעסער פאַרשטיין, איידער איך. מיר וועלן זיך

מיט אים דורכריידן. און אויב ער וועט מסכים זיין אויף דיין פּלאַן, וועל איך דיר העלפן, מיין זון, מיט וואָס איך וועל קאָנען.

איך האָב אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, און אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען מיר שוין ביידע געזעסן אין גראַדס קאַבינעט, וואַרטנדיק, גראַד זאָל אַרויסקומען צו אונדז נאָך זיין מיטאָג־שלאָף.

דער דרך־ארץ, מיט וועלכן מיין פאָטער האָט גערעדט וועגן זיין פריינט, ווי וועגן אַן אָדם גדול וחשוב, האָט זיך מיטגעטיילט אויף מיר. איך בין געזעסן און האָב באַוואונדערט דעם רייכן קאַבינעט מיטן ווייכן, סאָלידן לעדערנעם מעבל, מיט דעם גרויסן געשניצטן שוואַרץ־דעמבענעם שרייב־טיש, מיט די גרויסע, אויך שוואַרץ־דעמבענע ספרים־אַלמערס מיט גלעזערנע טירלעך, אַרום די ווענט, אָנגעפּאַקטע פון אויבן ביז אונטן מיט כלערליי ביכער.

איך האָב אים מקנא געווען אַזאַ קאַבינעט. „שיינע גייסטיקייט" האָט זיך געטראָגן פון יעדן ווינקל זיינעם.

באַלד איז אַריין דער באַלעבאָס, האָט זיך צעקושט מיט מיין פאָטער, דערלאַנגט אויך מיר די האַנט און זיך פריינטלעך פאָרגעשטעלט פאַר מיר. ער האָט געבעטן ניט נעמען פאַר אומגוט, וואָס ער האָט אונדז געלאָזט אַ ווײַלע וואַרטן: די דאָקטוירים הייסן אים רוען נאָכן עסן. מיך ספּעציעל האָט ער געבעטן האָבן אַ ווײַלע געדולד: ער וויל פריער זיך דורכריידן מיט מיין פאָטער וועגן אַ רײַן־געשעפטלעכן ענין, וואָס וועט ניט נעמען לאַנג.

מיר האָבן זיך אַרױעקגעזעצט, און גראַד האָט גענומען דערציילן דעם פאָטער עפּעס וועגן אַן „אימעניע" (אַ פּריצישן הויף).

איך האָב געקוקט אויף דעם דאָזיקן אָדם גדול, ווי ער איז געזעסן אין זיין פאָטער־שטול ביים שרייב־טיש, האָט געזייט ווערטער דורך זיינע דינע ליפּן און געלייענט עפּעס ציפערן פון עפּעס אַ פּאַפּיר.

זיין אויסזען האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין סימפּאַטישן איינדרוק. אַ ברייט, פלאַטשיק פּנים, מיט שמאָלע פאַרשלאָפענע אויגן, אַ בלייכער, אָן אַ שום אויסדרוק, ווי די מאַסקע פון אַ מת.

פאַרטיק געוואָרן מיטן געשעפטלעכן שמועס, האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַ קאַלטן שמייכל, וואָס האָט געזאָלט אויסדריקן פריינטלעכקייט.

— און איצטער, יונגערמאַן, לאָמיר אַרומריידן אייער ענין (משמעות, מיין פאָטער האָט אים פריער געשריבן וועגן וואָס מיר קלייבן זיך צו אים). אין וואָס באַשטייט ער אייגנטלעך?

אַ היפּש ביסל צעמישט, האָב איך גלייך אָנגעהויבן מיט דער פּראַקטי־שער זייט פון דער זאַך: אַ פאַרלאַג אין יידיש אַאַז״וו.

גראַד האָט געשוויגן, פאַרשטייענדיק, אַז איך וועל באַלד אַרויס מיט **דיבורים, וואָס וועלן דערקלערן דעם אידייאישן באַטייט פון מיין פּלאַן. דאָס האָב איך טאַקע באַלד געטאָן, פונאַנדערריידנדיק זיך אַלץ וואָרעמער.** איך גערדענק ניט דעם אינהאַלט פון מיין „רעדע״. איך געדענק אָבער אַז איך האָב גערעדט ווי צו אַן אינטעליגענטן מענטשן, אַן איבערגעגעבענעם צו די אידעאַלן פון דעם פּראָגרעס, ווי זיי האָבן געלעבט אין דעם רוסישן פּראָגרעסיוון עפנטלעכן געדאַנק, און דערצו נאָך ווי צו אַ יידישן אינטע־ליגענט, דאָס הייסט אַן אַסימילאַטאָר. איך האָב מסתמא פיל וואָג געלייגט אויף דעם פּונקט, וואָס האָט דערקלערט די אחריות, וואָס ליגט אויף די יידישע דינער פון דעם פּראָגרעס, אויף זייער חוב צו דינען די פּראָגרעסיווע אידעאַלן אין די גרענעצן פון דעם אייגענעם יידישן פאָלק.

גראַד האָט געשטעלט פראַגן, כדי קלאָר צו ווערן אין מיינע מיי־נונגען וועגן דעם אָדער יענעם פונקט. איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב צו זיין אָפן ביז גאָר אויך וועגן דעם סאָציאַליזם און וועגן מיין האָפענונג, אַז די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז ניט טויט, נאָר זי וועט זיך נאָך זיכער פונאַנדערברענען, באַפרייענדיק אַלע פעלקער פון דעם לאַנד.

אויסגעהערט מיך, האָט ער מיר געגומען ענטפערן אין אַ שטילן, אָבער, ווי מיר האָט זיך געדוכט, זייער האַרציקן טאָן.

גלייך פון אָנהייב אָן זיינען זיינע רייד געווען פאַר מיר אַן איבערראַ־שונג. ער האָט דערקלערט, אַז עס האָט אים זייער געפרייט, וואָס גראַד די **ראַדיקאַלע יוגנט הייבט זיך אָן אומצוקערן צו אונדזער פאָלק. דאָס איז** אַ פּראָצעס, וואָס קומט איצטער פאָר ביי די בעסערע טיילן פון דער יידישער רוסיפיצירטער אינטעליגענץ בכלל. די אַסימילאַטאָרישע אידעאַלן זיינען באַנקראָט. אויך ער האָט דורכגעמאַכט דעמזעלביקן פּראָצעס. איך שטיי נאָך אָבער אין זיינע גאָר ערשטע עטאַפּן און האָב מיך נאָך ניט באַפרייט פון די פילע פריערדיקע אילוזיעס: די אילוזיעס וועגן רוסלאַנד און די אילוזיעס וועגן דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס אין מערב־אייראָפּע.

אויף רוסלאַנד איז ניטאָ וואָס צו האָפן. מען דאַרף, ווי ער, וואוינען אין „ראָסיי״, מחוץ לתחום, האָבן טאָג־טעגלעך צו טאָן מיט דעם רוס פון אַלערליי קלאַסן, כדי צו וויסן, אַז אין עצם איז דאָס נאָך אַ שקלאַפן־פאָלק, וואָס איז ביי די געבילדעטערע קלאַסן נאָר אַביסל באַדעקט מיט אַן אייראָפּייאישער פּאָליטור. עס וועט נעמען הונדערטער יאָרן, ביז רוסלאַנד **וועט זיך אויסמענטשלען און ווערן אייראָפּייאיש.**

אָבער אפילו אַז שוין געוואָרן אייראָפּייאיש — וואָס איז דער ווערט פון דעם גאַנצן אייראָפּייאיזם מיט דער גאַנצער אַזוי־אָנגערופענער ציווי־ליזאַציע, מיט דעם גאַנצן אַזוי־אָנגערופענעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָ־גרעס ?

אָט קומט ער ניט לאַנג פון אויסלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ **גאַנצן זומער. געווען אין די הויפּט־שטעט: אין בערלין, אין פּאַריז, אין** לאָנדאָן. וואָס זעט מען זיך דאָרטן אָן ? וואַרפט מען אַראָפּ די טעכניק, — די באמת וואונדערלעכע, — און די שיינע קונסטן און די וויסנשאַפט, — די באמת רייכע, — וואָס האָט דער פּראָגרעס אויפגעטאָן פאַרן מענטשן ? דער מענטש איז נאָך דאָרטן, אין דעם רעכטן פּאָקוס פון דער ציוויליזאַציע און דעם פּראָגרעס, אַלץ נאָך אַ ווילדע, עגאָאיסטישע חיה, פונקט אַזאַ אַכזרישע, ווי דער ווילדער קאַצאַפּ.

גראַד האָט ניט געקאַרגט מיט שאַרפע אָנפאַלן אויף דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. אָט די קריטיק זיינע איז פאַר מיר געוויס ניט געווען קיין נייס. איך האָב מיך אָבער צוגעהערט צו זיינע רייד מיט אַ פאַרכאַפּטן **אָטעם, מחמת דעם אינטימען טאָן זיינעם. זיי האָבן געקלונגען ווי אַ** פּערזענלעכער ווידוי, ווי אַן אויסגוס פון אייגענע פּיינפולע איבערלעבונגען. אָבער אָט האָט ער גענומען ריידן וועגן לאָנדאָן.

וואָס זעט מען זיך אָן אין לאָנדאָן, וואָס שטייט אויף דער שפּיץ פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט ? אין לאָנדאָן זיינען דאָ קוואַרטאַלן פון דעם שרעקלעכסטן עלנט און שמוץ, וואו אין די בלאָטעס וואַלגערן זיך אַרום האַלב־צעפוילטע פּגרימלעך פון קינדער . . . און דער געביל־דעטער, ציוויליזירטער „לאָרד" פאָרט פאַרביי אין זיין הויכן וואָגן און באַמערקט דאָס גאָרניט.

דאָס בילד פון די האַלב־צעפוילטע פּגרימלעך, וואָס וואַלגערן זיך אַרום **אין ווייטשעפּעלער בלאָטעס, האָב איך פריער אַליין ערגעץ־וואו געלייענט** אין אַ ראַדיקאַלער שריפט און אויך דאָס, ווי אַ פאַקט פון אַ פאַרשוואונ־דענעם עבר, הגם ניט פון אַ לאַנג פאַרשוואונדענעם.

גראַדס דערציילונג וועגן דעם „וואָס מען זעט אין לאָנדאָן" האָט אָבער געקלונגען, אַקוראַט ווי ער וואָלט דאָס האָבן געזען מיט זיינע אייגענע אויגן. דאָס האָט געווירקט אויף מיר, ווי אַ שטראָם קאַלטע וואַסער. דער גאַנצער צויבער פון זיינע אינטימע רייד איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן געוואָרן. איך האָב פּלוצלונג דערזען פאַר זיך אַן אַדוואָקאַט, וואָס פירט אַ „דיעלע" (אַן ענין פאַרן געריכט) און ווענדט אָראַטאָריש אָן די פּאַסיק־סטע „פּסיכאָלאָגישע" מיטלען, כדי זי צו געווינען.

דער „קליענט" אָבער, וועמעס „דיעלע" ער פירט, איז ניט דער סאָציאַליזם, וואָס האָט דיזעלביקע „רעכענונגען" צוגעשטעלט צו דער מאָדערנער בורזשואַזער ציוויליזאַציע, נאָר די ריינסטע רעאַקציע, וואָס נוצט אויס די סאָציאַליסטישע קריטיק, כדי צו קומען אויף איר חשבון. דאָס איז מיר אַלץ מער און מער קלאָר געוואָרן פון גראַדס ווייטערדיקע רייד.

וואָס מער גראַד האָט גערעדט אַלץ בולטער איז אַרויסגעטראָטן דער ריין־רעאַקציאָנערער כאַראַקטער פון זיין געדאַנקען־גאַנג. די אַרבעטער־פראַגע און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אייראָפּע האָט ער, ווי מיר האָט זיך געדוכט, מיט אַ כיוון אויסגעמיטן. ער האָט נאָר אָנגעטייט, אַז געוויס זיינען דאָ אין אייראָפּע פּראָגרעסיווע פּאַרטייען, וואָס וואַרפן זיך אַרום מיט „אומרעאַליזירבאַרע פאַנטאַזיעס". אָבער זיי קאָנען נאָר אָנמאַכן טומל, אָבער ניט איבעראַנדערשן די עצם טבע פון דעם אייראָ־פּייאישן לעבן.

עס האָט מיך געריסן אַריינצוטרעטן אין פּאָלעמיק אַנטקעגן גראַדס קריטיק פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס. לפּחות אַריינצושטעלן פון צייט צו צייט אַ פּאָר שטעכיקע באַמערקונגען. איך האָב מיך אָבער איינגעהאַלטן און נאָר זעלטן געשטעלט פראַגן פון אַ ריין אומשולדיקן כאַראַקטער לשם אינפאָרמאַציע. צו וואָס פּאָלעמיזירן? און מיט וועמען? דאָס איז ניט קיין גימנאַזיסטל, וואָס מעיקעט אויס זיין רעאַקציאָנערע קינדער־מילך, וועמען איך דאַרף ערשט דערקלערן דעם אלף־בית פון דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק. איך בין דאָ געזעסן פּנים אל פּנים מיט אַ געבילדעטן רעאַקציאָנער, מיט אַלע זיינע מאַרקאַנטע טיפּישע שטריכן. אין דער יידישער וועלט, צווישן דער מער אָדער ווייניקער געבילדעטער וועלט, האָב איך אַזאַ איינעם נאָך קיינמאָל ניט באַגעגנט.

דער אויספיר פון גראַדס לאַנגן שמועס איז געווען, אַז אפילו פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין אייראָפּע האָבן האָבן מיר, יידן, גאָרנישט ניט וואָס צו דערוואַרטן. מיט דעם אַנטיסעמיטיזם זיינען אָנגעשטעקט אפילו געלערנטע פּראָפעסאָרן. דער טיסאַ-עסלאַר־פּראָצעס אין אונגאַרן האָט באַוויזן, אַז אפילו די געלערנטסטע און די געבילדעטסטע קאָנען נאָך גלייבן, אַז מיר דאַרפן קריסטלעך בלוט אויף פּסח. די כלומרשטדיקע עמאַנסיפּאַציע און גלייכבאַרעכטיקונג האָט בשום אופן ניט אַראָפּגע־גראָבן די וואַנט, וואָס שטייט צווישן „ייד" און „ניט־ייד".

איז וואָס זאָל זיין?

ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי פאַרלאָזן אייראָפּע, און דאָס מיינט אויך רוסלאַנד. אַוועקפאָרן! וואוהין? אויב שוין פאָרן, איז גלייכער

צו זיך אַהיים, קיין פּאַלעסטינע. דאָרטן און נאָר דאָרטן וועלן מיר אויפהערן צו זיין פרעמדע.

וואָס איז שייך מיין פּראַקטישן פּלאַן, טוט אים, גראַדן, לייד, וואָס ער מוז זיך אַרויסזאָגן אַבסאָלוט קעגן אים. טראָגן אין פּאָלק יענע **אילוזיעס פון „פּראָגרעס" און „ציוויליזאַציע", פון וועלכע מיר הייבן זיך** ערשט איצטער אָן צו באַפרייען, וואָלט געהייסן טאָן דעם פּאָלק די **גרעסטע רעה, אָנשטאָט אַ טובה. און רעדן צו אים גאָר קלאָרע דיבורים** וועגן דער ניט־יידישער וועלט, וועט די צענזור ניט דערלאָזן.

דער עיקר וואונדערט אים דער איינפאַל, אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אין זשאַרגאָן, ניט נאָר פאַר די מאַסן, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק. סוף־סוף איז דאָס דאָך טאַקע ניט מער ווי אַ זשאַרגאָן, אַ שטיק פאַרדאָרבן דייטש, וואָס מיר האָבן אַרויפגעטאָן אויף זיך אין גלות, אין וועלכן מען קאָן קיין ערנסטן געדאַנק ניט אויסדריקן אויף אַ מענטשלעכן שטייגער. די באַפרייאונג פון דעם גלות פאַרלאַנגט אויך די באַפרייאונג פון דעם זשאַרגאָן, וואָס איז פאַר אונדז אַ בזיון און אַ דערנידעריקונג.

דערביי האָט גראַד ניט דורכגעלאָזן צו מאַכן אַ קאָמפּלימענט מיין רוסיש. **(דער געשפּרעך איז, נאַטירלעך, געפירט געוואָרן אין רוסיש). מיט מיין שפּראַך און מיינע קענטענישן וואָלט איך באמת געקאָנט דינען** אונדזער פאָלק, און עס איז פאַר אים, גראַדן, גאָר קיין ספק ניט, אַז ווען איך וועל מיך בעסער אַריינטראַכטן אין דעם ענין, וועל איך אַליין איינזען, אַז אונדזער איינציקע רעטונג ליגט אין דער פּאַלעסטינאָפּי־לישער באַוועגונג.

אויף דעם האָט זיך אונדזער געשפּרעך פאַרענדיקט. באַלד איז **געקומען נאָך אַ גאַסט, — דער באַנקיר שוואַרץ, — דער פאָטער פון** דעם רוסיש־יידישן פילאָסאָפישן שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין בערלין. פון דעם נייעם גאַסט האָבן זיך גענומען שיטן ניין מאָס וויציקע רייד, און אַ גרויסע ראָליע האָט אין זיי געשפּילט דאָס אויסחוזקן דעם „רוס" און די רוסישע רעגירונג.

איך בין געוועזן זייער צופרידן ווען מיר האָבן, שוין שפּעטלעך, געקאָנט אַוועקגיין אין האָטעל. אויף מאָרגן גאַנץ פרי בין איך אַוועק־געפאָרן אַהיים. דער פאָטער איז נאָך פאַרבליבן געשעפטלעך אין סמאָ־לענסק. גערעדט וועגן מיין ענין האָבן מיר ניט אַ וואָרט. ס'איז געווען קלאָר וואו עס האַלט מיט אים. אין דער פראַגע פון פּאַלעסטינע און יידיש איז דער פאָטער מסתמא געוועזן מער אויף מיין זייט איידער אויף

גראַדס. אָבער אין דער פראַגע פון דער גייסטיקער ריכטונג, וועלכע איך האָב געוואָלט פּראָפּאַגאַנדירן, איז ער זיכער געווען כמעט אינ־גאַנצן מסכּים מיט גראַדן. עס האָט זיך ניט געלוינט צו פאַרפירן דיסקוסיעס מיטן פּאַטער, וואָס וואָלטן, אַחוץ שברי־לב, קיין אַנדערע פּראַקטישע רעזולטאַטן ניט געקאָנט ברענגען. האָבן מיר ביידע וועגן דעם געמאַכט אַ שווייג.

41

די קעגנערשאַפט צו דער „חיבת ציון"

צוריקגעקערט פון סמאָלענסק, האָט מיר דער פאָטער פאָרגעשלאָגן איך זאָל פירן זיינע געשעפטס־ביכער פאַר אַ געוויסן מאָנאַטלעכן גע־האַלט. קיין איבעריקע בוכהאַלטערישע קענטענישן האָט מען דערצו ניט געדאַרפט, און איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען. אונדזערע באַצי־אונגען זיינען ווידער געוואָרן, ווי זיי זיינען געווען כמעט די גאַנצע לעצטע צייט: פריינטלעך רעזערווירטע, מיט אַ שטילן אָפּמאַך ניט אָנצורירן געוויסע פראַגן.

די באַקאַנטשאַפט מיט גראָדן און אונדזער געשפּרעך האָבן מיר גע־**געבן אַ סך צו קלערן און איבערצוקלערן. פון אָט דער זייט געזען** איז מיין נסיעה קיין סמאָלענסק זיכער געווען אַ באַטייטנדיקע פּאַסירונג אין מיין נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

אַרום גראָדס געשטאַלט, ווי אַרום אַן אויסגעשפּראָכענעם פאַר־טרעטער פון אַ געוויסער ריכטונג, האָבן ביי מיר זיך גענומען קריסטאַ־ליזירן נאָך אַנדערע איינדרוקן פון דעם יידישן לעבן און פון די שטימונגען, וואָס האָבן גענומען הערשן ביי דער יידישער אינטעליגענציע.

ס'איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז די אַלגעמיינע רעאַקציע אין דעם לאַנד האָט אויך פאַרכאַפּט דעם יידישן עפנטלעכן געדאַנק, און אַז דער בולטסטער אויסדרוק פון אָט דער ריין־רעאַקציאָנערער שטרעמונג ביי אונדז איז די פּאַלעסטינאָפילישע באַוועגונג. איז זי „ריין" רעאַקצי־אָנער? איך האָב ניט געקאָנט לייקענען די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין איר. אָבער אויך דאָס איז דאָך ניט קיין נייס אין דער געשיכטע פון דעם עפנטלעכן געדאַנק. זוכנדיק אַן אַנאַ־לאָגיע אין דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער עפנטלעכקייט, האָב איך **זי גאַנץ גרינג געפונען אין דער דערשיינונג פון דעם** סלאַוואָ־פילנטום. **פּאַלעסטינאָפילנטום איז דער יידישער אַנאַלאָגאָן צו דעם רוסישן** סלאַוואָ־פילנטום, **ווי די אַסימילאַטאָרן זיינען דער אַנאַלאָגאָן צו די רוסישע** „זאַפּאַדניקעס" (אַנהענגער פון דער מערב־אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע).

אויך די סלאַוואָפילן האָבן אין אָנהייב געהאַט אַ גאַנץ היפּשע צאָל פּראָגרעסיווע און ריכטיקע אידייען, פון וועלכע די „זאַפּאַדניקעס" האָבן ניט געוואָלט וויסן. דער רוסישער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט אָבער שוין אין טשערנישעווסקיס צייטן גענומען באַפרייען זיך פון די איינזייטיקייטן, וואָס האָבן געהערשט אין די ביידע ריכטונגען. ער האָט פון די „זאַפּאַדניקעס", — די ריינע ליבעראַלן, — אַריבערגענומען די יסודות פון דער אַלמענטשלעכקייט, און אויף זיי געבויט דעם בנין פון דעם ריין־רוסישן סאָציאַליזם, וואָס רעכנט זיך קודם־כל מיט דער לאַגע, די אייגנטימלעכקייטן און די לעבנס־נויטן פון דעם אייגענעם רוסישן פאָלק.

דאָס דאַרף אויך געשען ביי אונדז. דער יידישער סאָציאַליזם וועט דאַרפן דורכברעכן זיך אַ וועג, אַ גאַנץ ווייטן, סיי פון די אַסימילאַטאָרן, סיי פון די פּאַלעסטינאָפילן. אויך ער וועט דאַרפן אויף דעם יסוד פון די אַלגעמיין־מענטשלעכע אידעאַלן אויסבויען זיין אייגענעם בנין, וואו די לעבנס־אינטערעסן פון זיין פאָלק, דורכגעקלערטע אין דעם ליכט פון יענע אידעאַלן, זאָלן פאַרנעמען דעם אויבנאָן.

פּאַלעסטינאָפילנטום — סלאַוואָפילנטום. די רוסישע סלאַוואָפילן האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן יענע פּראָגרעסיווע ענערגיע, וואָס האָט נאָך אַמאָל געבראַוזט אין זיי. איצטער איז דאָס אַקסאַקאָוו מיט זיין אַנטיסעמיטיש־שאָוויניסטישן אָרגאַן „רוס". צווישן אַקסאַקאָוון און גראַדן זע איך ניט אין קיין ברעקל פּרינציפּיעלן חילוק. אפשר נאָר דעם, וואָס גראַד גיט־צו צו דעם „פּוילן מערב", אַנטקעגן וועלכן אַקסאַקאָוו קעמפט, אויך נאָך דעם „פּוילן מזרח", די גאַנצע ניט־יידישע אייראָפּייאישע, און מסתמא אויך די אַמעריקאַנישע וועלט.

אין דער פּאַלעסטינאָפילישער פּרעסע איז דער ריין־רעאַקציאָנערער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג דעמאָלט נאָך ניט אַרויסגעטראָטן אַזוי בולט ווי ביי גראַדן. אָבער — וואַרט! עס איז דאָ אַן אינעווייניקסטע לאָגיק אין דער וועלט פון אידייען. קוים פאַרלאָזט די אידייע די געוויסע הייך און שטעלט זיך אָוועק אויף יענעם שיפּוע, וואָס פירט אין דער נידער, וועט שוין דער אינעווייניקסטער אימפּעט דערטראָגן די אידייע ביז צום טיפסטן זומפּ.

אָט די פילאָסאָפיע וועגן דער „אינעווייניקסטער לאָגיק פון דער אידייע", וועלכע איך האָב מסתמא אַריבערגענומען פון לאַסאַלן, איז, מאָלט איך, אין זיך גופא גאָר ניט אַזוי ריכטיק. איך גלייב איצטער ניט אין אַזאַ מין פאַטאַליזם — ניט פּאָר אידייען, ניט פּאָר געזעל־

שאַפּטלעכע פּראָצעסן בכלל. די „אינעווייניקסטע לאָגיק" פון דער אי־דייע אָדער פון דעם פּראָצעס מעג זיך טראָגן אין אַ געוויסער ריכטונג מיט וועלכן אימפּעט איר ווילט, און די מענטשלעכע ווירקלעכקייט קאָן זיך אַוועקשטעלן און זאָגן דער לאָגיק: „איך הער דיך ווי דעם קאָטער. ביז אַהער וויל איך גיין און ווייטער ניט".

דעמאָלט אָבער האָב איך פון דער „אינעווייניקסטער לאָגיק" גע־האַלטן אַן עולם ומלואה. צום אומגליק האָט גראָד יענע יידישע ווירק־לעכקייט, וואָס האָט זיך גערופן פּאַלעסטינאָפילנטום, אויך, משמעות, געהאַלטן פון דער „אינעווייניקסטער לאָגיק", און מיין נבואה, אַז אַט די אידייע מוז זיך דערקייקלען ביז צו דער קלאָרסטער רעאַקציע, איז, אין מיינע אויגן, פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַ גאַנץ קורצער צייט.

אין 1885 איז אַרויס דאָס ערשטע פּאַלעסטינאָפילישע זאַמלבוך אין רוסיש, אונטערן נאָמען „פּאַלעסטינאַ", מיט אַרטיקלען, צווישן אַנדערע, אויך פון פלעקסערן (דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם א. וואָלינסקי) און — דער עיקר — פון ליליענבלומען.

פאַר אונדז, דער יידישער יוגנט, וואָס האָט אין די גאָר גרינגע יאָרן נאָך ניט איבערגעריסן די מגע־ומשא מיט דער „אפּיקורסישער" השכלה־ליטעראַטור, איז ליליענבלום געווען דער באַליבטסטער פּאָנענטרעגער פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס. אָבער זינט ער איז געוואָרן אַ חובב־ציון, האָבן שוין אין זיינע אַרטיקלען אין „המליץ" געמומען קלינגען גאַנץ משונהדיקע טענער. נאָר גאַנץ מיט לשון איז ער ערשט אַרויס אין זאַמל־בוך „פּאַלעסטינאַ". איין פראַזע זיינע, וואָס אין איר איז אויסגעדריקט דער גאַנצער תוך פון דעם אַרטיקל, האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון אויף אייביק: „אין תוך אַריין איז גאָר ניטאָ קיין פּראָגרעס. ס'איז פאַראַן נאָר צייט און דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ".

די „אינעווייניקסטע לאָגיק" פון דעם פּאַלעסטינאָפילנטום, ווי איך האָב אים געזען און געשפּירט אין דעם דעמאָלטיקן לעבן, איז דאָ, אין דעם ליליענבלומישן זאָג, אַרויס פון דעם פאַרבאָרגנסטן „אינעווייניק" אויף דעם אָפנסטן „דרויסן". ס'איז דאָ נאָר צייט און קאַמף פאַר עק־זיסטענץ. און ווער עס איז שטאַרקער, יענער וועט גובר זיין. און דרייט אונדז ניט קיין כפּתור מיט אידעאַלן און שטרעבונגען, מיט מענטשלעכע אַנטוויקלונגען און פּראָגרעסן!

אייגנטלעך איז דאָ ליליענבלום, ווי איך זע איצטער, געבליבן טריי זיינע ראַדיקאַלע אידייען פון די פּיסאַרעווס און טשערנישעווסקיס, מיט זייער מאַטעריאַליזם, מיט זייער אָפּלייקענען די עטישע אידעאַלן אין

זייער טעאָריע פון דעם „פערזענלעכן פּאַרטייל״, — אַלץ ראַדיקאַלע אידייען, אין וועלכע אויך מיר האָבן אַמאָל געגלייבט. נאָר בעת ביי די פּיסאַרעווס און די טשערנישעווסקיס זיינען יענע אידייען געווען פול מיט אָפּטימיזם, פול מיט גלויבן אין דער מענטשהייט און אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, זיינען זיי ביי ליליענבלומען פּעסימיסטיש פאַרזייערט געוואָרן און זיינען געוואָרן אַ מאַנטל פאַר דער ערגסטער רעאַקציע.

אָבער נאָך איידער איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט דער פּאַלעסטינאָפּילישער זאַמלשריפט, וואָס האָט געקאָנט באַטראַכט ווערן, ווי דער טעאָרעטישער מאַניפעסט פון דער נייער ריכטונג, האָב איך שוין, אויף דעם סמך, פון גראַדס רייד, באַשלאָסן ביי מיר, אַז אַזאַ ריכטונג איז דער ערגסטער פּינט פון אונדזער פּראָגרעסיוון לעבן.

לפי דעם איז אויך אַריינגעטראָטן אַן ענדערונג אין מיינע געדאַנקען וועגן די אויפגאַבן פון אַ יידישער פּראָגרעסיווער פּובליציסטיק. פריער האָב איך גערעכנט, אַז זי מוז זיך באַנוגענען מיט ריין־אויפקלערערישע אַרבעטן. מ׳דאַרף געבן דעם פאָלק אַלץ וואָס מיר וויסן, אַלץ וואָס האָט אונדז אידייאיש געצוואונגען ראַדיקאַל פונאַנדערצורייסן מיט דער גאַנצער אַלטער וועלט. פּאָלעמיזירן אַנטקעגן איר, האָב איך גערעכנט, איז אַן איבעריקע זאַך, על כל פּנים ניט קיין וויכטיקע זאַך.

די נייע אידייען, באַגרינדעט דורך ערנסטע אַרבעטן, באַלויכטן דורך דער ראַדיקאַלער בעלעטריסטיק, ליב און טייער געמאַכט דורך דער פּאָעזיע, האָבן גענוג אינערע פּאָזיטיווע כוחות אין זיך, צו געווינען די מוחות און הערצער פון די בעסערע עלעמענטן אין אונדזער פאָלק. אַזוי האָב איך פריער געטראַכט.

איצטער, ווען איך האָב דערבליקט פאַר זיך די פינצטערע רעאַקציע, איינגעקליידט אין דעם מלבוש פון דער מאָדערנער אייראָפּייאישער בילדונג און וויסנשאַפט, און פּונקט ווי דאָס טוען די יוזאָווס אין רוסלאַנד, קעמפט זי פאַר אירע צילן מיט דיזעלביקע כלי־זיין, וואָס מיר קעמפן פאַר אונדזערע צילן, — איצטער ווערט פאַרלאַנגט אַז די מעטאָדן פון דער יידישער פּובליציסטיק זאָלן באַקומען אויך אַן אַגרעסיוו־פּאָלעמישן, שאַרף־קעמפערישן כאַראַקטער.

איך וואָלט דאָס איצטער פאָרמולירט אַזוי: „עס איז ניט גענוג צו פריידיקן דעם ,עשה טוב׳. נאָך מער וואָג דאַרף געלייגט ווערן אויף דעם ,סור מרע׳. און דער ,רע׳, דער אמתער פּיינט פון דעם פּראָגרעס אין אונדזער לעבן, איז ניט די אַלטע פרומע וועלט, וואָס פאַרלירט פון טאָג צו טאָג אירע לעבנס־כוחות, ווערט אַלץ מער און מער פּאַסיוו

און ווייסט ניט וואו אויס און וואו איין אין דער נייער וועלט. דער אמתער ,רע' איז דאָס פאַלעסטינאָפילנטום, ווייל אָט די ריכטונג איז אַקטיוו און ווייל זי ווייסט שוין גאָר וואו אויס און וואו איין, כדי צו פאַרבלענדן די מוחות פון דעם פאָלק".

דאָס איז גראָד אין יענער צייט געבוירן געוואָרן אין מיר די פאַנאַטישע קעגנערשאַפט צו דער „חיבת־ציון", — אַ קעגנערשאַפט, פאַר וועלכער די העברייאישע פרעסע האָט מיך אַ סך שפּעטער באַקרוינט מיט דעם טיטול „אחד מצוררי ציון היותר מצוינים".

און אין דער זעלבער מאָס, ווי עס איז אין מיר געוואַקסן די שנאה צו דער חיבת-ציון, איז אין מיר געוואָקסן מיין ליבע צו דער יידישער שפּראַך, וועלכע איך האָב נאָך אַליין אָנגערופן „זשאַרגאָן". אויך אָט די באָוואָסטזיניקע ליבע האָט פיל צו פאַרדאַנקען דעם וויזיט מיינעם צו גראָדן אין סמאָלענסק.

42

מיין פאַרליבטקייט אין יידיש

אַ שאָד, וואָס איך קאָן ניט מאָלן: איך וואָלט אויסגעריסעוועט גראַדס מינע, ווען ער האָט גערעדט די פּאָר ווערטער זיינע וועגן דעם „זשאַרגאָן“ און וועגן זיין פאַרוואונדערונג, וואָס איך וויל רעדן אין אָט דעם, מ׳שטיינס געזאָגט, לשון צו דערוואַקסענע מענטשן וועגן געהויבענע ענינים, אויף אַן ערנסטן אופן.

אין דער מינע איז געלעגן אי אַ מין ווידל, — ווי צו אַ שרץ, — אי אַ מין רחמנות, אי אַ מין באַהאַלטענער חוזק, ווי צו איינעם, וואָס וואָלט ערנסט פאָרגעשלאָגן, מיר זאָלן אָנהייבן אָפּלאָזן לאַנגע געקרייזלטע פּאות.

מיך האָבן ניט נאָר זיינע רייד, נאָר אויך גראַד אָט די מינע זיינע, געטריבן טיפער צו טראַכטן וועגן דעם ענין שפּראַך און וועגן מיין אייגענער שטעלונג צו יידיש.

עס האָט, נאַטירלעך, קיין רייד ניט געקאָנט זיין, איך זאָל אָננעמען גראַדס עצה, צו ווערן אַ יידישער שרייבער אין רוסיש און צו פירן מיין פּראָפּאַגאַנדע אין יענער שפּראַך.

דער גאַנצער זין פון מיין דעמאָלטיקן „נאַציאָנאַליזם“ איז געווען די נויט צוצופירן די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן צו דער אַלגעמיין-מענטשלעכער קולטור; דער חוב פון דער אינטעליגענציע אַריינצוטראָגן די אידעאַלן פון דעם פּראָגרעס ביז אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דעם פאָלק און זייער פאַרווירקלעכונג אין אַלע פּרטים פון זיין לעבן. דאָס קאָן דאָך געשען נאָר אין דער שפּראַך פון דעם פאָלק, — אַלץ איינס, צי דער מהות פון דער שפּראַך איז אַ שיינער אָדער אַ מיאוסער, אַ געהויבענער אָדער אַ שפּלער. דאָ איז די שפּראַך דער איינציק-מעגלעכער אינסטרומענט, און דער עיקר דערביי איז ניט זי גופא, נאָר דער אינהאַלט פון די אידייען, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין איר.

איך האָב אָבער באַמערקט, טראַכטנדיק וועגן דעם ענין, אַז שפּראַך מוז זיין עפּעס מער, איידער „אינסטרומענט".

דער לשון פון אַ פאָלק מוז האָבן אַ וועלכן עס איז טיפערן און וויכטיקערן נאַציאָנאַלן באַטייט. די טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליטעט **רעדן וועגן דער שפּראַך, ווי וועגן אַ סימן פון דעם נאַציאָנאַלן זיין. אַ** סימן איז אָבער אַ דרויסנלעכע זאַך. דער סימן פון אַ מויער קאָן זיין זיין פאַרב, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם עצם פון דעם מויער. מען קאָן אים איבערפאַרבן. דאָ דאַרף שטעקן עפּעס אַן אינעווייניקסטע זאַך, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם נשמה־לעבן פון אַ פאָלק. אַ פאָלק ליבט זיין שפּראַך, און אַלץ, וואָס זיין פאָלק שאַפט אין דער שפּראַך. ניט נאָר דעם אינהאַלט, אויך דעם וואָרט־קלאַנג.

איך באַמערק אין זיך, אַז אויך איך ליב יידיש. גראָד נאָך גראַדס רייד איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אין מיין נשמה לעבט אַזאַ געפיל. פאַרוואָס ליב איך יידיש, בעת איך בין גאָר ניט אַזאַ בריה אויף דעם לשון, און אויסצודריקן אַ „מענטשלעכן געדאַנק" אין אים, קומט מיר **טאַקע אָפּטמאָל אָן היפּש שווערלעך? איז דאָס די מוזיקאַלישע שיינקייט** פון זיינע קלאַנגען? אָבער איך וויל דאָך מיך אַליין ניט נאַרן: רוסיש, העברייאיש און אויך דייטש קלינגען אַ סך שענער אין מיינע אויערן. איז וואָס זשע דען?

אין דער ערשטער צייט האָב איך ניט געהאַט קיין קלאָרן ענטפער דערויף. נאָר זכרונות פלעגן אָנהייבן אַרויפצושווימען, וואָס האָבן זיך **איינגעקריצט אין זכרון ניט מיט זייער אינהאַלט, נאָר מיט זייער שפּראַך.**

אָט זע איך מיך, אַ זיבן־יעריקן יינגעלע. דער זיידע משה האָט מיר נאָר וואָס געבראַכט אַ מתנה — אַ זיידן טליתל מיט ציצית און אַ קליינינקע עטרהלע. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז פון ארץ־ישראל און אַז אין ארץ־ישראל דאַווענען אַלע יינגעלעך, ווי נאָר זיי ווערן בר־מצווה, אין אַזעלכע זיידענע טליתימלעך.

איך האָב ניט געוואָלט וואַרטן ביז בר־מצווה, האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען מען האָט ניט געקוקט אויף מיר, געכאַפּט דאָס טליתל און אַנטלאָפן אין גרויסן בית־מדרש אַריין (אין „זאַרוטשעוויע").

ס'איז געווען זייגער עלף־צוועלף בייטאָג. קיינער איז אין שול ניט געווען. נאָר אַ פאַרבער איז מיטן פּנים אַרויף, געלעגן אויף אַן אויפֿגעהאָנגענעם בריקל אונטער דעם קומפּל פון דער בימה און האָט דאָרטן אויסגעמאָלט אין אַ קרייז די מזלות.

איך האָב געפונען אַ סידור, אָנגעטאָן דעם טלית, ווי אַ גרויסער, און גענומען שטילערהייט דאַווענען ביי אַ בענקל אין מזרח (דער עמוד איז געווען צו הויך).

פלוצלונג דערהער איך, ווי דער פאַרבער, — אַן עלטערער, בערדיקער ייד, — זינגט זיך ביסלעכווייז פונאַנדער, און צו מיינע אויערן דערטראָגן זיך די ווערטלעך פון אַ לידל:

„מיט אירע ,רויטע' אייגעלעך און ,בלויע' בעקעלעך" . . .

— וואָס זינגט איר דאָרטן עפּעס? — פרעג איך אים. וואו האָט איר געזען ,רויטע' אייגעלעך און ,בלויע' בעקעלעך?

דער פאַרבער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ קוק געטאָן אויף מיר, און האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— ווייס איך? אַ לידל! עס זינגט זיך אַזוי . . .

ווען איך האָב מיך דעמאָלט דערמאָנט אָן דעם עפּיזאָד, האָב איך מיך געמוזט פרעגן: וואָלט דאָס מעגלעך געווען, אַ גוי זאָל אַזוי פאַרבייטן די יוצרות אין זיינעם אַ פאָלק־לידל און זינגען: „קראַסנאַ־אָקאַיאַ, סיניע־שטשאָקאַיאַ", סיידן ער איז טויט־שיכור?

איך האָב מיך דערמאָנט אָן די וואונדער־שיינע רוסישע פאָלקס־לידער, וואָס מיר פלעגן זינגען אין טולע. און ניט נאָר מיר, יונגוואַרג. אויך עלטערע מענטשן און „גרויסע לייט", רייכע פריצים, גלחים און אפילו גענעראַלן, וואָלטן זיך דאָך ניט געשעמט צו זינגען אין כאָר: „וואָזליע ריעטשקי, וואָזליע מאָסטאַ טראַוואַ ראָסלאַ" („לעבן בריקל, לעבן טייכל איז געוואַקסן גראָז") און איבערחזרן די ווערטער עטלעכע מאָל, לויט דער מעלאָדיע.

אָט האָבן מיר דאָך משמעות אויך פאָלק־לידלעך, וואו עס זינגט זיך וועגן „בלויע־אייגעלעך און רויטע בעקעלעך". פאַרוואָס האָב איך זיי קיינמאָל ניט געהערט זינגען אין אונדזער הויז? האָט מען בכלל ביי אונדז געזונגען וועלכע עס איז פאָלק־לידלעך? איך פרואוו אַרויסרופן אין זיכרון אַלע ברעקלעך זכרונות, וואָס זיינען אין אים פאַרבליבן וועגן דעם.

אָט איז דער שטאָט־משוגענער, ריכטיקער: „אַ געררירטער", וואָס פלעגט קומען צו אונדז עסן שבת, אַ פּאָר מאָל אין יאָר. דאָס רוב פלעגט ער אַריין מיט אַ ברייטן, פריילעכן „גוט שבת!" אינמיטן וואַרמעס, און מיר פלעגן אַלע וואַרטן ביים טיש, ביז ער פלעגט ווערן פאַרטיק

מיטן עסן. אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, פלעגט ער תיכף אויסהוסטן די האַלדז און זיך נעמען זינגען:

„אני ביער הלכתי;
קולות מעופות שמעתי.
איינע מאַכט זים־זים־זים,
די אַנדערע מאַכט ראַ־ראַ־ראַ,
קול גדול ונורא."

די שיירעס סאָסיע און דער זעגער זעליק שטייען אין דער אָפענער טיר און הערן. און סאָסיע ווינקט מיר צו, איך זאָל אים בעטן זינגען: „די קאָלדרעטשקע". אָבער ווייטער, איידער אָט דעם העברייאיש־יידישן ליד (פון וועלכן איך געדענק נאָר דעם ערשטן קופּלעט), איז דאָס ניט געגאַנגען. טאַטע־מאַמע דאַרפן גיין אָפּרוען, און אים איז צייט אַהיים.

האָט מיין מוטער ווען עס איז געזונגען אַ פאָלק־ליד?

קיין זינגערין איז זי ניט געווען. אָבער איך געדענק, איך האָב געהערט פון איר אַמאָל דאָס קליין־רוסישע ליד: „ווייוט וויטרי" און נאָך עפּעס אַ זייער טרויעריק רוסיש ליד, מיט אַ זייער טרויעריקער יידישער מעלאָדיע און מיט אַ גאַנץ זיכער יידישן אינהאַלט, ווייל איין פערז אין אים האָט זיך געזונגען: „אי ביעדנאַהאָ ראַווינאַ אַני סהובי־אי־לי". („און דעם אָרעמען רב האָבן זיי דערהרגעט").

עס פאַרדריסט מיך איצטער באמת, וואָס איך האָב דאָס ליד ניט פאַרשריבן. אויף וואָס פאַר אַ טראַגעדיע אין אונדזער לעבן האָט דאָס געקלאָגט? און פאַרוואָס — אין רוסיש?

קיין פאָלק־לידער זינגען האָב איך אין אונדזער הויז ניט געהערט, אַ חוץ אַ פּאָר באַקאַנטע קינדער־לידער („קומט דער ליבער זומער" און אַנדערע), אויך דאָס נאָר פון די דינסטן.

אין הויז פלעגט מען זייער אָפט זינגען ביים טיש. אָבער דאָס זיינען געווען אָדער חזנישע זאַכן, אָדער זמירות. דער פאָטער און דער פעטער זיאָווע פלעגן אָפט איבערזינגען אַריעס פון אָפּערעס. אָבער דאָס איז געווען נאָר דעמאָלט, ווען קיין עלטערע פרומע מענטשן זיינען ביים טיש ניט געווען.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן, צום ביישפּיל, אַז ביי אונדזער טיש צו אַ „שלש־סעודות" זאָלן אָט די אַלע חשובע פרומע יידן זינגען אין כאָר, אַ וואָסער עס איז פאָלק־ליד, זאָגן מיר טאָקע: „קומט דער ליבער

זומער", און דער רב, און דער שוחט און מיין פעטער מיכל זאָלן זיך פאַרדביקהן אין:

„שוואַרצע קאַרשן רייסן מיר,
רויטע לאָזן מיר שטיין.
שיינע מיידלעך קושן מיר,
מיאוסע לאָזן מיר גיין".

עס איז גאָר לעכערלעך אַרויפצולאָזן אַזאַ זאַך אויפן געדאַנק! פאַר־וואָס איז עס אָבער גאָר ניט לעכערלעך אויסצומאָלן זיך, אַז זייער חשובע רוסישע מענטשן, — אפילו גרוי־בערדיקע געלערנטע און אפילו רעוואָ־לוציאָנערן זאָלן אינאיינעם זינגען „פאַ אוליצע מאָסטאָוואָי שלא דיעוויצאַ זאַ וואָדאָי?" („איבער דער גאַס, דער ברוקירטער, גייט אַ מיידל נאָך וואַסער").

דאָס יידישע לעבן און דאָס ניט־יידישע לעבן זיינען צוויי פאַרשייַ־דענע טיפּן פון אַ מענטשלעכן לעבן. עס הערשט צווישן זיי אַ תהום. דאָס ניט־יידישע לעבן איז נאָענט צו דער ערד, מיט אירע ליידן און פריידן. האָט אַזאַ לעבן טאַקע אַרויסגעבראַכט די בעסטע געדאַנקען, ווי אַזוי איינצואָרדענען אַ חשובן מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. דער ייד אָבער רייסט זיך אין די הימלען אַריין, הינטער די וואָלקנס. אַרט אים ניט, וואָס אויף דער וועלט פירט ער אַ לעבן, וואָס שטעלט אים אַוועק אין אַ קאָנפליקט מיט דער גאַנצער ניט־יידישער וועלט.

פאַר מיר איז אָבער דעמאָלט ניט געווען קיין ברעקל שאלה, אַז דער ניט־יידישער טיפּ לעבן איז גראָד פאַר זיין נאָענטקייט צו דער ערד און צו דעם „רעאַלן" מענטשלעכן לעבן אַ סך אַ העכערער טיפּ, איידער דער יידישער . . .

איך מיין שטרעבן ווידער צו דערמאָנען זיך יענע יידישע רייד, וואָס לעבן ביי דעם גאַנצן פאָלק, אָדער אפילו אינדיווידועלע רייד, וואָס האָבן זיך אין קיין גאַנצן נוסח איינגעקריצט אין זכרון, איז פאַר מיר ווידער אויפגעלעבט געוואָרן אַ גאַנץ היפּשער מאַטעריאַל פון יידישע ווערטלעך, ברעקלעך פון לידער מיט זייערע מעלאָדיעס, וואָס איך האָב ווען געהערט, ווי צ"ב:

„וויטעבסקער קבצנים
זאָגן צו די רייכע לייט:
צאָלט זיך אויס די חובות,
זייט איר מיט אונדז שוין גלייך".

איך האָב מיך דערמאָנט אָן די קינדער־שפּילן אין חדר, וואָס ווערן געפירט אין אַ באַשטימטן נוסח, ווי צ״ב:

„זאָל מיר אַרויסגיין, זאָל מיר אַרויסגיין די גילדערנע פאָן! זאָל מיר אַרויסגיין, זאָל מיר אַרויסגיין דער גילדערנער הירש!״

אָדער די ברעקלעך פון די פורים־שפּילן מיט זייער:

„איך בין דער מלך פון גראָר,
די גאַנצע וועלט איז אונטער מיר גאָ־אָר!״

אָדער די „עקדת־יצחק״־שפּיל, וואָס שניידער־יונגען האָבן אויפגע־פירט אין אַ חורבה, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר זעקס.

דעמאָלט, ווען איך האָב זיך געגראָבן אין אָט די זכרונות, האָב איך נאָך ניט געוואוסט, אַז דאָס רופט זיך פאָלקלאָריסטיק, און אַז אונדזער פאָלק האָט גראָד אין יידיש אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל פאָלקלאָריסטישע עשירות.

אָט דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָב איך געלאָזט פאַרבייגיין פאַר מיר. איך האָב אים באַטראַכט ריין עסטעטיש, איינהערנדיק זיך אין דעם אָפּקלאַנג, וואָס זיי ברענגען אַרויס אין מיין נשמה. און איך האָב געשפּירט, ווי אין מיר וואַקסט זיך בפועל ממש פונאַנדער אַ צאַרטע ליבע אי צו אונדזער פאָלק, אי צו זיין לשון.

און עס האָט מיך געוואונדערט, וואָס קיינער זעט דאָס ניט, קיינער פילט דאָס ניט (איך מיין ספּעציעל: די ליבע צו דער שפּראַך). עס איז ביי דעם יידן רעכט, וואָס זיין שפּראַך ווערט פאַרדאַרבן פאַר זיינע אויגן. וואָס אַרט אים די שפּראַך? וואָס אַרט אים די שיינקייט בכלל? „ריידעלע יאַק ריידעלע, אַבי דאַברע מיינעלע!״ דער עיקר איז דאָך דער „תכלית״!

נאָר מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, האָב איך ביי איין איינציקן עלטערן יידן איך מיין שטאָט וויטעבסק געפונען פונקט אַזאַ פאַרליבטקייט אין יידיש, ווי ביי מיר. דאָס איז געווען איינער אַ יודין (שפּעטער דער שווער פון דעם זייער באַקאַנטן בונדיסט, ד״ר בלומשטיין, אויך אַ „יידי־שיסט״ מיטן גאַנצן האַרצן).

אָט דער יודין איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער טיפּ פון אַ יידישן אָרעמען פאָלקס־מענטשן און אַ פאָטער פון זייער אינטערעסאַנטע און וואוילע קינדער. ליידער קאָן איך מיך ניט אָפּשטעלן אויף זיי, ווייל אין מיין לעבן האָבן זיי ניט געשפּילט קיין שום ראָליע.

נאָר איינמאָל בין איך געווען ביי זיי אין הויז און האָב זיך פונאַנ־דערגערעדט מיטן פאָטער. עס האָט אים ממש דערפרייט מיין שטעלונג

צו יידיש, און עס האָט זיך אַ גאַס געטאָן פון אים אַ פאַנטאַן שבחים פאַר אונדזער שפּראַך, אויסגעמישט מיט יידישע ווערטלעך, וויצן און אויסדרוקן, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט.

צום סוף האָט ער אויסגעשריען:

— מען האָט גאָר קיין השגה ניט, וואָס פאַר אַ ממזר אונדזער לשון איז! ממש אַ ברען! זאָל מען דאָס נאָר אַרומנעמען מיט אַ רעמעלע פון גראַמאַטיקע . . .

די „רעמעלע פון גראַמאַטיקע" האָט מיך דעמאָלט גראָד ווייניק געאַרט, ווי זי אַרט מיך ווייניק אויך איצטער. אָבער דער „ממזר" איז שוין לאַנג געווען איינגעבאַקן אין מיין האַרצן . . .

אומקערנדיק זיך צוריק צו מיינע דעמאָלטיקע געדאַנקען וועגן דעם ענין שפּראַך בכלל און יידיש בפרט, וויל איך דאָ ברענגען נאָך צוויי קינדער־דערינערונגען, ווייל זייער אויפבליץ אין זיכרון האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף מיר.

איך דערמאָן מיך אַ סצענע אין דער היים. איך האָב געמוזט דעמאָלט אַלט זיין אַ יאָר פינף־זעקס. מיין ברודער „בעבע", וואָס האָט זיך דערצויגן ביי דער באָבען אין אושאַטשי איז גראָד דעמאָלט ביי אונדז געווען צוגאַסט. איך זע אים, ווי ער שטייט אין איין העמדעלע אויף דער קאַנאַפּע, מיט די הענטלעך אַנגעלענט אָן דעם טיש און זינגט עפּעס אַ לידל, פון וועלכן איך געדענק נאָר איין פערז:

„די פעיעיעד פון האַיז ועי איך דיי אַוועקגעבן."

„די פערעלעך פון האַלדז וועל איך דיר אַוועקגעבן" . . . אַך, ווי שיין! ווי רירנדיק!

43

אויס „יעפים“, ווידער „חיים“

איינע פון די פראַגן, וואָס האָבן מיך שטאַרק אינטערעסירט אין יענער צייט, איז געווען די פראַגע וועגן נאַציאָנאַלע געפילן. פון וואַנען נעמען זיי זיך? פאַרוואָס ווירקן זיי אַזוי שטאַרק, אַז אפילו די געבילדעטע קאָסמאָפּאָליטן קאָנען זיך ניט באַפרייען פון זיי?

אויף דעם יסוד זייערן מוז געוויס ליגן אַ געוויסער ליבע־געפיל צו דעם אייגענעם פאָלק, צום אייגענעם לאַנד, צו דער אייגענער שפּראַך. פון וואַנען נעמט זיך אָט די ליבע?

לויט דעם ריין־עמפּירישן איינשטעל פון מיין דעמאָלטיקן וועלט־באַנעם, האָב איך ניט געקאָנט זוכן איר מקור אין וועלכע־עס־איז איינגעבאָרנקייטן, וואָס זאָלן אַריבערגיין בירושה פון דור צו דור. דער איינציקער אויסוועג איז געווען — דערגראָבן זיך צו זייער קוואַל אין די איינדרוקן פון דער דרויסנדיקער וועלט. און מיר האָט זיך בעסער פאַר אַלץ געלייגט אויפן שכל, אַז דאָ דאַרף מען זיך רעכענען קודם כל מיט די איינדרוקן פון דער גאָר פריסטער קינדהייט. יענע איינדרוקן זיינען אַזוי פריש און פאַרביק, אַז זיי לאָזן איבער דעם גרעסטן רושם אין דער נשמה. די געפילן פון פרייד און לייד ווערן אַסאָציאירט מיט די איינדרוקן פון דער אַרומיקער וועלט: מיט דעם נאַטור־פּייזאַזש, אין וועלכן מען לעבט; מיט די מענטשן, צווישן וועלכע מען לעבט; מיט די שפּראַך־קלאַנגען, וואָס מען הערט.

דערפון וואַקסט אַרויס די ליבע צו דעם לאַנד, דער „פּאַטריאָטיזם“: „אי דים אָטיעטשעסטוואָ נאַם סלאַדאָק אי פּרייאַטיען“ (אויך דער רויך פון דעם פאָטערלאַנד איז אונדז זיס און אָנגענעם), ווי פּושקין האָט געזאָגט. דערפון וואַקסט אַרויס דער „נאַציאָנאַליזם“: די ליבע צו יענעם באַזונדערן טיפּ מענטשן, וואָס איז דער הערשנדיקער ביי „מיין פאָלק“. דערפון וואַקסט אויך אַרויס די ליבע צו די שפּראַך־קלאַנגען — אַ ליבע, וואָס האָט נאָך ניט באַקומען קיין אייגענעם נאָמען, אָבער וואָס איז גאַנץ באַשטימט פונקט אַזאַ טיפער און אייגנאַרטיקער געפיל, ווי דער „פּאַטריאָטיזם“ און דער „נאַציאָנאַליזם“.

באַזונדערס האָט מיר אָט דעם אויספּיר דיקטירט אַ דערינערונג פון מיינע גאַר־ערשטע קינדער־יאָרן, ווען איך בין זיכער נאָך ניט אַלט געווען קיין דריי. אַ פּשוטע ראיה פאַר מיין כראָנאָלאָגיע: דאָס האָט געמוזט פּאַסירן נאָך איידער מיין „אָפּשערעניש״, ווייל אין דעם עפּיזאָד שפּילן אַ ראָלע מיינע צונויפגעפּלאָנטערטע לאָקן.

איך זע מיך, ווי איך זיץ אויפן ביליאַרד־טיש אין דעם זיידנס גרויסן ביליאַרד־זאַל, און ווי פון דער טיר גייט אַריין מיין מומע שפרה, נאָך אַ יונג מיידעלע, אין איר שול־קאָסטיום: אַ ברוין קליידל און אַ שוואַרץ פאַרטעך. איך האָב מיך גלייך אַ ציִ געטאָן צו איר. זי האָט מיך גענומען אויף די הענט, און ס׳האָט זיך מסתמא אָנגעהויבן די מעשה מיט וואַשן מיך, „שאָבן״ מיך און זייפן דעם קאָפּ (מיין מוטער איז דעמאָלט וואָכן־לאַנג געלעגן אַ קראַנקע אין בעט, טאַקע אין זיידנס „האָטעל גאַרני״).

די פּראָצעדור פון דעם וואַשן און „שאָבן״ געדענק איך ניט. איך זע מיך ווידער, ווי איך זיץ אַן אַרומגעוויקלטער אין אַ גרויסן ליילעך, אויף דעם זעלביקן ביליאַרד־טיש, און ווי די מומע שפרה קעמט מיר די צעפּאָטלטע האָר.

משמעות, אַז ביי דעם משא ומתן האָב איך געמאַכט גאַר נישקשה־דיקע יעלות, ווייל איך געדענק, אַז זי האָט אין מיר אריינגערעדט אַזוינע נעימותדיקע רייד.

. . . „און אַז מיר וועלן אָנטאָן דאָס שיינע פוטערל מיט דעם שיינעם היטעלע און אַרויסגיין שפּאַצירן אויף דער גאַס, וועלן זיך אַלע אָפּשטעלן קוקן: ווער גייט עס דאָרטן פאַר אַ שררה? — ווי הייסט איר ווייסט גאָר ניט? דאָס איז דאָך חיימקע יאָשעס . . .״

איך געדענק, אַז איך האָב, קרימענדיק זיך פאַר ווייטיק, מיך שטאַרק איינגעהערט אין די רייד. צום רומל האָט געפּאַסט, איך זאָל שוין דע־מאָלט האָבן פילאָסאָפיש געטראַכט, צי עס לוינט זיך אויסצושטיין די עינוים קשים פון געקעמט ווערן, באשר מענטשן דאָרטן וועלן זיך אָפּ־שטעלן קוקן אויף מיר.

איך קאָוויר אָבער, אַז אַזאַ פילאָסאָף בין איך נאָך ניט געווען. איך האָב מיך פּשוט איינגעהערט אין די רייד און געקרימט זיך ביי יעדן ציִ פון דעם קעמל.

די רייד זיינען אָבער פאַרבליבן אין מיין זכרון מיט דעם זעלביקן נוסח זייערן. פאַרוואָס? ניט שוין, ווייל זיי האָבן געחנפעט מיין קינ־דערשע איטלקייט? מיר גלייבט זיך דאָס ניט. די ריכטיקע דער־

קלערונג ליגט, גלייב איך, אין דעם, וואָס איך בין באמת שוין דעמאָלט געווען שטאַרק פאַרליבט אין דער מומע שפרה (איך האָב נאָך אַנדערע באַווייזן פאַר אַט דעם פאַקט פון מיין „ליבע״).

האָב איך ביים קעמען איבערגעלעבט אַ שטאַרקן צונויפגעמישטן געפיל פון פיין און פרייד: דעם ווייטיק פון געקעמט ווערן און דעם תענוג פון דער מומעס זיסער, קלינגענדיקער שטים. און די דאָזיקע פיינפולע פרייד האָט זיך צונויפגעבונדן מיט די קלאַנגען פון דער יידי־שער שפּראַך. נאָך אַנדערע אַזעלכע איבערלעבענישן האָבן דעריבער געמוזט מאַכן די קלאַנגען פון דער יידישער שפּראַך נאָך טייערער פאַר מיין נשמה.

די ליבע צו פאָלק, לאַנד, שפּראַך, אַרויסגעוואַקסן פון די איינדרוקן אין די ערשטע קינדער־יאָרן, ליגט אָפּט אומבאַוואוסטזיניק אויף דעם גרונט. דאָס נשמה־לעבן פליסט געוויינלעך איבערן שלאָפנדיקן גרונט און באַמערקט אים ניט.

ערשט ווען שטיינער הייבן אָן פאַלן אין דעם פלוס, שלאָגן זיי זיך אָן אָן דעם גרונט. ער וואַכט אויף פון זיין שלאָף און הייבט אָן צו ריידן אין אונדז.

שטשעדרין מיט זיין מעשהלע „דער אַלטער וואָלף״ האָט אין מיר אויפגעוועקט די ליבע צו מיין פאָלק. גראַד מיט זיין ביטול און ווידל צו דעם „זשאַרגאָן״ האָט אין מיר אויפגעוועקט די ליבע צו מיין שפּראַך.

ובכן איז קיין ספק ניט, אַז נאַציאָנאַלע געפילן זיינען נאַטירלעכע געפילן. אָבער נאַטירלעכע געפילן זיינען גאָר ניט קיין גרויסע מיוחסים ביי אַ ראַדיקאַל, וואָס האָט איבער זיך אַזאַ שטרענגן „ונתנה תוקף״: זיינע פּראָגרעסיווע פּרינציפּן: זיי האָבן דאָס רעכט אַרויסצוטראָגן דעם „מי יחיה ומי ימות״ אויף די נאַטירלעכסטע געפילן.

וואָס איז דער גזר דין, וואָס די אידעאַלן פון דעם אַלמענטשלעכן פּראָגרעס דאַרפן אַרויסטראָגן אויף זיי?

איך נעם אַ רוסישן „קופּיעץ״ (אַ סוחר), אַ „טיט־טיטיטש״, אין זיין גאַנצער נאַציאָנאַל־רוסישער לייב־ און נשמה־האַפטיקייט, און שטעל אים אַוועק פאַר דעם ריכטער־שטול פון מיין „ונתנה תוקף״.

טיט־טיטיטש איז אַ דעספּאָט און אַ טיראַן אין זיין הויז. זיין קאָפּ איז פול מיט די ווילדסטע געדאַנקען וועגן וועלט, מענטשהייט און אַ מענטשלעכן לעבן. ער גלייבט מסתמא הייס אין זיין „פּראַוואָסלאַוונער״ אמונה און ליבט זיין קייסער, זיין פאָטערלאַנד, זיין רוסיש פאָלק און זיין שפּראַך.

אָנגעגומען, אַז ער הערט זיך איין אין דער שטים פון דעם קריטישן געדאַנק, וואָס מאַכט אַ תל פון זיין גאַנצן לעבנס־שטייגער און ווייזט אים דעם ריכטיקן וועג אויף וועלכן אַ פּראָגרעסיווער מענטש דאַרף גיין. וואָס קאָן ביי אים די קריטיק אַוועקנעמען? זיכער אַלע זיינע פאַלשע גלייבונגען און מיינונגען, **אַלע זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע השגות** — זיין גאַנצן ביזאַהעריקן לעבנס־פּיר. קאָן זי אים אָבער באַווייזן די פאַלשקייט און שעדלעכקייט פון זיין רוסישן „פּאַטריאָטיזם״? נאָר ביז צו אַ געווּיסן גראַד. **ווען טיט־טיטיטש ענטפערט אויף אַלע קאָסמאָפּאָ־ליטישע** אָפּפרעגן: „איך ליב מיין לאַנד, וואו עס וואוינט מיין פאָלק, און וויל, אַז מיר, אַלע רוסן, זאָלן בלייבן וואוינען אין אונדזער לאַנד, ווי אַ פריי פאָלק״, איז ניטאָ קיין איין פּרינציפּ, וואָס זאָל קאָנען אסרן אַזאַ ליבע.

דער קאָסמאָפּאָליטיזם קאָן נאָר זאָגן: „יאָ, טיט־טיטיטש, אָבער דיין פּאַטריאָטיזם באַנוגנט זיך ניט מיט די גרענעצן, אין וועלכע עס וואוינט דיין פאָלק. דו נעמסט נאָך איין אַנדערע לענדער, וואָס געהערן ניט אים. וואָס פאַר אַ באַלעבאָס ביסטו אויף פּוילן און אויף קאַווקאַז? דיין פּאַטריאָטיזם קאָן איך ניט אינגאַנצן אויסוואָרצלען, אָבער איך מוז אים אַרומצאַמען. דו מוזט בלייבן שטרענג אין די גרענעצן פון דיין גע־ליבט לאַנד און ניט אויף אַ האָר די ברייט פון אַ פרעמדנס לאַנד האָסטו אַ רעכט״.

און דיזעלביקע זאַך מיט זיין „נאַציאָנאַליזם״, דער ליבע צו זיין פאָלק. ניטאָ אַזאַ פּראָגרעסיווער פּרינציפּ, וואָס זאָל קאָנען איינעם פאַר־שרייבן, ער זאָל ליב האָבן אַלע מענטשן מיט דער גלייכער ליבע, און אים זאָל זיין אַלץ־איינס מיט וועלכע מענטשן ער זאָל וועלן לעבן אינ־איינעם. שטשעדרינס „אומבאַוואוסטזיניקע קאַפּריזן פון דעם ראַסן־טעמ־פּעראַמענט״ קאָנען מיט קיין קריטישער לאָגיק ניט צעשטערט ווערן. אָבער אויך דער „נאַציאָנאַליזם״ קאָן אַריבערגיין געוויסע גרענעצן, און דער קריטישער געדאַנק האָט אַ רעכט זיך אַריינצומישן אין דעם.

דער נאַציאָנאַליזם קאָן אויסוואַקסן אין שאָוויניזם, אין באַטראַכטן דאָס אייגענע פאָלק פאַר דעם צימעס פון דער מענטשהייט. און דאָס איז אַבסאָלוט פאַלש. דער שאָוויניזם איז אַלעמאָל אומגערעכט צו אַנדערע פעלקער. הייסט עס, אַז דער שאָוויניזם גייט להיפּוך צו אמת און צו יושר. דעריבער מוז דער נאַציאָנאַליזם געהאַלטן ווערן אין אַ שאַרף־**אָנגעצויגענער צוים, ער זאָל ניט אַריבערשטרייטן זיינע באַרעכטיקטע** גרענעצן, און ניט ווערן שאָוויניסטיש.

און ווי איז דאָס מיט דער ליבע צו דער שפּראַך? ווי איז, אַז טיט-טיטיטש טוט אַ זאָג: „מיר איז דאָס וואָרט „טשאַסי״ אַ סך ליבער, איידער די קלאַנגגען „זייגער״ אָדער „אוהר״. זיי מעגן זיך זיין אפילו שענערע קלאַנגען, איידער מיינע, וויל איך זיי ניט. איך וויל מיינע״. וואָס קאָן דאָ דער שטרענגער „ונתנה תוקף״ פונעם פּראָגרעסיוון אידעאַל טאָן? אין וועלכן פּרט האָט ער אַ רעכט אַרומצוצאַמען די ליבע צו דער שפּראַך? אין קיין פּרט ניט! זי קאָן זיין אומבאַגרענעצט און וועט זיך ערגעץ ניט צונויפשטויסן מיט די פאָדערונגען פון די אַלגעמיין-מענטשלעכע אידעאַלן.

איצטער שטעל איך אַוועק אויף טיט-טיטיטשס פּלאַץ אַ פרומען יידן — זאָל זיין טאַקע מיך אַליין. איך דערקלער, אַז איך בין אַ פרייער מענטש, אַז איך בין גרייט צו בייגן מיין קאָפּ פאַר די געבאָטן פון מיין אויפגעקלערטן שכל און מיין געלייטערטן יושר. אויך ביי מיר, דעם יידן, קאָנען שכל און יושר קריטיש אויסעסן אַלע יידישע גלייבונגען און מיינונגען, אַלע יסודות פון דעם יידישן לעבנס-פּיר. נאָך מער: זיי קאָנען מיר אויפווייזן, אַז אין דעם כאַראַקטער גופא פון דעם יידישן מענטשן האָבן זיך אַריינגעגנבעט חסרונות, וואָס דאַרפן אויסגעוואָרצלט ווערן. אָבער דער פּראָגרעסיווער געדאַנק קאָן ניט אָנגרייפן די ליבע צו מיין לשון. די קריטיק, וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם אידעאַל, קאָן מיר ניט אויפווייזן, פאַרוואָס איך זאָל מוזן געבן די בכורה דעם וואָרט „טשאַסי״ איבער דעם וואָרט „זייגער״. זי קאָן מיר ניט פאַרווערן צו וועלן לעבן אין אַ שפּראַך-ספערע פון יידישע קלאַנגען און ליב צו האָבן גראָד יענע ספערע. פון אַלע נאַציאָנאַלע געפילן איז די ליבע צו דער אייגענער שפּראַך דאָס איינציקע געפיל, וואָס אויף אים קאָן ניט שולט זיי די קריטיק פונעם פּראָגרעסיוון אַלמענטשלעכן אידעאַל.

אָבער — אויב מען זאָל גיין מיט אָט דעם גאַנג, היינט ווי איז, אַז איך הייב אָן צו ליבן, זאָגן מיר, די לאַנגע פּיאות מיט דעם לאַנגן ראָק, מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ און דעם ברייטן חסידישן גאַרטל? אין וועלכן ראַדיקאַלן שולחן ערוך שטייט עס געשריבן, אַז מען מוז דווקא טראָגן קורצע פּיאות און קורצע רעק? און ווי איז עס מיט די יידישע נעמען? וואו שטייט עס, אַז מען מוז זיך רופן דווקא „יעפים״ און ניט „חיים״?

איז דאָ די מעשה מסתמא אַזאַ: אויב איך טראָג די לאַנגע פּיאות, ווייל איך גלייב, אַז דאָס פאָדערט פון מיר אַן איבערנאַטירלעכער גאָט, וואָס וועט מיך שטראָפן פאַרן ניט-פאָלגן, קאָן דאָס דער קריטישער גע-

דאַנק אַוועקנעמען ביי מיר, ווייל דאָס איז אַ פאַלשער גלויבן, און איך דאַרף שטרעבן צו גיין אין די דרכים פון דעם אמת. אָבער אויב איינעם זאָל דער פרום־יידישער הילוך עסטעטיש בעסער געפעלן, איידער דער אַלגעמיין־אייראָפּייאישער, זע איך ניט אין וואו דאָ קאָן ליגן אַ חטא...

אָדער — וואָרט, עס איז יאָ דאָ אַ חטא! ביי אונדזער פאָלק קעמפט איצט דער פרייער געדאַנק אַנטקעגן דעם רעליגיעזן גלויבן. פאַר דעם גלויבן איז דער יידישער הילוך אַ רעליגיעזער געבאָט און אין דער זעלביקער צייט אַ סימבאָל, אַ פאָן אין דער שלאַכט. אויב אויך אַ פריידענקער וועט אויף זיך אַרויפשלעפּן דעם יידישן הילוך, ווייל דאָס געפעלט אים עסטעטיש, שטעלט ער זיך אַוועק אונטער דער רעליגיעזער פאָן. די אַרומיקע וועלן דאָך ניט וויסן זיינע מאָטיוון. מיט זיין אויפ־פיר וועט ער פאַרשטאַרקן די ספערע און די מאַכט פון דער רעליגיע, פון דער רעאַקציע. מוז מען זיך טאַקע קליידן אייראָפּייאיש, כדי שוין מיט דעם דרויסנלעכן אויסזען צו דעמאָנסטרירן צו וועלכן לאַגער מען געהערט, אונטער וועלכער פאָן מען שטייט.

און ווי איז מיט די נעמען? די נעמען זיינען פריי. זיי ווערן געגעבן איינעם ביים געבורט אָדער ביים ברית. יידישע נעמען זיינען אויך סימבאָלן, אויך פאָנען. אָבער ניט סימבאָלן און פאָנען פון דער יידישער רעליגיע, נאָר סימבאָלן און פאָנען פון דעם יידישן פאָלק. איז ווען — איינעם געפעלט זיין יידישער נאָמען בעסער, איידער דער גויאישער, איז קיין ברעקל חטא ניט אָנצונעמען אים.

אָדער — וואָרט! אויך די נעמען זיינען ניט פריי, גראָד ווייל זיי זיינען אַ סימבאָל און אַ פאָן פאַר דער צוגעהעריקייט צו אַ באַשטימטן פאָלק, איז דער נאָמען ניט קיין גלייכגילטיקער ענין.

איך געהער צו דעם יידישן פאָלק. ביי אונדז קומט פאָר אַ קאַמף צווישן די, וואָס ווילן בלייבן מיטן פאָלק, און די, וואָס ווילן אַנטלויפן פון אים. דער יידישער נאָמען איז אַ סימבאָל און אַ פאָן פאַר די, וואָס ווילן בלייבן. איך געהער צו זיי, און אינאיינעם מיט זיי דאַרף איך קעמפן אַנטקעגן די אַנטלויפער. דאַרף איך דעמאָנסטראַטיוו טראָגן מיין יידישן נאָמען . . .

היינט פאַרוואָס רוף איך מיך נאָך „יעפּים אָסיפּאָוויטש"? און גלאַט — דער שקר דערפון! אַ נאָמען האָט מען דאָך מיר געגעבן „חיים" און ניט „יעפּים", און מיין טאַטן רופט מען דאָ „יוסף" און ניט „אָסיפּ". איך האָב אַליין געשמדט מיין נאָמען, ווייל איך בין געוואָרן אַ „רוס" און האָב דורך דעם דעמאָנסטרירט מיין „רוסישקייט". איצטער אָבער

בין איך אַ ייד און מוז דעריבער מיט מיין אמתן נאָמען דעמאָנסטרירן מיין צוגעהעריקייט צו דעם יידישן פאָלק . . .

„חיים בר׳ יוסף״, „חיים יאָסיפאָוויטש״ — דאָס קלינגט אַביסל משונהדיק, פריקרע, קינדיש . . . „חיימקע יאָשעס״ . . .

„חיים״ . . . איך דערמאָן מיך אָן די ווערטלעך, מיט וועלכע די חדר־יינגלעך פלעגן זיך רייצן מיט מיר. איינס אַזאַ האָט געהאַט אַ פּאָר זייער מיאוסע גראַמען אין אַ רייצעניש מיט אַ „חיים״, וואָס „איז גע־פאָרן קיין מצרים״. אויך די רוסישע שקצים האָבן געהאַט אַ רייץ־ווערטל: „כאַאים, כאַ־אים, סקאָזשי מאַ־אים, טשטאָ יאָ נאָ שאָבעס ניע בודו!״ (חיים, חיים, זאָג די מייניקע, אַז איך וועל ניט זיין אויף שבת).

ס׳איז טאַקע גאָר ניט קיין באַזונדערס שיינער נאָמען „חיים״. וואָלט איך אַליין אויסגעקליבן פאַר זיך אַ יידישן נאָמען, וואָלט ער געווען אַ שענערער: „רפאל״, צי „אביגדור״. נאָר פאַרפאַלן! איך וועל מיר שוין מוזן צוגעוואוינען . . .

און כך הווה! איך האָב מיך אי אַליין צוגעוואוינט, אי איך האָב מיינע שפּעטערדיקע רוסישע חברים און פריינד צוגעוואוינט צו מיין אמתן יידישן נאָמען.

44

איך ווער אַ דיקטער

אַרום יענער צייט, אַזוי אין האַרבסט 1884, איז פאָרגעקומען אַ קליינע פאַסירונג, וואָס האָט מיך ווידער צוגעפירט צו דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג. מיט דעם גופא האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אָפּשניט אין מיין לעבן, — דער „יידיש־נאַראָדאָוואָלישער". צו אַ „נאַ־ראָדאָוואָלישן קרייזל" בין איך צוגעטראָטן שוין ווי אַ גאַנץ אויסגעפּר־רעמטער נאַציאָנאַלער ייד, הגם די ענגערע פאַרבינדונג פון די יידיש־נאַציאָנאַלע אינטערעסן מיט די פּראַקטישע באַשטרעבונגען פון דער רו־סישער רעוואָלוציע זיינען מיר ניט געווען אינגאַנצן קלאָר.

נאָר איידער איך וועל נעמען באַשרייבן אָט דעם נייעם אָפּשניט, ווילט זיך מיר נאָך זיך אָפּגעזעגענען מיט דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד, מיט מיין „דרך תשובה". דאָס איז פאַר מיר וויכטיק אויך דערפאַר, ווייל אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד איז אויך פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין מיין בליק אויף זיך אַליין, אויף מיין „אַמפּלואַ" אין לעבן.

אַנסקי האָט אין מיר, גאָר אין דער פריער יוגנט, אַריינגעבלאָזן די אילוזיע, אַז איך בין אַ פּאָעט. פריינד האָבן די דאָזיקע אילוזיע פאַרשטאַרקט, און געוויסע איבערלעבענישן, אַ געוויסער דראַנג אויסצו־לעבן זיך אין שירים, און די פייאיקייט צו טאָן דאָס, ווי מיר האָט זיך געדוכט, „גאָר ניט שלעכט", האָבן זי נאָך מער פאַרפעסטיקט.

אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד האָב איך מיך פון דער דאָזיקער אי־לוזיע באַפרייט. איך האָב זיך צעשיידט מיט איר אָן אַ ברעקל צער, און געשען איז דאָס גראָד אין דעם רעכטן מיטן ברען פון מיינע „פּאָ־עטישע" שאַפונגען, ווען איך האָב ניט נאָר אָפט און גרינג געשריבן שירים, פריער אין רוסיש, דערנאָך אויך אין יידיש, נאָר האָב מיך אויך ערנסט אַרומגעטראָגן מיט דעם פּלאַן פון אַ גרעסערער פּאָעמע אין יידיש, אַ מין „יעווגעני אָניעגין". מיין „אָניעגין" האָט געזאָלט זיין אַ יידישער רעוואָלוציאָנער, וואָס פאַרלאָזט זיין פאָלק, מאַכט אומגליקלעך מיט זיין אַטעאיסטיש־קאָסמאָפּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע און זיין לייכטזיניקן „פריי־ליבע"־לעבן אַ שיין יידיש מיידל און אַ גאַנצע יידישע פאַמיליע. דאָס

מיידל נעמט זיך דאָס לעבן און דער „העלד" ווערט ווידער אַ „ייד", מיט יענע נייע יידישע אידייען, צו וועלכע איך האָב זיך דערטראַכט.

ער בלייבט אַ רעוואָלוציאָנער, אָבער שוין אַ יידישער און רופט דאָס גאַנצע פאָלק צו דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, כדי

„דעם קאָפּ אַ הייב טאָן שטאָלץ און פריי;
די גבורה ווייזן אויף דאָס ניי,
און אין דעם בלוט פון אונדזערע שונאים
פאַרטרינקען אונדזער בושת פנים".

אַ היפּש ביסל איינצלנע עפּיזאָדן זיינען שוין געווען אָנגעוואָרפן, אייניקע אויך באַאַרבעט. קיין גרינגע אַרבעט איז דאָס ניט געווען. די פאַרשיידענע פּסיכאָלאָגיעס פון דער אַלטער און דער נייער וועלט האָבן געמוזט אַרויסגעבראַכט ווערן בולט קינסטלעריש און דער פּראָפּאַגאַנדיס-טישער „מוסר השכל" האָט געדאַרפט אַרויסבליען פון זיך אַליין. און דאָ גיי, באַברע זיך מיט דעם ריטם און די גראַמען!

די גאַנצע אַרבעט איז פאַרלוירן געגאַנגען. אין מיינע כתבים-רעשטלעך פון יענער צייט האָב איך דערווייל געפונען נאָר איינצלנע צעשטרייטע בלעטלעך, — אָן אַ ברעקל ווערט, — און אין קאָפּ זיינען פאַרבליבן נאָר איינצלנע אָפּגעריסענע פערזן.

אַזוי, צום ביישפּיל, דער אָנהייב, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אַ יידישן שטעטעלע:

„פאַרמאַכט די קראָמען, שטום די גאַסן,
די שטעטל קלייבט זיך שוין צו רו.
מען שליסט די לאָדנס איילק צו".

(צו די „גאַסן" האָט זיך געגראַמט „פּאַסן" פון דעם לבנה-שיין).

איך געדענק אויך, אַז עס איז געווען כמעט איינגאַנצן אויסגעאַר-בעט אַ בריוו, וואָס דער „העלד" האָט געשריבן צו זיינע עלטערן, וואו עס האָט געהייסן:

„איר האָט מיך קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען.
ניט מיינט: מיין ליבע צו „איוואַנען"
האָט שוין אַזוי מיין גליק פאַרבלענדט
אַז . . . "

אַז ער זעט גאַרניט, וואָס פאַר אַ צער ער טוט דערמיט אָן זיי, זיינע געליבטע. דער גראַם צו „פאַרבלענדט" איז געווען „די הענט", אָבער ווען און אין וואָס פאַר אַ שייכות, געדענק איך ניט.

עס קלינגט נאָך קלאָר אין קאָפּ אַ פּערז פון דעם העלדס אַ רעדע, אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע, מיט דער קריטיק פון יענע „רופאים", וואָס ווילן מיט „וועסערלעך" היילן די וואונדן פון דער מענטשהייט:

„קראַנק איז אונדזער צייט:
קראַנק די גאַנצע תקופה.
ווייס דען פון די רופאים ווער
איצט פאַר איר אַ תרופה?"

און אַ חוץ דעם דאָזיקן ראָמאַן, האָב איך געשריבן שירים אין רוסיש און יידיש, און אויך גאַנץ לאַנגע ריין טעאָרעטישע באַמערקונגען (דורכ־אויס אין רוסיש), וואָס האָבן מיר געהאָלפן פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די טעאָרעטישע פּלאָנטערס.

יידישע שירים האָבן זיך אָנגעקליבן אַ היפּשע צאָל, און איך האָב שוין געטראַכט אַרויסצוגעבן זיי אין אַ באַזונדער ביכל. עס איז שוין געווען אָנגעשריבן דאָס ערשטע אַריינפיר־ליד — וואָס האָט זיך אָנגעהויבן:

„אַט וועלן מיינע לידער אומפליען און וואַנדלען
און אין דעם מענטשנס האַרצן זוכן זיך אַ וועג,
ווי, פון נעסט פאַרטריבן, טייבעלעך־יתומים,
פול מיט צער און עלנט, עלנט אָן אַ ברעג".

און געלט אויף אַרויסצוגעבן וואָלט קיין מניעה ניט געווען, און וועגן דער צענזור האָב איך אויך ניט געטראַכט. פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ רוסישער צענזור וואָלטן זיי, אין יענער צייט, געווען אַבסאָלוט כשר. און אַז די יידישע צענזור האָט געהאַט אירע מאַסן, — דאָס האָב איך דעמאָלט נאָך ניט געוואוסט.

איך האָב זיי ניט אַרויסגעגעבן, ווייל איך האָב בכלל גענומען שטאַרק מסופק זיין אין מיין אייגענעם פּאָעטישן טאַלאַנט, און מיט וועמען מיישב צו זיין זיך איז ניט געווען.

געלעבט האָב איך דעמאָלט „איינינקער אַליינינקער", אין דעם בוכ־שטאַבלעכן זין פון דעם וואָרט. ניט געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצו־רעדן וועגן אַט די אַלע געדאַנקען און געפילן, וואָס האָבן מיך באַהערשט. אַנסקי איז שוין געווען אָדער אין „דענעבורג" (דווינסק), אָדער אין יעפּרעמאָוו. סאַמואיל גורעוויטש און באָריס ר. — אין ריגע, אין פּאָלי־טעכניקום.

און מיט זיי וואָלט איך גאָר ניט גערעדט וועגן מיינע יידישע זאַכן. באָריס ר. וואָלט, מיט די שאַרפע האַקמעסערס פון זיין סאַרקאַסטישע־

לאָגיק געמאַכט פון אַלע מיינע טעאָריעס אַן אמתן „קלאַפּס". סאַמואיל וואָלט דעם „קלאַפּס" באַגאַסן מיט אַ לייכטן הומאָריסטישן סאָוס, ניט אויף צו געניסן, נאָר אויף אַרויסצוגיסן. און שלמה זאַוול וואָלט געקוקט אויף מיר מיט טרויעריקע אויגן, פול טרערן.

יענע איינזאַמקייט האָט מיך ניט פאַרדראָסן. אדרבה: זי איז מיר ליב געוואָרן, און איז פון דעמאָלט אַן געוואָרן איינע פון די דריי זיילן פון מיין אייגענער, ריין פּריוואַטער „א־מו־נה" (ראשי תיבות פון: „איינזאַמקייט, מוזיק, נאַטור").

לויט מיין אייגענעם גזר־דין, האָב איך באַשלאָסן, אָפּצואוואַרטן מיט דער פאַרעפנטלעכונג פון מיינע שירים.

איצטער פאַרדריסט מיך דאָס. דאָס איז געווען די צייט נאָך פון פאַר פּרצן, יהואָשן און פרוגן. אמת, איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז קיין פּאָעטישער טאַלאַנט איז אין זיי ניטאָ. און ס'איז טאַקע ניט געווען. גאָר אַ פּשוטע ראיה: אויב זיי וואָלטן פאַרמאָגט פּאָעטישן טאַלאַנט, וואָלט איך דאָך אים אַוודאי געהאַט. און אויב איך וואָלט אים פאַרמאָגט, וואָלט דאָך פון מיר געוואָרן אַ פּאָעט און ניט קיין פּובליציסט. אָבער, אויב זיי האָבן אפילו ניט פאַרמאָגט קיין פּאָעטישן טאַלאַנט, איז אין זיי געווען עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט אין יענער צייט געווען אָרי־גינעל (אין יידיש) און אפשר ניט גאָר אָן אַ ווערט פאַר דעם אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

זיי וואָלטן געווען אָריגינעל, לויט דער ערנסטער באַציאונג צו דער שפּראַך, און לויט די גאַנץ נייע טעמעס וואָס זיינען דעמאָלט אין זיי צום ערשטן מאָל באַהאַנדלט געוואָרן אין יידיש.

אגב, וויל איך באַמערקן, אַז אַסך־אַסך שפּעטער האָט דוד פּינסקי. פאַר זיין אַוועקפאָר קיין אַמעריקע, גענומען ביי מיר איינס פון די נאָך פאַרבליבענע לידלעך פון יענער צייט. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר ראוי אָפּגעדרוקט צו ווערן און האָט דאָס ערגעץ־וואו אָפּגעדרוקט.

איך וויל דאָ ברענגען אַ פּאָר פון יענע שירים, ווייל זיי וואַרפן אַ שיין אויף מיינע געדאַנקען אין יענער צייט, ווי אויך אויף דעם גראַד אין וועלכן די יידישע שפּראַך איז ביי מיר ווידער אויפגעלעבט געוואָרן.

1. — הטיח דברים כלפי מעלה

„דעם בעכער פון צרות, פון צער און יסורים,
האָבן מיר שוין געטרונקען אַוודאי רוב כּוס . . .
נו, גאָט, אונדזער גאָט! וואו זיינען דען דיינע דיבורים?
נאָך אַלץ ניט גענוג דיר? נאָך ווייניק דיר דאָס?

דער בעכער, די גרייס, ווי דער יידישער גלות,
פול מיט גאַל און מיט גיפט און מיט בלוט . . .
עס וואַקסן אין האַרץ ביי אונדז ספקות חיילות,
וואָס זויגן ארויס אונדזער מוט.

יעדן טאָג פאַלן אָפּ פון אונדז אונדזערע קינדער:
זיי דאַרפן צום וואַקסן געזינטערע זאַפט.
הער זיך צו: אויף אונדז קלינגען די שקלאַפּישע קייטן,
מיר ברומען פאַר ווייטיק און . . . לויבן דיין קראַפט . . . ״

2. — דער איצטיקער פּאַרנאַס

„אַן אַסיען־נאַכט. עס ציט זיך יעדע רגע.
מיין לעבן איז, ווי די פאַרפלוכטע נאַכט,
אויך שוואַרץ און קאַלט. עס שלעפּט זיך יעדער חודש,
פאַרחושכט שוואַך און טרויעריק פאַרטראַכט.
מיין מוזע קומט, פאַרוויקלט אין אַ שאַליק,
און לאָזט די טיכל ניט אַרויס פון האַנט.
זי הוסט און ניסט און איז אין גאַנצן ברוגז
אויף מיין פּאַעטישן טאַלאַנט.
‚ניט נעם זיך איבער! אַלע אַלטע געטער
פאַרפראָרן זיצן אויף דעם קאַלטן אַס
(אַש מיט אַ סמך!)
פון זייער פריערדיקער גדולה.
ס׳פאַרנעמט די האַרץ, צו זען דעם פּאַרנאַס!
נאָר איין מערקור פירט איצט די רעדל.
רויט ווי אַ פּאַניע, הויך און גראָב,
פליט ער אַרום אין אַלע זייטן
און רויבט אַוועק דעם אַנדערנס האָב.
אַלץ פאַרוועלקט, פאַרלירט דעם פּנים,
אַ דאַנק זיין שמחה, דורך זיין גיפט.
אַ יעדע האַרץ מיט בלוט באַגאָסן,
אַ יעדע אויג מיט טרערן טריפט.
גאָט אַפּאַלאָנען צאָלט ער שכירות
און פאָדערט חניפות אָן אַ שיר.

די שענסטע מוזעס, מיינע שוועסטער,
פאַרדינגט ער זינגען אין טראַקטיר.
צערערע דאָרט פון אים. פאַרוויסטעט
געוואָרן איז אי פעלד, אי טאָל,
און אָן אַ נאָז, — אַלץ אים צו דאַנקען! —
צעפוילט וועגנערע אין שפּיטאָל.
נאָר באַכוס שיכורט, ווי אַ פויער,
און צאָלט אַקציז פאַר יעדן טראָפּן וויין.
און איך . . . איך שטאַרב פון איין געדאַנקען,
וואָס איך מוז, נעבעך, אייביק זיין.
נאָר איך אַליין וויל בלייבן זויבער
און מיט זיך האַנדלען ניט געפּרואווט . . .
ניין, ניט פאַר אונדזער האַרץ און לונגען —
מערקורס פאַרשטיקטע שווערע לופט."

(**פאַר די לעזער מיינע, וואָס זיינען ניט באַהאַוונט אין דער גרי־כישער געטער־וועלט, דאַרף דאָ דערקלערט ווערן, אַז מערקור איז דער גאָט** פון מסחר; אַפּאָלאָן — **פון דער פּאָעזיע**; צערערע — **די געטין פון אַלע גערעטענישן אין דער נאַטור**; וועגנערע — **פון דער** שיינקייט און ליבע; באַכוס — **פון שיכרות).**

אין אַ גרעסערער **פּאָעמע** (**מיט אַן אומרעגלמעסיקן ריטם), וואָס באַ־שרייבט, ווי פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט דער סאָציאַליסטישער צוקונפטס־אידעאַל, אָבער פון וועלכער ביי מיר איז פאַרבליבן נאָר איין בלעטל, געפין איך אַזעלכע, ווי מיר דוכט, כאַראַקטעריסטישע שורות:**

„קאַצאַפּ איז דאָרט מיינער אַ ברודער;
דער טאַטער — אַ שוועסטער קינד,
און אַלע פעלקער אין איינעם —
איין גרויסע — גרויסע געזינד.
זיי זיצן איעדער און מעלקן
נאַטור, די מעלקיקע קו;
און זופּן פון גרויסע שיסלען
אין שטאַטיק און אין רו".

וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסברענגען אין אָט דער סאַטירע, געדענק איך ניט. מיר גלייבט זיך ניט, **דאָס זאָל האָבן געווען אַ קריטיק אויף**

דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן סאָציאַליזם בכלל. גיכער — אַ קריטיק אויף דעם הערשנדיקן סאָציאַליזם. נאָר — ווער ווייס ? אפשר האָבן אין יענע שווערע צייטן געדיכטע וואָלקנס אַמאָל פאַרשטעלט אויך אָט די שטענדיקע זון פון מיין באַוואוסטזיניקן לעבן. און אפשר — סתם אַזוי : זעלבסט־איראָניע.

איך געדענק, עס איז אויך געווען אַ ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער סטראָפע :

„אויף מיין לאַנגן היסטאָרישן וועג
האָב איך שוין כמעט אַלץ פאַרגעסן.
ווי צו ליבן נאַטור, ווי צו דינען דער ערד,
ווי צו אַקערן, זייען און דרעסן״.

(דרעשן מיט אַ סמך !).

און נאָך אַ ליד, געווידמעט צו די „יודאָפילן״, ווענדט זיך צו זיי דאָס פאָלק :

„ווער בעט אייך די טובה, צו לויבן מיין פאַרב,
די ראָזעווע פאַרב אין מיין פּנים ?
ווער בעט אייך דערציילן מיין יחוס, מיין גוטס ?
וואָס טאַנצט איר אַרום מיינע שונאים ?
מיין ראָזעווע פאַרב איז אַ קראַנקהאַפטע פאַרב.
מיין יחוס דאַרף קיינעם ניט אַרן״...

דאָס ליד פאַרענדיקט זיך אַזוי :

„אַי. פריינד, מיינע פריינד ! גלייבט מיר : קראַנק בין איך, קראַנק !
היילט מיך אויס, אַז איר קענט, אָדער לאָזט מיך צופרידן !״

און נאָך אַנדערע ברעקלעך און שטיקלעך באַמבלען זיך אין זיכרון. אויף וויפיל מיר געדענקט זיך, איז די גרעסטע צאָל פון יענע פּרוואוון מיינע געווען דורכגעדרונגען אָדער מיט אַ סאָציאַליסטישן, אָדער מיט אַ נאַציאָנאַל־יידישן, אָדער מיט אַ פאַרשלייערט רעליגיעז־„אַפּיקורסישן״ כאַראַקטער. זיי אַלע זיינען געווען באַרעכנט פאַר אַ לעגאַלער אויסגאַבע, און עס איז ביי מיר באמת ניט געווען קיין ספק אַ לאַנגע צייט, אַז איך האָב אַ פּאָעטישן טאַלאַנט און אַז דער כלי־זיין אין דעם קאַמף פאַר מיינע אידעאַלן וועט זיין — די לירע.

45

דער סוף פון מיין „פּאָעטישער קאַריערע"

די ספּיקות אין מיין פּאָעטישן טאַלאַנט פּלעגן אויפקומען ביי מיר אַלץ עפּטער און עפּטער, מחמת פאַרשיידענע טעמים און אין די פאַרשיידנסטע אומשטענדן.

איך זיץ, צום ביישפּיל, ביים שרייבטיש און אַרבעט געשמאַק אויף מיין „פּאָעמע". קוק איבער אָנגעשריבענע זייטלעך, פאַרריכט, שרייב איבער, טראַכט צו אַ נייעם שטריך, אַ נייעם וואָרט, אַ נייעם גראַם, און האָב אַליין משונהדיק הנאה, וואָס עס גיט זיך איין, און, — דער עיקר, — וואָס דערביי שווימען אַרויף פון זיך אַליין יידישע ווערטער, וואָס איך האָב, דוכט מיר, אַליין ניט געוואוסט פון זיי. אין אַ געגראַמטן שמועס זינגט איינער: „שוין לאַנג זיך ניט באַגעגנט!" און אין אַ פּאָר סטראָפן אַרום דערציילט דער אַנדערער: „אַזוינס נאָך ניט געווען אין אונדזער געגנט" . . . „געגנט!" — געוויס, אַ יידיש וואָרט . . . „באַגעגנט — געגנט" . . . פּראַכטפול!

אָבער אָט זיינען אַ פּאָר זייטלעך זייער ניט „דאָסיק". טויגן לגמרי ניט. מוזן אינגאַנצן איבערגעשריבן ווערן פון דאָס ניי. „דאָס" דאַרף גאָר גיין אין אַ שווערן „אנאַפּעסט", און ניט אין אַזעלכע גרינגע, בלייכע „כאָרעיען".

איך וועל זיך בעסער דורכגיין אין דרויסן, אַרומטראַכטן. איך שפּאַציר אַרום, טראַכט דורך, און אין אַ ווײַלע אַרום באַמערק איך, אַז — וואו? מיינע געדאַנקען זיינען שוין ווייט־ווייט פון דעם ענין און פון דער „פּאָעמע". זיי שטעקן ערגעץ טיף אין אַ טעאָרעטישן פּראָבלעם און גראָבן זיך אין אים אַלץ טיפער און טיפער.

אָדער איך טראַכט וועגן איינדרוקן פון לעבן, אָבער ניט ווי אַ קינסטלער, וואָס נעמט זיי ווי זיי זיינען, און וויל נאָר „רעטושירן" זיי, כדי בולטער צו מאַכן זייער תוך. איך טראַכט וועגן זיי, ווי אַ פּובליציסט, אַמאָל מיט כעס, אַמאָל מיט שפּאָט און נאָך עפּטער פאַר אַלץ, ווי אַ טעאָרעטיקער, וואָס וויל וויסן, פאַרוואָס זיי זיינען אַזוי, ווי זיי זיינען.

און עס וואַקסן גאָר אַרויס פּלענער וועגן ריין טעאָרעטישע פאַר־שונגען, ווייל דער איצטיקער מעמד פון דער טעאָריע וועגן דעם אָדער יענעם ענין גיט מיר ניט קיין תירוץ מספיק אויף די אַרויפגעשוואומענע שאלות.

אין אַט דעם „וואַלד־גאַנג" פון געדאַנקען זיינען די פּאָעטישע אויפ־גאַבן ערגעץ־וואו פאַרשוואונדן: פונאַנדערגעשלאָגן געוואָרן, ווי לייכטער שוים.

איינמאָל אַזוי און צוויי מאָל אַזוי. איך האָב גענומען זיך אַליין „טשאַטעווען" אין אַט דעם פּרט. לסוף האָב איך אויסגעפונען, אַז איך בין אַ „פּאָעט" נאָר, ווען איך זיץ ביים שרייבטיש און „האַלט די לירע אין דער האַנט" און וואַרט אויף דער „מוזע". און אַז מיין „מוזע" אַליין האָט, משמעות, איר וואוינאָרט ניט אין מיר, נאָר אין מיין טינטער, און אַז איך מוז זי תמיד שטורכען מיט דער פּען, זי זאָל מיך מזכה זיין מיט אַ פּאָעטישן איינפאַל.

אויך האָב איך באַמערקט, אַז אַרום קאָפּ פלעגט ווערן וואָרעם ניט פון פּאָעטישע חזיונות, נאָר פון טעאָרעטישע רעיונות. בין איך, הייסט עס, גאָרניט קיין פּאָעט, נאָר אַ פּובליציסט, מיט אַ שטאַרקער נטיה צו אַן אייגענעם טעאָרעטישן שאַפן, — אויב דאַרויף וועט כאַפּן גענוג פול־ווער. הײַנט — צו וואָס אַוועקגעבן אַזויפיל צייט און מי אויף אויפגאַבן, וואָס זיינען העכער פאַר מיינע כוחות? פאַרוואָס ניט לאָזן מיין „מוזע" רואיק איינשלאָפן דאָרטן, וואו זי איז: אין מיין טינטער?

האָט מיך דער דאָזיקער געדאַנק שטאַרק מצער געווען? — אויף וויפיל מיר געדענקט זיך: ניט אַ ברעקל. מיין פּערזענלעכן אידעאַל, דעם אידעאַל פון דעם גליקלעכסטן צושטאַנד אין דעם אייגענעם לעבן, האָב איך דעמאָלט געפונען, — און איך שעץ אים זייער הויך ביז אויף דעם היינטיקן טאָג — אין לערמאָנטאָווס אַ וואונדערבאַרן שיר, וועלכן איך וועל קיינמאָל ניט אויפהערן צו ליבן: דעם „וויכאַזשו אָדין יאַ נאַ דאָראָגו" („איך גיי אין וועג אַרויס אַליין". איך שטעל דעם טראָפּ אויף דעם „אַליין"). ווי לערמאָנטאָוו אין יענעם שיר, וואָלט איך אויך געוואָלט פאַרגעסן זיך אין שלאָף, „נאָר ניט אין קאַלטן שלאָף פון קבר". איך איך וואָלט געוואָלט ליגן „איינינקער־אַליינינקער" אונטער אַן אייביק גרי־נעם דעמב, וואָס בייגט זיך איבער מיר און רוישט, הערן זיסע קלאַנגען פון מוזיק, פילן אין זיך דאָס ציטערן פון אַלע לעבנס־כוחות און „אין שטילן אָטעמען זיך הייבן זאָל די ברוסט". ניטאָ, זאָג איך אייך, קיין טיפערער גליק־צושטאַנד, ווי אָט־אָ־דער!

פאַר אים וואָלט איך מוחל געווען אַלע תענוגים פון שאַפונגען און אַרבעטן שבעולם: פון די פּאָעטישע, ווי פון די טעאָרעטישע. די מעשה איז אָבער, וואָס גליק אין לעבען איז ניט אַלץ. די טשערנישעווסקיס, ווי די „אוטיליטאַריסטן" בכלל, האָבן געמאַכט אַ גרויסן טעות, ווען זיי האָבן געמיינט, אַז אין אַלע זיינע שטרעבונגען, יאָגט זיך דער מענטש נאָך גליק. עס זיינען דאָ אַנדערע זאַכן, צו וועלכע דער מענטש שטרעבט, להיפּוך צו זיין אייגענעם גליק.

צו וואָס איך שטרעב, איז מיר קלאָר: איך וויל דינען די אידעאַלן פון דעם אַלגעמיין-מענטשלעכן פּראָגרעס, אין די גרענעצן פון מיין אייגע־נעם פאָלקס-לעבן. איך וויל מיין פאָלק זאָל ווידער „דעם קאָפּ אַ הייב טאָן שטאָלץ און פריי". אַט דער אַרבעט געהערט מיין לעבן. איז — מאי נפקא מינה, ווי אַזוי אַט די אַרבעט וועט געטאָן ווערן? אין גראַ־מען, צי אָן גראַמען, מיט חזיונות, צי מיט רעיונות? איז — זיי געזונט, מוזע! שלאָף רואיק אין מיין טינטן־פאַס!

אָבער, משמעות, אַז ערגעץ-וואו האָט אין מיר פאָרט געעגבערט די אומצופרידנקייט, דער פאַרדראָס, וואָס פאַר מיין קאָפּ איז ניט געווען אַנגעגרייט משׁשת ימי בראשית קיין פּאָעטישער לאָרבער־קראַנץ.

שירים האָב איך ניט אויפגעהערט צו שרייבן, מיט דעם תירוץ פאַר זיך אַליין, אַז דאָס איז „גלאַט אַזוי", צום צייט־פאַרטרייב. און עט־לעכע מאָל האָב איך אין הומאָריסטישע לידער באַקלאָגט זיך אויף דעם גורל, וואָס איך מוז, נעבעך, פאַרלאָזן דעם „פּאַרנאַס", אָדער געטרייסט זיך אַליין, איך זאָל דאָס ניט נעמען צו שטאַרק צום האַרצן.

אין איין רוסישן ליד האָב איך „באַזונגען", ווי אַזוי אַפּאָלאָן פאַ־דערט מיך אויף, לויט פּושקינס באַקאַנטער פּאָעמע, צו „דעם הייליקן קרבן": און ווי נאָר איך צינד אָן דעם הייליקן פייער, אַזוי הייבט אָן אַלץ אין מיר און אַרום מיר צו ברענען ווי אין אַ שריפה. די לעצטע פאַר פערזן אין יידישער איבערזעצונג לייענען זיך אומגעפער אַזוי:

„עס ברענט דער געדאַנק. עס ברענען די אויגאַנעס מיט דעם וואונדערלעכן גלאַנץ פון באַגייסטערונג. אפילו דאָס נאַרישע פּאַפּיר צינדט זיך אָן אין אַ רגע. אַט דערפאַר טאַקע בין איך אַזוי ווייניק באַקאַנט צווישן די זינגער, וואָס די בעסטע שאַפונגען זיינען אין זייער אייגענעם פייער פאַרברענט געוואָרן".

אין אַן אַנדער ליד האָב איך אויף זיך מצדיק געווען דעם דין, וואָס מען האָט מיר פון אויבן ניט געגעבן קיין פּאָעטישן טאַלאַנט. ווייל אויב

מען וואָלט מיר אים געגעבן, וואָלט, חלילה, געווען אַ סכנה פאַר דעם גאַנצן באַשאַף. דאָס ליד האָט זיך געענדיקט מיט די פאַר שורות:

„נו, האָבן די געטער מיך מיט אַ כיוון באַוואָלט, איך זאָל מיט מיין מעכטיקער האַנט ניט כאַפּן קיין שטערן פון הימל און ניט אַריינקוועטשן זיי אין הילכיקע שורות״.

דער הרגל צו שרייבן שירים אין יידיש איז מיר אָבער שטאַרק צוניץ געקומען. עס האָט געוועקט אין מיר די געוועזט איינגעשלאָפענע יידישע שפּראַך און האָט, אַזוי צו זאָגן, געמאַכט בייגעוודיקער און פלינקער אירע פאַרשטייפטע מוסקלען. אויך אַ דירעקטער נוצן איז דערפון אַרויס: איך האָב געגומען נאָך מער ווי פריער אַרבעטן אויף איבערזעצונגען. אייניקע פון זיי זיינען שפּעטער געווען געדרוקט און האָבן געטאָן זייער עניוותדיקן דינסט אין דעם קאַמף פאַר דער יידישער באַפרייאונג. צ״ב: פריודאָמס „דער חלום״ און היינעס „שקלאַוון שיף״, מיט וועלכע איך האָב דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין דעם פּרט פון מייסטערן די שפּראַך האָבן די איבערזעצונגען געהאַט נאָך אַ באַזונדער מעלה איבער די אייגענע שאַפונגען. אין די אָריגינעלע שירים האָב איך אָפּטמאָל ניט געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן, נאָר דאָס וואָס עס האָט זיך געלאָזט זאָגן, סיי אַ דאַנק די שוואַכע כוחות פון דעם טאַלאַנט, סיי מחמת דעם קאַרגן וואָרט־אוצר פון דער שפּראַך. ניט זעלטן פלעגט אַ גראַם אָוועקפירן דעם געדאַנק אויף גאַנץ אַנדערע וועגן.

מיט איבערזעצונגען האָבן אַזעלכע פליאַדערס ניט געקאָנט אַנגיין. דאָ האָט מען געמוזט צווינגען די אייגענע שפּראַך־קענטעניש אַרויפצוקלעטערן אויף דער הייך פון דעם אָריגינאַל. און ווען דאָס פלעגט זיך איינגעבן, פלעגט דאָס ברענגען אַן אמתן נחת־רוח; ניט נאָר די פרייד פון דער געראָטענער אייגענער שאַפונג, נאָר אויך די נאָך גרעסערע פרייד: די פולסטע זיכערקייט אין די כוחות פון דעם געליבטן לשון, אָט טאָקע פון דעם „זשאַרגאָן״, אין וועלכן „מען קאָן קיין איין איינציקן לייטישן געדאַנק ניט אויסדריקן״.

ווי ווייט זיינען מיר איצטער פון יענער צייט! איצטער, ווען איך האָב אין קאָוונע, פון פריינט שטערן, שוין געהאַט דעם אמתן תענוג צו הערן פון מאַנוסקריפּט אַן אמת גוטע איבערזעצונג פון אַזאַ רייכער קלאַסישער זאַך, ווי דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע״!

עד היום בין איך נאָך ניט פריי פון דעם געדאַנק, גיכער דעם וואונטש, אַז יעדער גרויסער יידישער פּאָעט וואָלט געדאַרפט נעמען אויף

זיך אַ נדר, איבערצוזעצן אין יידיש אַ גרויס קלאַסיש ווערק, אַ געטעס „פאַוסט", אַ האָמערס „אָדיסעיע" און „איליאַדע", — די לעצטערע טאַקע אין העקסאַמעטערן, טאַקע מיט אַלע צונויפגעפלאָכטענע עפּיטעטן און דווקא אין אַ ריין־ריינעם יידיש.

דאָס וואָלט ניט נאָר געווען אַ באַרייכערונג פון אונדזער אַלמענטש־לעכער קולטור, נאָר אויך אַ באַרייכערונג פון אונדזער לשון, וואָס איז נאָך ניט אַרויס פון זיין גלענצענדיק שיינער יוגנט, און וואָס דאַרף באַלד ווערן אַ „בן שלושים לגבורה".

די הויכע ווערט־שאַצונג פון איבערזעצונגען האָט זיכער געשפּילט אַ ראָלע אויך אין דער פאַרשאַרפונג פון יענעם שטריך אין מיין „יידישיזם", וועלכן מען האָט שפּעטער פאַרשריען ווי אַ ריין „פאָרמאַליסטישן". דאָס הייסט: דעם „יידישיזם" אַרט אַ ברעקל ניט דער אינהאַלט פון יענער קולטור, וואָס דאַרף שפּייזן די יידישע נשמה. דער עיקר איז „די לידיקע כלי", דער „פוסטער ארון קודש", די שפּראַך אין זיך גופא, — אַלץ איינס, וואָס מען זאָל ניט אַרויסברענגען אין איר.

דאָ קאָן איך ניט אויפנעמען דעם פּראָבלעם אין זיין גאַנצן פּרינ־ציפּיעלן באַטייט. איך קאָן אים נאָר באַרירן אין די גרענעצן פון זכרונות וועגן אַ באַשטימטער צייט פון מיין לעבן. מוז איך טאַקע דאָ מודה זיין, אַז וועגן אַ ריין יידיש־גייסטיקן אינהאַלט פון דער יידישער קולטור, וועגן אַן „אייגענעם וועג" אין אונדזער קולטורעלער אַנטוויקלונג, וועגן אַ ריין־יידישער „אָריגינאַליטעט", האָט מיך דעמאָלט אַ ברעקל ניט געאַרט. ניט אין דעם איז דאָס ביי מיר געגאַנגען. נאָר צוויי זאַכן האָב איך דעמאָלט דערוואַרט פון יידיש און פאַרבונדן מיט דעם „יידישיזם".

איין זאַך האָב איך שוין באַרירט פריער אַמאָל: אונדזער חוב און די גרויסע נויט, צוצופירן אונדזער פאָלק צו דער אַלגעמיין מענטש־לעכער־קולטור און געבן אים די מעגלעכקייט, צו נעמען אַ טעטיקן אָנ־טייל אין דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס. צוצופירן דאָס פאָלק צו דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, הייסט, פון אַ נאַציאָנאַלן שטאַנד־פּונקט געזען, אַריינפירן אַלע וויכטיקע אוצרות פון דער אַלגעמיין־מענטש־לעכער קולטור אין דעם פאָלקס שייערן, אָנזאַפּן מיט זיי דעם פאָלקס גייסטיקע ספערע, אַריינגיסן זיי אין דעם פאָלקס „לידיקער כלי" און „פוסטן ארון קודש", אין דיין אייגענער שפּראַך.

שמעקט דאָס מיט ריינעם פאָרמאַליזם? מיר דוכט: בשום אופן ניט. מיר דוכט, אַז די אייראָפּייאישע וויסנשאַפטן, די אייראָפּייאישע פילאָסאָפיע,

די אייראָפּייאישע פּאָעזיע, — פון אַלט־גריכנלאַנד ביז נייַ־רוסלאַנד, — איז אַ נישקשהדיקער אינהאַלט פאַר דער קולטור־ספּערע פון אַ מאָדערנעם פאָלק. הלוואי האָבן מיר געגוג „ליידיקע כלים", אָנצופילן זיי מיט אָט די גוואַלטיק רייכע אוצרות.

אָבער אויך נאָך אַ מאָמענט איז מיר קלאָר געוואָרן וועגן דעם באַטייט פון דער יידישער שפּראַך גראָד פאַר אונדזער פאָלק, — קלאָר געוואָרן גראָד דעמאָלט, ווען איך האָב מיך געטראָגן אין דער געדאַנקען־ליניע, אין וועלכער מיך האָט אַ שטויס געטאָן מאָיסעי אַבראַמאָוויטש גראָד מיט זיין ביטולדיקן אָפּרוף וועגן דעם „זשאַרגאָן". דאָס האָט אויך אַ שייכות צו דעם ענין „איבערזעצונגען".

אָפּט פלעג איך מיך מוזן פרעגן: „וואָס איז דאָ אַזוינס מיט מיר געשען?" איך מיין, וואָס האָט דאָ אַזוינס געפירט דערצו, וואָס אַ יידישער יינגל, חיים יאָשעס, אַן אויסגעוויקטער אין דעם יידישן לעבן, אַן אויסגעבונדענער מיט יידישע מענטשן, זאָגט זיך אָפּ פון זיין פאָלק, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ „יעפים אָסיפּאָוויטש" און ווערט דיר פלוצלונג גאָר אַ „רוס"?

ווי אַזוי דאָס איז געשען, — דאָס האָב איך באַשריבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. אָבער אין וואָס איז געלעגן דער עיקר ענין, וואָס האָט דאָס מעגלעך געמאַכט?

געוויס: די פּראָגרעסיווע אידייען און אידעאַלן פון דער צייט, די רוסישע פּראָגרעסיווע ליטעראַטור, די טשערנישעווסקיס און די פּיסאַריעווס. אָבער גראָד אין אָט די פּראָגרעסיווע אידייען און אידעאַלן האָבן דאָך גאָר אַ גרויסע ראָלע געשפּילט אויך יידן, — און נאָך וועלכע! אַ בערנע, אַ היינע, אַ לאַסאַל, אַ מאַרקס.

באַקומט זיך דאָ אַ גאָר אויסטערליש משונהדיקער פּאַראַדאָקס. ווייל די יידן בערנע, היינע, מאַרקס און לאַסאַל האָבן געשריבן אין דייטש, בין איך, דער ייד, חיים יאָשעס, געוואָרן אַ . . . רוס!

וואָלט אַזאַ זאַך מעגלעך געווען, ווען איך וואָלט זייערע שריפטן געלייענט ניט אין רוסיש, נאָר אין יידיש? וואָלט אַזאַ זאַך מעגלעך געווען, ווען אונדזערע משכילים און אונדזער ראַדיקאַלע אינטעליגענציע, וואָלט אָנשטאָט צו רעדן צום פאָלק אין רוסיש אָדער העברעאיש, גערעדט צו אונדז אַלעמען אין יידיש?

וואָלט דאָס אַנטליפן פון דער יידישער אינטעליגענציע געווען מעגלעך, ווען מיר וואָלטן אויסגענוצט אונדזער פאַקטישע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט אין די פּעדאַגאָגישע ענינים, — אונדזערע חדרים און

אונדזערע ישיבות, — כדי אָנצופּילן די מוחות פון די תלמידים מיט אַן אַלגעמיין מענטשלעכן אינהאַלט? ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ רייכע ליטע־ראַטור אין דער יידישער שפּראַך? און פאַרוואָס דווקא „אַן אייגענע"? וואָס אַרט מיך, אַז איר גרעסטער טייל וואָלט באַשטאַנען דורכאויס פון איבערזעצונגען?

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס מיר וואָלטן די אַלגעמיין־מענטשלעכע אידייען און אידעאַלן אויפגענומען אין זיך אין דער יידישער שפּראַך, וואָלט געמאַכט אוממעגלעך מיר זאָלן „אַנטלויפן", מיר זאָלן אויפהערן צו זיין יידן און זיך באַטראַכטן נאָר פאַר „רוסן".

דעמאָלט וואָלט קיינער זיך ניט געדאַרפט מאַטערן, ביז ער וועט פאַלן אויפן שכל, אַז זיין אויפגאַבע איז אויסצוקעמפן דעם טריאומף פאַר די פּראָגרעסיווע אידעאַלן קודם כל אין דעם לעבן פון דעם אייגענעם פאָלק.

אַי מען דאַרף דאָך דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, וואָס מוזן שטודירן אין די רוסישע אוניווערסיטעטן? איז־וואָס? ווייניק האָבן מיר פּויל־שע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן דאָרטן געשטודירט און האָבן פונדעסטוועגן ניט פאַרלוירן זייער צובונד צו דעם אייגענעם פאָלק און דער אייגענער שפּראַך? פאַרוואָס האָבן זיי זיך ניט אַסימילירט, ווי מיר? פאַרוואָס האָבן די פּוילן זייער אייגענע פּוילישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג?

אַלץ טאַקע די אייגענע מעשה. די פּוילישע קולטור־ספערע אין דער פּוילישער שפּראַך האָט דאָס אויפגעטאָן. און דאָס איז דער וועג, אויף וועלכן אויך מיר מוזן גיין.

אָט די אַלע געדאַנקען האָבן געפירט צו אַ גאַנץ אַנדער בליק אויף דעם מהות פון דער יידנפראַגע אין רוסלאַנד. אין דער ערשטער ליניע איז דאָס אַ פראַגע פון דעם אינעווייניקסטן נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון ווי־דער־אויפלעב. און אין דער צווייטער ליניע איז דאָס אַ פראַגע פון יענע דרויסנלעכע רעכטן, וואָס זאָלן ניט נאָר שטערן, נאָר דירעקט העלפן דעם דאָזיקן ווידעראויפלעב.

אָט מיט די, שוין אינגאַנצן אויסגעצייטיקטע נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווע גרונט־פּרינציפּן, בין איך, אַרום דער זעלביקער צייט, אַריינגעטראָטן אין זייער נאָענטע באַציאונגען צו אַ פּאָר רוסישע רעוואָלוציאָנערן און איך בין שפּעטער צוגעשטאַנען צו זייער „קרייזל".

46

נייע פריינט אין אונדזער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג

נייע מענטשן האָבן זיך אין יענעם פרי־ווינטער (1884) באַוויזן אין וויטעבסק. דאָס איז געווען אַ יוגנט, וואָס האָט זיך דירעקט אָדער אומדירעקט באַטייליקט אין דעם רעוואָלוציאָנערן „נאַראָדאָוואָלישן" קאַמף, און האָט שוין געהאַט הינטער זיך, ווער אַ גרעסערן, ווער אַ קלענערן, „סטאַזש" אין דער פאָרם פון אַזויפיל און אַזויפיל צייט תפיסה אָדער יאָרן פון שטיין אונטער דער אויפזיכט פון דער פאָליציי. און — מערק־ווירדיק! קיין איין ייד ניט צווישן זיי. אַלץ רוסן אָדער רוסיפיצירטע פוילן.

נעענטער באַקאַנט געוואָרן בין איך מיט אַ פּאָר פון זיי, און די באַקאַנטשאַפט האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט אין אַ טיפער אינטימער פריינטשאַפט. די פּאָר זיינען געווען: אַלעקסאַנדער פאָמיטש דוכאָוויטש און ניקאָלאַי סעוועריאַנאָוויטש לאַכאָוו. שפּעטער איז צוגעקומען לאַכאָווס שוועסטער, וויערא סעוועריאַנאָוונאַ. אַלע דריי — אָריגענעלע פּסיכאָלאָגישע און גייסטיקע פיגורן. דורך זיי בין איך אויך באַקאַנט געוואָרן מיט אַ ראַדיקאַלן שריפטשטעלער, סטוקאַליטש, אַ מיטאַרבעטער פון די „אָטיע־טשעסטווענניאַ זאַפּיסקי"‚ דעם בעסטן זשורנאַל פון אַלע צייטן און לענ־דער, וואָס איז געפירט געוואָרן פון שטשעדרינען, מיכאַיל אָווסקין און יעליסעיעוון. ער, דער זשורנאַל, מיין איך, איז דעמאָלט באמת געווען דער ליבלינג פון דער גאַנצער ראַדיקאַלער און רעוואָלוציאָנערער ריכ־טונג, ווי טשערנישעווסקיס „סאָווריעמעניק" בשעתו.

איך געדענק ניט, ווי אַזוי איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט דוכאָוויטשן. איך געדענק נאָר, אַז גלייך ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט ער מיך געבעטען, איך זאָל אים אויסהעלפן אין לייענען דייטשע געלערנטע שריפטן וועגן באָטאַניק, וועלכע ער האָט געשטודירט צוליב זיין דיסערטאַציע פאַר דער אַגראַרישער „פּיעטראָווסקי־ראַזומאָווסקער אַקאַדעמיע" אין מאָסקווע.

דוכאָוויטש האָט גענומען אָן ערנסטן אָנטייל אין יענעם רעוואָלו־ציאָנערן אויפלעב, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן דער מאָסקווער סטודענט־שאַפט נאָך דעם פונאַנדערפאַל פון דעם ערשטן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון דער נאַראָדאָוואָלישער פּאַרטיי. ער האָט געהערט צו דער צייט און צו דעם קרייז אין וועלכן אויך גאָץ און מינאָר האָבן אָנגעהויבן זייער רעוואָ־לוציאָנערע קאַריערע. אויך דער שפּעטער אַזוי טרויעריק־באַרימט־גע־וואָרענער הויפּט־שפּיאָן זובאַטאָוו האָט פריער זיך אַרומגעדרייט אין דעמ־זעלביקן קרייז. באַזונדערס אויסגעצייכנט האָבן זיך אין אָט דעם אויפ־לעב די סטודענטן פון דער אַגראַרישער אַקאַדעמיע, מיט דוכאָוויטשן, אויב ניט ווי דעם אָנפירער, איז גאַנץ זיכער, ווי איינעם פון די וויכטיק־סטע טוערס.

דער קרייז איז „דורכגעפאַלן". דוכאָוויטשן האָט מען אַרעסטירט, גראָד אין דער צייט, ווען ער האָט געדאַרפט האַלטן זיינע לעצטע עק־זאַמענעס ביים פאַרענדיקן זיין שטודיום. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גראַד פּאָליטישע פרייהייט אין דעם דעמאָלטיקן צאַריסטישן רוסלאַנד, וואָס מען האָט דוכאָוויטשן דערלויבט צו האַלטן אַ טייל פון זיינע עק־זאַמענעס אין דער תפיסה. ווען די אויספאָרשונג וועגן אים האָט זיך פאַרענדיקט, האָט מען אים אַרויסגעשיקט קיין וויטעבסק, אין זיין גע־בורטסשטאָט, אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי, וואו ער האָט געדאַרפט וואַרטן אויף זיין משפט. דער משפט איז אַרויס ערשט אין אַ גרויסער צייט אַרום: פאַרשיקט צו ווערן אין דעם ווייטן, ווייטן צפון סיביר: קיין אָבדאָרסק.

גלייך נאָך זיין קומען קיין וויטעבסק, האָט ער זיך גענומען פאַר דער וויסנשאַפטלעכער דיסערטאַציע, וואָס האָט אים געזאָלט אַריינברענ־גען „דאָס אַקאַדעמישע צייכנדל": אַ מין „זשעטאָן", וועלכן ער האָט געמעגט טראָגן אויפן לאַץ פון זיין ראָק און וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט געוויסע פּריווילעגיעס.

פאַר זיין דיסערטאַציע האָט ער אויסגעקליבן אַ דעמאָלט נאָך ווייי־ניק־אויסגעפאָרשטע באָטאַנישע פראַגע: די ווירקונג פון די פאַרשיידענע שטראַלן פון דעם ספּעקטער אויף דעם וואַקסן פון פלאַנצן. די אַרבעט האָט געדאַרפט זיין אַ רייןָ־עקספּערימענטאַלע. און עס איז באמת געווען צו באַוואונדערן, ווי אַזוי דוכאָוויטש האָט מיט די פּרימיטיווסטע מיטלען איינגעאָרדנט זיינע עקספּערימענטן. זייט אייך משער, אַז אין גאַנץ רוס־לאַנד האָט מען דעמאָלט נאָך ניט געקאָנט קריגן קיין פאַרביקע גלעזער,

וואָס זאָלן געבוי קאָרעספּאָנדירן מיט די פאַרבן פון דעם רעגנבויגן. דוכאָוויטש האָט אַליין געדאַרפט צוטראַכטן אַזעלכע דאָפּלטע גלעזלעך פון איינפאַכן ווייסן גלאָז, וואָס זייערע צווישן־ווענטלעך זאָלן זיין אָנגעפּילט מיט כעמישע וועסערלעך פון די נייטיקע פאַרבן.

אין דער זעלביקער צייט האָט ער אויך געוואָלט פּינקטלעך דער־גיין, וואָס די דייטשע עקספּערימענטאַלע באָטאַניק ווייס שוין וועגן דעם ענין.

איך האָב אים באַדאַרפט אויסהעלפן, דער עיקר אין לייענען מיט אים און איבערזעצן אים די דייטשע טעקסטן. אָבער פאַראייניוועגס פלעגן מיר זיך אויך שוין מיישב זיין וועגן אַ סך פּרטים פון דעם עקספּערימענט.

מיר דוכט, אַז גראָד אָט די אַרבעט זיינע איז געווען דער ערשטער גורם, וואָס האָט געפירט צו אונדזער באַקאַנטשאַפט. עמעצער, אַ גע־מיינשאַפטלעכער באַקאַנטער, האָט געמוזט אים אָנווייזן אויף מיר, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס קען אים אין דעם אָדער יענעם פּרט זיין באַהילפיק. איך האָב זייער וויליק אָנגענומען צו העלפן אים מיט וואָס איך קאָן, אויס אַ ריין־טעאָרעטישן אינטערעס אין דער זאַך.

פאַר אָט דער באַקאַנטשאַפט און אָט דער אַרבעט בחברותא, בין איך באמת דאַנקבאַר דעם גורל. ניט נאָר האָט זי מיך אַרויסגעשלעפּט פון מיין אַבסאָלוטער פאַראיינזאַמטקייט; ניט נאָר האָט זי מיך שפּעטער ווידער צוגעפירט צו דער רוסיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג מיט אירע פּראָבלעמען, נאָר זי האָט, — דורך דער דייטשער פאַך־ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן ביידע געשטודירט, — געשאַרפט מיין אַריינבליק אין יענער לאַבאָראַטאָריע, וואו עס אַרבעט זיך אויס פּינקטלעכע נאַטור־וויסנשאַפט, און געוועקט אין מיר דעם חשק פון צייט צו צייט אַריינצובליקן אין אַזוי־נע לאַבאָראַטאָריעס. אַ דאַנק דעם איז מיין גאַנצער וועלט־באַנעם דורכ־געדרונגען מיט אָט דעם ריין נאַטורוויסנשאַפטלעכן שטריך, וואָס האָט מיך פון זיין זייט געלערנט צו שאַצן די חבלי־לידה פון אַן אמת־וויסנ־שאַפטלעכער פאַרשונג.

מיין אויג האָט זיך ביסלעכווייז איינגעוואוינט צו זען דעם חילוק צווישן אַ וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלטן פאַקט און אַ מער אָדער ווייניקער וואַרשיינלעכער סברה. איך גלייב, אַז איך בין מיט דער צייט געוואָרן אַ שטיקל מבין, פונאַנדערצושיידן צווישן דעם אמתן, וויסנשאַפטלעכן מע־טאָל און דעם געמיש פון סברות מיט ברעקלעך פאַקטן, וואָס איז אָפּגע־ליאַקירט אין אַ וויסנשאַפטלעכער פאַרב.

דאָס האָט מיר שפּעטער זייער פיל געהאָלפן פונאַנדערצוקלייבן זיך אין דעם אַזוי־אָנגערופענעם „וויסנשאַפטלעכן" סאָציאַליזם, ווי אין דעם מאַרקסיזם בכלל.

ביי דער אַרבעט זיינען אויף אונדזערע ליפּן, נאַטירלעך, ניט גע־האַנגען קיין שלעסער. מיר האָבן גערעדט וועגן כּלערליי ענינים. ביס־לעכווייז איז אויך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אַריינגעצויגן געוואָרן אין געשפּרעך. אָבער נאָר ריין טעאָרעטיש. מיר האָבן דאָס גענומען ווי היסטאָריקער, וואָס שמועסן גלאַט אין דער וועלט אַריין וועגן אַ היסטאָ־רישער פּאַסירונג, און וואָס שאַצן אָפּ איר ווערט און באַטייט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן ביידע כּמעט די זעלביקע בליקן אויף דעם ענין. אויך אונדזערע אַלגעמיינע גייסטיקע אינטערעסן האָבן זיך באַוועגט כּמעט אין די זעלביקע ליניעס, — אַ חוץ דער נאַצי־אָנאַלער פראַגע, וואָס איז פאַר דוכאָוויטשן און דעם גאַנצן קרייז זיינעם געווען אַן אַבסאָלוט פרעמד פעלד.

אויך אונדזערע ביכער־זאַמלונגען זיינען געווען פון איין־און־דעמ־זעלביקן גייסט. דוכאָוויטש האָט אין מיין ביבליאָטעק געפונען אַ סך זאַכן, וואָס זיינען אים געווען אומבאַקאַנט און וואָס ער האָט געוואָלט דורכליי־ענען. אַ סך ביכער האָב איך ביי אים געפונען, וואָס האָבן מיך אינ־טערעסירט.

הכלל: וועגן אַ וועלכער עס איז געמיינשאַפטלעכער רעוואָלוציאָ־נערער אַרבעט איז אין דער ערשטער צייט ביי אונדז קיין איין וואָרט ניט געפאַלן.

אין אַט דעם פּרט בין איך געווען זייער צוריקגעהאַלטן און פאָר־זיכטיק. זינט איך האָב מיך אויפגעהערט צו פילן ווי אַ „רוס" און בין געוואָרן אַ ייד, — און נאָר אַ ייד, — איז געבליבן אַזוי ווי הענגען אין דער לופטן די שאלה: „און וואָס איז מיין שייכות צו דער רוסישער רע־וואָלוציע?"

די שאלה איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, ווייל איך האָב ניט געטראַכט וועגן איר. געטראַכט האָב איך גאָר וועגן אַ ריין לעגאַלער, אויפקלערערישער אַרבעט, ווי אַ ייד צווישן יידן, אין דעם גייסט פון דעם געוואונענעם נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון, נאַטירלעך, סאָציאַליסטישן שטאַנד־פּונקט.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען דורכן קאָפּ פליעגט דורכפליען דער גע־דאַנק, גאָר אַוועקצופאָרן קיין גאַליציע. דאָרטן האָב איך דאָך אַלץ, וואָס

איך דאַרף: אי יידן, אי פּאָליטישע פרייהייט מיט אַ פרייער פּרעסע און אַ רעדע־פרייהייט.

די באַקאַנטשאַפט מיט דוכאָוויטשן און זיינע נאָענטסטע פריינד האָבן די שאלה וועגן מיין שייכות צו דער רוסישער רעוואָלוציע געמאַכט אַק־טועל. אָבער גראָד דערפאַר האָט זי אַרויסגערופן אַ טאָפּלטע פאַרזיכט אין מיר. די שאלה האָט זיך גענומען פאַרוואַנדלען אין אַן אַנדערער און אַן ערנסטערער: וואָס האָבן מיר, יידן, צו דערוואַרטן פון דער דאָזיקער רוסישער רעוואָלוציע, — אַ חוץ די פּאָליטישע פרייהייטן, וואָס וועלן אונדז געבן די מעגלעכקייט צו נעמען אונדזער היסטאָרישן גורל אין אונדזערע אייגענע הענט? די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, נאָך וועלכער עס איז אזוי להוט דער יידישער סוחר, ער זאָל מעגן פריי האַנדלען אין „ראָסיי״? בין איך אין דער דאָזיקער גלייכבאַרעכטיקונג באמת פאַר־אינטערעסירט? אויף וואָס זשע אַנדערש האָבן מיר צו האָפן פון איר, פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע?

אויף אָט דער פראַגע האָב איך נאָך ניט געהאַט קיין קלאָרן, זיכערן ענטפער. אויך דעריבער איז מיין שייכות צו איר געהאַנגען אין דער לופטן.

דוכאָוויטש, וואָס האָט געוויס געמוזט מערקן מיין רעזערווירטע שטע־לונג, האָט ניט איינמאָל געפּרואווט דיפּלאָמאַטיש דורכרייסן דעם קרייז פון ריין־היסטאָרישע שמועסן וועגן דער רעוואָלוציע און וועגן דער הערשנ־דיקער לאַגע אין לאַנד.

אַזעלכע דיפּלאָמאַטישע רמזים זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַלץ מער און מער דורכזעעוודיק.

צווישן דוכאָוויטשעס באַקאַנטע, מיט וועלכע איך פלעג זיך טרעפן, זיינען געווען אויך פּשוטע באַלעבאַטישע „טשינאָווניקעס״, מער אָדער ווייניקער ליבעראַל געשטימט. ביי איינעם אַזאַ האָבן מיר אפילו אינ־איינעם פאַרבראַכט אַן אָוונט, אויף אַ סעודהלע צוליב דעם באַקאַנטנס „נאָמען־טאָג״ (אימיעניִנעס״).

באַלד נאָך אָט דעם אָוונט האָט דוכאָוויטש פאַרפירט אַ שמועס וועגן „אייגענע״ מענטשן און „פרעמדע״ מענטשן, און עס איז אויסגעקומען, אַז „יענער״ איז אונדז אַ „פרעמדער״, און אַז מיר ביידע זיינען „אייגענע״.

— יע, — האָב איך דערויף געענטפערט, — מיר ביידע זיינען עפּעס אַנדערש: מיר ביידע לייענען איין־און־די־זעלביקע ביכלעך . . .

דוכאָוויטש האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— נו, איר וועט אַלעמאָל אַ זאָג טאָן עפּעס אַזוינס . . .

אין אַ צייט אַרום האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו דעם זעלביקן ענין.

— ניט שוין, חיים יאָסיפּאָוויטש, גלייבט איר באמת, אַז צווישן אונדז איז נאָר דאָ די קרובהשאַפט דורך געמיינשאַפטלעכע ביכלעך? איך מיין דאָ ניט אונדזערע גוטע, פריינטשאַפטלעכע מחזקות. איך גלייב, אַז עס איז דאָ נאָך עפּעס וויכטיקערעס, וואָס בינדט אונדז צונויף . . .

דעם געשפּרעך אויף אַזאַ טעמע האָט מען שוין געמוזט אויפנעמען ווי דער סדר איז. און ניט איין געשפּרעך, נאָר עטלעכע. איך האָב געוואָלט נעענטער באַקאַנט ווערן מיט דעם איצטיקן מצב פון דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג, מיט די אידייען, וואָס הערשן אין אירע קרייזן, מיט אירע קאַמפּס־מעטאָדן, צילן, האָפענונגען און אויסזיכטן.

דוכאָוויטש האָט מיר געבראַכט אַ גאַנץ פּעקל אומלעגאַלע ליטעראַ־טור, אויך דער ערשטער נומער פון דעם „וויעסטניק נאַראָדנאַי וואָלי" איז געווען דערביי — אַ באמת־וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט. איך האָב די ליטעראַטור דורכגעלייענט, און וועגן די דאָרטן אָנגערירטע פּראָבלעמען האָבן מיר דערנאָך געשמועסט. שפּעטער האָט אין די דאָזיקע שמועסן גענומען אַן אָנטייל אויך דוכאָוויטשעס נאָענטסטער פריינט און חבר, ניקאָלאַי לאָכאָוו, מיט וועמען איך בין שוין אויך געווען זייער אינטים באַפריינדט.

פון די דאָזיקע אַלע שמועסן, סיי זאַלבעדריט, סיי זאַלבענאַנד, — דאָס מיט דעם, דאָס מיט יענעם, — איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן סיי מיין אייגענער יידישער פּראָגראַם, סיי די שייכות זיינע צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

קודם האָב איך איינגעזען, אַז די יידישע פאָדערונג פון גלייכע בירגערלעכע רעכט, אין וועלכער אַלע יידן זיינען געווען אַזוי פאַרקאַכט, איז פאַר מיר ניט קיין „לאו דווקא".

איך האָב מיך געפרעגט, אין וועלכע רעכט זיינען מיר, יידן, באמת פאַראינטערעסירט, אויב מען זאָל גיין מיט דעם גאַנג, אַז אין דעם יידישן הענדלערטום, אין דעם אייביקן יידישן מקח־וממכרטום ליגט דער הויפּט־וואָרצל פון אונדזער אינעווייניקסטער נאַציאָנאַלער פאַרהויקערטקייט און פון דעם אייביקן אַנטאַגאָניזם צווישן „ייד" און „ניט־ייד"?

מיר דאַרפן האָבן די רעכט אויף אַרבעט, — דער עיקר די רעכט צו באַזיצן ערד און צו באַאַרבעטן זי מיט די אייגענע הענט, און די רעכט אויף אַן אייגענער גייסטיק-פרייער אַנטוויקלונג. די רעכט צו קאָנקורירן

מיט די רוסישע סוחרים, מיט „ראַזוואָיעוון" און „קאָלופּאַיעוון", — אויף אָט די רעכט קאָנען מיר אין גאַנצן מוותר זיין.

קאָן מען אָננעמען, אַז די צאַריסטישע רעגירונג וואָלט איינגעגאַנגען אויף אָט די יידישע פאָדערונגען? אין פלוג, פאַרוואָס ניט? איר איצטיקן אַקטיוון אַנטיסעמיטיזם פאַרענטפערט סיי זי אַליין, סיי איר פּרעסע, מיט דער נויט, צו באַשיצן די פויערימשע פעלדער פון די יידישע פעלד-מייז. גוט. גיט אונדז די מעגלעכקייט אָוועקצוגיין פון די גויאישע פעלדער אויף אונדזערע אייגענע יידישע, ניט ווי פעלד-מייז, נאָר ווי ערלעכע אַרבעטנדיקע מענטשן. אדרבה! זאָל די רעגירונג נאָך שאַרפער אַרומצאַמען דעם יידישן האַנדל, אָבער לאָז זי דערפאַר נאָך פרייער און ברייטער מאַכן דעם אַרויסגאַנג צו אַרבעט בכלל און ערד-אַרבעט בפרט.

אין פלוג, פאַרוואָס זאָל דאָס ניט זיין די איצטיקע פאָדערונג צו דער צאַרישער רעגירונג? געוויס, ווי אַ פאָדערונג, ווי אַן עפנטלעכע דערקלערונג פון דער יידישער פּובליציסטיק, וואָלט דאָס געווען זייער אַן ערלעכער און שיינער אַקט, אַ פאַרניכטנדיקער ענטפער דעם אַנטיסעמיטיזם.

ליידער שטייען צוויי מניעות אויף דעם דאָזיקן וועג. איינמאָל וועט אונדזער בורזשואַזע פּובליציסטיק קיינמאָל ניט מסכים זיין צו באַגנוגענען זיך מיט אַזעלכע רעכט. אויף וואָסער פייער דאַרפן אונדזערע באַלעבאַטישע און געבילדעטע קלאַסן האָבן די רעכט אויף אַרבעט און אויף אַן אייגענער גייסטיקער אַנטוויקלונג? זיי דאַרפן האָבן גלייכבאַרעכטיקונג כנוסח מערב-אייראָפּע. קודם די פולע רעכט אויף האַנדל און קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע אומעטום און דערנאָך — אויף אַ גייסטיקער אַנטוויקלונג אין דער פרעמדער, אין דער רוסישער קולטור, זיי זאָלן קאָנען פאַרזאָרגן רוסלאַנד ניט נאָר מיט אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים, ווי איצטער, נאָר אויך מיט פּראָפעסאָרן, גענעראַלן און מיניסטאָרן.

דאָס איז איינס. און די צווייטע מניעה איז נאָך אַ האַרבערע. אָנגענומען, אונדז גיט זיך איין צו געווינען דאָס פאָלק, דעם המון-עם, די גרויסע יידישע אָרעמקייט, פאַר אַזאַ ריין-אַרבעטאַרערישן, נאַציאָנאַל-קולטורעלן פּראָגראַם. וואָס פאַר אַ שאַנסן זיינען דאָ, די רוסישע צאַריסטישע רעגירונג זאָל מסכים זיין אויף אים?

ניטאָ אַזעלכע שאַנסן! די רוסישע רעגירונג נייטיקט זיך אין דעם אַנטיסעמיטיזם ווי אין אַ כלי-זיין אין איר קאַמף אַנטקעגן דעם ליבעראַליזם און דעם סאָציאַליזם. זי דאַרף האָבן אַ שעיר לעזאזל, אויף וועמען אָפּצואוואַלגערן דעם צאָרן פון דעם פאָלק פון זיך, און פון די פּריצימשע

און בורזשואַזע קלאַסן, אויף וועלכע זי שטיצט זיך. זי קאָן ניט זיין פּאַראינטערעסירט אין דעם אמתן, געדעכטן ענטפער אויף דער יידישער פראַגע.

אַזאַ דערקלערונג מצד דער יידישער עפנטלעכקייט, ווי איך פאַרלאַנג זי, וואָלט די רעגירונג אויסגענוצט ווי אַ באַווייז, אַז די יידן זיינען זיך אַליין מודה, אַז זיי זיינען נאָך ערגערע עקספּלואַטאַטאָרס ווי די ראַזוואַ־יעווס און די קאָלופּאַיעווס; אַז זיי, די יידן, פאַרלאַנגען אַליין מען זאָל זיי האַלטן אין צוים.

קיין נייע רעכט אויף אַרבעט און אייגענער בילדונג וואָלט די רע־גירונג ניט געגעבן, און אויף די אַלטע אומרעכטן וואָלטן מיר איר גע־געבן אַ גוטן תירוץ.

ניין, אַזאַ שריט מוז אַרומגעטראַכט ווערן ניט איינמאָל און ניט צוויי מאָל, איידער ער קאָן געמאַכט ווערן.

על כל פנים, פון דער צאַרישער רעגירונג האָבן מיר גאָרנישט ניט צו דערוואַרטן. און אויב אַזוי, בלייבט דאָך טאַקע ניט קיין אַנדער האָפע־נונג ווי נאָר אויף אַ רעוואָלוציע.

אָבער אויף וועלכער רעוואָלוציע? וואָס פאַר אַ כאַראַקטער דאַרף זי טראָגן, זי זאָל קאָנען דינען אויך אונדזערע יידישע אינטערעסן, די אינטערעסן פון דער יידישער נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווער ווידערגעבורט?

47

די „ניהיליסטן" און די אַנדערע ראַדיקאַלן פון אַלטן רוסלאַנד

מיינע נייע רעוואָלוציאָנערע פריינד זיינען געווען פון אַ גאַנץ אַנדער טיפּ, איידער דער דור ראַדיקאַלע יונגעלייט, צווישן וועלכע איך האָב פריער געלעבט אין וויטעבסט און אין טולע. אויף יענעם דור, ווי אויף מיר, זיינען אַ לאַנגע צייט נאָך געהאַנגען שטיקער פעל פון דעם אַלטן „ניהיליסטישן" טיפּ, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין די זעכציקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, אונטער דער השפּעה פון די גרויסע אויפ־קלערער, ווי פּיסאַריעוו, טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, זאַיצעוו און די אַנדערע מיטאַרבעטער פון דעם „סאָווריעמיעניק" און דער „רוסקאָיע סלאָוואָ".

דער אַלטער „ניהיליסטישער" טיפּ האָט געהאַט אַ סך מעלות און אַ סך חסרונות. זיין כאַראַקטעריסטישער שטריך איז געווען: דער גייס־טיקער קאַמף אַנטקעגן דער גאַנצער אַלטער וועלט — אַנטקעגן איר רעליגיע, איר פילאָסאָפיע, אירע עטישע און עסטעטישע אידעאַלן, איר וויסנשאַפט און איר לעבנס־שטייגער. ממילא איז דער „ניהיליסט" בטבע געווען אין דער ערשטער ליניע אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ מיסיאָנער אין דעם אידעאַלסטן זין פון דעם וואָרט, מיט אַ שליחות צו דער וועלט בכלל און דעם „יונגן דור" בפרט.

ווי אַ מיסיאָנער, האָט אויך דער דאָמאָלסטיקער „ראַדיקאַל" געהאַט זיין אַבסאָלוטן אמת: דעם מאַטעריאַליסטישן וועלט-באַנעם און דעם סאָ־ציאַליסטישן אידעאַל. אין אָט די ביידע טיילן פון זיין גייסטיקער וועלט — דעם טעאָרעטישן און דעם פּראַקטישן — איז ביי אים אַלץ געווען קלאָר, פעסט און זעלבסטפאַרשטענדלעך.

אויב וואו עס איז האָט נאָך אויסגעפעלט דער נייטיקער וויסן וועגן דעם אָדער יענעם פּרט, איז מען געווען זיכער, אַז מען קאָן אים געפינען אין די ווערק פון די אָנדערקענטע ראַדיקאַלע אויטאָריטעטן: פּונקט ווי דער גלייביקער מיסיאָנער ווייסט, אַז אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן און וועגן אַלץ

קען מען אויסגעפינען אין די „הייליקע שריפטן" און אין זייערע ניט ווייניקער הייליקע מפרשים.

דער ניהיליסטישער מיסיאָנער האָט אין דער פּראָווינץ זיך דער־האַלטן ביז אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן: ביי דער יידישער ראַדיקאַ־לער יוגנט נאָך מער, איידער ביי דער ניט־יידישער. אין זיין קאַמף אַנטקעגן דער אַלטער וועלט האָט ער געוואָלט אויך אין זיין אייגענעם לעבן און אפילו אין דעם דרויסנלעכן הילוך אינגאַנצן זיין אָפּגעשיידט פון איר.

עס איז פון דער ליטעראַטור באַקאַנט דער אויסזען פון אַן אמתן „ניהיליסט": די לאַנגע האָר, דאָס רוסישע העמדל, די שליאַפּע מיט ברייטע ברעגעס, די ברילן, דער שווערער שטאָק און אַ בוך אונטערן אָרעם. דערצו האָט מען ניט געטאָרט מקפּיד זיין אויף דער דרויסנלע־כער שיינקייט און ציכטיקייט פון דעם הילוך. אַ מענטש, וואָס האָט גע־טראָגן אַ געפּרעסטע אויבערהעמד מיט מאַנזשעטן און האָט זיך אינטע־רעסירט מיט אַ שיינעם שלייפל, איז שוין געווען חשוד אין אַלע מ"ט שערי טומאה פון „דער אַלטער וועלט".

דער מיסיאָנערישער כאַראַקטער פון אָט דעם דור האָט אויך געפירט דערצו, אַז אין אים זאָלן זיך האָבן אַרויסגעבילדעט אַ היפּש ביסל פּראַזיאָרן און פאַזיאָרן, וואָס האָבן ניט ווייניק געקאָקעטירט מיט דער פּאָזע פון דעם אַבסאָלוטן ראַדיקאַל, וואָס איז מבטל די גאַנצע „אַלטע וועלט", און האָבן לוסטיק געקנאַקט און געגראַגערט די אָנגענומענע ראַדיקאַלע אַני־מאַמינס: דעם אַטעאיזם, דעם מאַטעריאַליזם, דעם עטישן עגאָאיזם, דעם אַנאַרכיזם, דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, וכו' וכו', וכו'. דער „ניהיליסט" האָט זיך געשטופּט מיט זיינע מיינונגען צום פּראָנט און האָט געלויערט אויף יעדער געלעגנ־הייט, ווען ער זאָל קאָנען אָנהייבן דרייען זיין ראַדיקאַלן גראַגער.

שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין מערב־איראָפּע, האָב איך פּונקט אַזאַ מיסיאָנערישן טיפּ תחילת אָנגעטראָפן נאָר צווישן די אַנאַר־כיסטן. אָבער פּאָר מיינע אויגן האָט זיך געמען אויסבילדן דערזעל־ביקער טיפּ צווישן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — דער עיקר אין זיין באָלשעוויסטישן נוסח: די זעלביקע האָפערדיקייט מיט דעם ראַדי־קאַלן אַבסאָלוטן אמרת; מיט דעם אָפּלייקענען די גאַנצע אַלטע, „בור־זשואַזע" וועלט, און מיט דער זעלבער היפּשער פּראָפּאָרציע פון פּאַזיאָרן און פּראַזיאָרן, וואָס האָבן געקנאַקט און געגראַגערט די נייע ראַדיקאַלע אַני־מאַמינס פונעם „מאַטעריאַליסטישן מאָניזם", דער „דיאַלעקטיק", דעם „פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט" און דעם „פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף".

צוגעבן מוז מען דערביי, אַז די ניט־פּאָזיאָרן און ניט־פּראָזיאָרן פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן לאַגער זיינען געווען אַ סך איינזייטיקער, שאַרפקאַנטיקער און פאַנאַטישער, אָבער דערפאַר אַ סך ערנסטער, אײדער דער אַמאָליקער ניהיליסטישער טיפּ, וועמען גאָט האָט באַשאָנקען מיט אַ היפּשער פּאָרציע יוגנטלעכן לייכטזין.

מיינע נייע רעוואָלוציאָנערע פריינד זיינען געווען מענטשן פון אַ גאַנץ אַנדער גייסטיקן בוי. אין דעם הילוך איז נאָך טאַקע פאַרבליבן אַביסל פון דעם אַלטן ניהיליזם. דאָס רוסישע העמדל, דער ביטול צום דרויסנדיקן אויסזען. אָבער אויך דאָס האָט שוין געטראָגן אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. צוואַנציק יאָר „ניהיליזם" האָבן צוגעוואוינט די מיטעלערע רוסישע געזעלשאַפט צו אַזאַ אויסזען. אין די קרייזן פון דער אינטעליגענציע האָבן דערצו גענומען אַריינדרינגען קינדער פון דעם קליינבירגערטום, דער פויערימשאַפט און אפילו פון דער אַרבעטערשאַפט. גיי, געפין אויס, ווער עס שטעקט אין דעם רוסישן העמדל: אַ פריץ, וואָס שפּילט אין דעמאָקראַטישקייט, אָדער טאַקע אַ קינד פון דעם „דעמאָס" גופא, וואָס קליידט זיך, לויט זיין געוואוינהייט און לויט זיינע מיטלען.

דער דרויסנדיקער אויסזען איז געוואָרן אַן אינדיפערענטער ענין, וואָס האָט קיינעם ניט אינטערעסירט. עס האָט אויך קיינעם אין דעם ראַדיקאַלן קרייז ניט שאָקירט, ווען איינער האָט זיך געקליידט דווקא לייטיש און אפילו מיט אַ פּרעטענזיע אויף עלעגאַנץ.

אָבער נאָך טיפער איז געווען די ענדערונג אין דעם וועלט־באַנעם און אין דער שטעלונג צו די פראַגן פון דעם וועלט־באַנעם. פון דעם אַלטן ראַדיקאַליזם זיינען פאַרבליבן נאָר די פּראַקטישע פאָדערונגען פון פּאָליטישער פרייהייט און דעם סאָציאַליזם. אַלע אַנדערע אידייאישע צושטעפענישן צו זיי — מאַטעריאַליזם, אוטיליטאַריזם, קאָסמאָפּאָליטיזם וכו', וכו', וכו' — זיינען ניט פאַרשוואונדן און האָבן געהאַט אַ סך אַנהענגער, ווי איך האָב מיך נאָכדעם, אין פּעטערבורג, געקאָנט איבערצייגן אין דעם. אָבער זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין בינדנדיקע אני־מאמינס.

פאַר דער גרעסטער צאָל יוגנט זיינען דאָס געווען פראַגן, אין וועלכע מען דאַרף זיך ערשט פונאַנדערקלייבן, און ווען יעדער איינער האָט זיך אויף זיין אופן פונאַנדערגעקליבן אין זיי, — אפילו מיט אַ פּאָזיטיווער שטעלונג צו דעם רעליגיעזן גלויבן, — האָט דאָס ביי קיינעם ניט אַרויסגערופן קיין חידוש. און ווייניקער פאַר אַלץ האָט וועמען עס איז געראָפּעט, ווען אפילו איבערצייגטע אַטעאיסטן פלעגן נעמען אַן אַנטייל אין דעם רע־

ליגיעזן לעבנס־שטייגער פון דער „אַלטער וועלט", נאַטירלעך, דער רוּ־סישער.

די אַרבעטן פון אַ לאַווראָוו און אַ מיכאַילאָווסקי האָבן אין די זיבע־ציקער יאָרן געוועקט אין דער יוגנט דעם דרעמלענדיקן קריטישן גייסט, קלאָר געמאַכט פאַר אים די גאַנצע שווערקייט פון יענעם וועג, אויף וועלכן די מענטשהייט געפינט אויס אירע טעאָרעטישע אמתן, געשאַרפט דעם אייגענעם טעאָרעטישן געוויסן און אויסגעלערנט זי צו פאַרשטיין דעם חילוק צווישן אַ וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטן פאַקט אָדער אַ וויסנשאַפט־לעכער טעאָריע פון איין זייט און אַ פילאָסאָפישער סברה אָדער אַ רע־ליגיעזן גלויבן פון דער אַנדערער.

די יוגנט, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די זיבעצי־קער יאָרן, — דעם פונאַנדערבלי פון די לאַווראָוויסטישע און מיכאַילאָ־וויסטישע געדאַנקען, — האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז אין אַזעלכע ענינים, ווי פילאָסאָפיע און רעליגיע, קאָן מען ניט שיסן מיט פאַרטיקע פראַזן.

דער הערשנדיקער געדאַנקען־גאַנג איז געווען דער עמפיריש־פּאָזי־טיוויסטישער, דער גרויסער דרך־ארץ פאַר דעם וויסנשאַפטלעכן פאָרשן און דענקען, וואָס שליסט זיך אָבער ניט איין דאָגמאַטיש אין זיינע פיר ווענט, און האָט גאָרניט אַנטקעגן דעם, אַז איינער זאָל זיך, פון צייט צו צייט אַרומשפּאַצירן דרויסן פון יענע פיר ווענט.

און קיין ברעקל שפור האָב איך ביי אָט דער יוגנט, — דער עיקר, ביי מיינע פריינט, — ניט באַמערקט פון אַ וועלכער עס איז וואָלוועלער ראַדיקאַלער פראַזע, פון אַ וועלכער עס איז אויפגעשרויפטער פּאָזע, וואָס זאָל זיי אַרויסהייבן פון דעם געוויינלעכן לעבן אין דער „אַלטער וועלט".

ס'קאָן זיין, אַז דערויף האָט געווירקט דער פאַקט, וואָס זיי זיינען שוין געוועזן אין רעכטן אינעווייניק פון דער נאַראָדאָוואָלישער באַוועגונג, מיט אירע קאָנספּיראַטיווע וועגן און מעטאָדן, וואָס האָבן געצוואונגען יעדן איינעם, ער זאָל זיך אויפפירן אַזוי, אַז ער זאָל זיך ניט אַרויסהייבן פון דעם „אַרום", ער זאָל זיך וואָס ווייניקער „וואַרפן אין די אויגן".

אָבער אָט די זעלביקע נאָענטקייט צו דעם אוממיטלבאַרן קאַמף פון דער נאַראָדאָוואָלישער פאַרטיי האָט געמוזט פון איר זייט ווירקן אויף דער, אַזוי צו זאָגן, „אומדאָגמאַטישקייט" פון דעם גאַנצן גייסטיקן איינ־שטעל.

עס איז געווען די צייט, ווען די נאַראָדאָוואָלישע באַוועגונג האָט אי־בערגעלעבט אַ קריזיס נאָך אַ קריזיס. דער אַלטער „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט", וואָס האָט „אַראָפּגענומען" אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, איז מיט ווירא

פיגנערס אַרעסט, אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. לאָפּאַטינס פּראָוו אויפ־צובויען אַ נייע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ דורכ־פאַל. איינצלנע נאַראָדאָוואָלישע קרייזן פלעגן דאָ און דאָרטן אַרויסגע־נומען ווערן כמעט אינגאַנצן, ווי פיש מיט אַ נעץ פון אַן אַקוואַריום.

די יוגנט האָט זיך געמיט אָפּצוגעבן זיך אַ דין וחשבון וועגן אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום רעוואָלוציאָנערן קאַמף. עס זיינען אויפ־געקומען נייע טעאָרעטישע שטאַנדפּונקטן, ווי אַזוי צו קוקן אויף דעם דאַזיקן קאַמף, שטאַנדפּונקטן קאָמפּליצירטע, וואָס האָבן פאַרלאַנגט אַ סך וויסן, ווי אַזוי גרינטלעך פונאַנדערצוקלייבן זיך אין זיי. מיר וועט שפּע-טער אויסקומען צו רעדן וועגן אייניקע פון די דאַזיקע פּראָבלעמען.

דאָ דאַרף נאָר געהאַלטן ווערן אין אויג, אַז דער ערנסטער צוטריט צו זיי האָט אויסגעשלאָסן יעדע פאַרקנעכטקייט און פאַרגליווערטקייט אין אַן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָנגענומענער „דאָגמע“.

איך וואָלט געזאָגט, אַז די יוגנט, מיט וועלכער איך האָב מיך באַ־פריינדט, האָט פאַרמאָגט אַן „אָפענעם מוח“, נאָך ניט קיין אַרומגעמוי־ערטן מיט אַ געוויסן דאָגמאַטישן סיסטעם, ווי דאָס איז נאָכדעם, אין די ניינציקער יאָרן, געוואָרן דער פאַל מיט דער מאַרקסיסטישער יוגנט. און דאָס איז פאַר מיר געווען פון אַ גאָר גרויסן באַטייט. עס האָט פאַר מיר גרינגער געמאַכט די דערנעענטערונג צו מיינע פריינט.

ווייל, דעם אמת געזאָגט, האָב איך אין דער ערשטער צייט אַביסל מורא געהאַט, אַז צווישן מיר און זיי זאָל זיך ניט אַרויסווייזן דערזעל־ביקער תהום, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט צווישן מיר און אַנסקין: מיין יידישער נאַציאָנאַליזם.

עס איז דעריבער פאַר מיר געווען אַ פּשוטער חוב, גלייך פון אָנ־הייב אָן צו לאָזן זיי וויסן מיין שטאַנדפּונקט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל, דער יידישער בפרט.

שוין גאָר אין דער ערשטער צייט פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט דוכאָ־וויטשן האָב איך פאַרריכט דעם טעות, וואָס ער מאַכט, ווען ער טיטולירט מיך: „יעפים אָסיפּאָוויטש“: „איך רוף מיך מיט מיין יידישן נאָמען“, האָב איך אים געזאָגט. ער האָט דאָס אויפגענומען, ווי אַ פאַקט, און האָט מיך פון דעמאָלט אָן קיינמאָל אַנדערש ניט גערופן. דערנאָך איז אונדז אויסגעקומען צו רעדן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע. צי ער איז דעמאָלט נאָך טאַקע געווען אַ „קאָסמאָפּאָליט“, אין דעם זיך פון „איין מענטשהייט און איין שפּראַך“ פאַר דער צוקונפט, אָדער ער האָט אָנגע־ווענדט די קאָסמאָפּאָליטישע אַרגומענטן, כדי צו הערן, ווי איך שלאָג

זיי אָפּ, — אָבער לסוף האָט ער דעם דאָגמאַטישן קאָסמאָפּאָליטיזם אינ-גאַנצן פאַרלאָזן.

— יע, — האָט ער צוגעגעבן, — די נאַציאָנאַלע פראַגע מוז אומ־באַדינגט אָװעקגעשטעלט װערן אויפן סדר-היום פון פּראָגרעסיװן קאַמף.

און ער האָט מסכים געװען מיט מיר אויך אין דעם, אַז די „רוסי־פיקאַציע” פון די פעלקער אין רוסלאַנד ציט אָפּ פון זיי די בעסטע קול־טור־טראָגנדיקע כוחות און אַז די אויפגאַבע פון דער פּראָגרעסיװער אינ־טעליגענציע איז קודם-כל צו װירקן אין די גרענעצן פון דעם אייגענעם פאָלק.

אַז די יידן זיינען יידן און ניט קיין רוסן, אַז זיי זיינען אַ באַזונדער פאָלק, פּונקט אַזאַ, װי אַלע אַנדערע, ניט־רוסישע פעלקער — דאָס איז פאַר אים לכתחילה געװען אויסער יעדן ספק.

אַביסל שװערער איז מיר אָנגעקומען די פאַרשטענדיקונג אין אָט דעם פּונקט מיט מיין צװייטן פריינט, ניקאָלאַי לאָכאָװ. ער איז באמת געװען אַ קאָסמאָפּאָליטישע נאַטור, אָן װעלכע עס איז נאַציאָנאַלע געפילן און דאגות. עס איז אים באמת געװען שװער צו פאַרשטיין, װי אַזוי אַ „מענטש” קאָן זיך אינטערעסירן מיט אַזוינע זאַכן װי „די” שפּראַך, „יענע” שפּראַך. פון זיינטװעגן האָט רוסלאַנד געמעגט אָנהייבן רעדן טאַטעריש אָדער יידיש. מען רעדט רוסיש, לאָז זיין רוסיש. װאָס איז די נפקה־מינה?

אין דער ערשטער צייט, — װען מיר זיינען שוין אָבער געװאָרן גוט באַפריינדט, — האָט ער בשום אופן ניט געװאָלט אָנדערקענען מיין יידישן נאָמען: „פאַר מיר זייט איר יעפים אָסיפּאָװיטש!”. דערפון האָב איך אים געמוזט אָפּגעװאוינען.

איינמאָל גיי איך אַזוי אין גאַס און הער, װי קאָליאַ יאָגט מיך אָן און שרייט אויף דער גאַנצער גאַס:

— „יעפים אָסיפּאָװיטש, יעפים אָסיפּאָװיטש!”.

מיינער מאַכט זיך ניט הערנדיק, װי ניט אים מיינט מען דאָס.

אָנגעיאָגט מיך, אַ פאַרפרייכטער, האָט ער תּרעומות:

— װאָס זייט איר, טויב געװאָרן, צי װאָס? איך שריי און שריי, איך רוף און רוף . . .

— װעמען האָט איר גערופן? — פרעג איך אים מיט לאַכנדיקע בליקן.

שטויסט ער זיך אָן:

— אַך, זאָל דאָס אייך . . . מיט אייערע קאַפּריזן! — און ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

פון דעמאָלט אָן האָט ער אָבער אויך געשווינט מיין „קאַפּריז".

אייניקע שמועסן וועגן דעם ענין „נאַציאָנאַליזם" האָבן אָבער אויך אים באַוויזן אַז דער ענין איז אַ סך, אַ סך אָן ערנסטערער, איידער ער האָט זיך פריער פאָרגעשטעלט. אין איינעם אַזאַ געשפּרעך האָט ער מיר דערציילט, אַז אין אונדזער ביעלאָרוסישער געגנט האָט זיך געהאַט גע־גרינדעט אַ רעוואָלוציאָנערע ביעלאָרוסישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך גערופן „האָמאָן" (די קהילה, די געמיינדע). זי האָט אויך עפּעס וואָס אָפּגעדרוקט אין דער ביעלאָרוסישער שפּראַך. אָבער דער גאַנצער עסק האָט זיך צערונען.

דאָס איז מיר גוט אַריין אין זינען, הגם איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געטראַכט וועגן אַן אייגענער יידישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע.

נאָך „שווערער" איז מיר געווען — אויב מען קאָן דאָ רעדן וועגן „שווערקייט" — אויסצוקעמפן, אַזוי צו זאָגן, „מיינע נאַציאָנאַל־יידישע רעכט" ביי דעם דריטן פריינט מיינעם, ביי קאָליאָס שוועסטער, וויעראַ לאָכאָווא.

48

אויף די געהיימע וועגן פון ליבע און קאַמף

די דריטע פון מיינע נייע פריינד איז געווען קאַליאַס אַ שוועסטער, וויעראַ סעוועריאַנאָוונאַ לאַכאָווא. שפּעטער מיט אַ יאָר פיר, אין 1888, ווען מיר ביידע זיינען שוין געווען אין אויסלאַנד, איז לאַכאָווא געוואָרן מיין פרוי. אָבער אין דער ערשטער צייט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט האָבן זיך גלייך פון אָנהייב איינגעשטעלט צווישן אונדז זייער קאַלטע, פראַסטיק-קאַלטע באַציאונגען. זי איז מיר זיכער ניט געווען אַנטיפּאַטיש. און אַ גרויסן דרך־ארץ פאַר איר האָב איך שוין געהאַט דערפאַר אַליין, וואָס זי האָט אויף איר אייגענער הויט דורכגעשפּירט די פּרעכטיקייט פון דעם צאַרישן רעזשים, אין זיין געראַנגל מיט די יונגע פרייהייטס-קעמפער. וויעראַ האָט שוין דעמאָלט דורכגעמאַכט אי אַ תפיסה־פּעריאָד, אי אַן „עטאַפּ“, אי אַ „פאַרשיקונג“ אין איר אייגענעם גוט, וואָס איז געלעגן לעבן דער שטאָט וויעליזש, וואו מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אַבראַהאַם קאַהאַן געווען אַ לערער אין אַ יידישער רעגירונגס-פאָלקס־שול. פון וויעליזש פלעגט ער אָפט פאָרן צו גאַסט צו די לאַכאָווס, אין זייער גוט „סיוויעץ“. דאָס אַלץ האָב איך שוין געוואוסט פון קאַליאַס דערציילונגען, און דער נאָמען „קאַהאַן“ איז געווען אַרומגערינגלט ביי מיר מיט אַן אָרעאָל פון אַ באַזונדערער פאַרערונג און טיפער סימפּאַטיע, ווי דער נאָמען פון יעדן יידן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איך פלעג מיך דערוויסן.

עס איז אַבסאָלוט ניט געווען קיין ברעקל גרונט, פאַרוואָס צווישן מיר און וויעראַן זאָלן זיך ניט האָבן גלייך פון אָנהייב אַן איינגעשטעלט יענע מער ווי גוטע, טיף פריינטלעכע באַציאונגען, וואָס זיינען אַזוי גיך אויסגעוואַקסן צווישן מיר און איר ברודער און איר יוגנט-פריינט, דוכאָוויטש. אָבער אַזוי איז געווען די מעשה. עפּעס אַן אַנטאַגאָניזם האָט אין דער ערשטער צייט געהערשט צווישן מיר און וויעראַן, — אַ פּסיכישער, אומדערקלערלעכער אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט תיכּף אַרומגערינגלט אונדז ביידע מיט אַ פראַסטיק-קאַלטער אַטמאָספערע.

איצטער פרעג איך מיך אָפט, צי קאָן ניט יענער משונהדיקער באַהאַלטענער אַנטאַגאָניזם דערקלערט ווערן גאָר אויף אַזאַ מין אופן. וויעראַ

איז געווען כמעט, ווי אַן אָפּיציעלע כלה דוכאָוויטשעס. איך בין געווען כמעט ווי אַן אָפּיציעלער חתן ליזאַ שטיקינס אין טולע, וועלכע איך האָב דערמאָנט אין מיינע פריערדיקע זכרונות. עס איז אָבער מיר און וויעראַן באַשערט געווען אַריינצופאַלן אין אַ טיפער, הייסער ליבע, וואָס האָט געדויערט צענדליקער יאָרן. צי האָבן אונדזערע „מזלות" שוין גלייך, ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש, ניט „געזען", וואָס אונדז איז באַשערט? צי האָט ניט אַ שטראַל פון אונדזער צוקונפט אַריינגעשיינט אין די אומבאַוואוסטזיניקע טיפעניש פון אונדזערעביידנס נשמות און האָט דאָרטן בייביידן אַרויסגערופן אַן אומבאַוואוסטזיניקן פּראָטעסט אַנטקעגן זיך, אַ מאָראַלישן פּראָטעסט, וואָס האָט געשטרעבט איינצופריערן דעם שטראַל אין אַ ספערע פון אַנטאַגאָניסטישע געפילן? נאָר אַ מומחה אין דער אומבאַוואוסטזיניקער ליבע־פּסיכאָלאָגיע וואָלט זיך געקאָנט פונאַנדער־קלייבן אין אָט דער פראַגע. מיר האָבן שפּעטער דעם גאַנצן ענין ניט געשענקט קיין ברעקל אויפמערק. ווער האָט דאָס אין יענע צייטן און אין אונדזער אָרט לעבן געהאַט חשק, צו גראָבן זיך אין די אייגענע, ריין־פּערזענלעכע נשמה־איבערלעבונגען?

ווען קאָליאַ און דוכאָוויטש זיינען אין אָנהייב הארבסט געקומען קיין וויטעבסק, איז וויעראַ נאָך „געזעסן", אַ פאַרשיקטע, אונטער פּאָליציי־אויפ־פּאַס, אין איר גוט. ערשט ווען דער ווינטער האָט זיך גוט איינגעשטעלט און די פענצטער אין דוכאָוויטשעס קליינעם „זונדער־בנין" („אָסאָבניאַק"), וואָס איז געשטאַנען אויפן הויף פון זיין פאָטערס הויז, זיינען געווען גע־דיכט באַוואַקסן מיט די בלומען פון דעם שאַרפן פראָסט, איז וויעראַ, אין איינעם אַ זוניקן פאַרמיטאָג, פּלוצלונג אַריין אין דעם גרויסן צימער, וואו דוכאָוויטש און איך האָבן געאַרבעט: אַריינגעפלויגן אַ יונגע, אַ פריידיקע, מיט רויטע באַקן פון דעם פראָסט און מיט גרויסע, ליכטיק־שטראַלנדיקע אויגן. איר אָנקום איז געווען אומדערוואַרטעט. די פריינט האָבן זיך באַ־גריסט אין הארציקער פרייד. באַלד, ווי מען האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר איר, בין איך אַוועק אַהיים.

אין די ערשטע פּאָר וואָכן האָב איך זי וויניק וואָס געזען. נאָר יעדן אינדערפרי (מיר פלעגן אַרבעטן אין די פאַרמיטאָגס) פלעגט זי אַריינקומען מיט אַ היפש ביסל פאַרשנייטע האָלץ אין די אָרעמס, אַראָפּ־וואַרפן זיי לעבן אויוון, באַגריסן מיך קאַלט מיט אַ קאָפּ־שאָקל, אַרויסלויפן צוריק, ברענגען נאָך האָלץ, איינהייצן דעם אויוון און ווידער אַוועקגיין צו זיך אין דעם אַלטן דוכאָוויטשעס הויז.

זעלטן ווען זי פלעגט זיך צוזעצן צו דעם פונאַנדערגעבערענטן פייער, איינגעוויקלט אין אַ וואַרעמען ברוינעם פלעד, אַ בלייכע, אַ פאַרצאַגטע, אַ פאַרשוויגענע. זעלטן ווען זי פלעגט זיך אַריינמישן אין אונדזערע גע־שפּרעכן, און פלעגט זי דאָס טאָן, פלעגט דאָס תמיד זיין אין דער פאָרם פון קורצע, בייסנדיק־ביטערע סאַרקאַסטישע באַמערקונגען.

איינמאָל האָט זי אַ ביסל מער זיך פונאַנדערגערעדט, דערציילט אַן עפּיזאָד פון דעם פויערישן לעבן, אין וועלכן אַ ייד, — אַ פּשוטער דאָרף־ייד, — האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע. דער טאָן איז ווידער געווען ביטער־סאַרקאַסטיש, און דער ייד איז אַרויסגעקומען שיר ניט אין אַ יידנפיינטלעכער באַלייכטונג. דאָס האָט אונדז אומאַנגענעם באַרירט. מיר זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. אויפן טיש, ביי וועלכן איך בין געזעסן, איז געלעגן אַ באַנד היינע אין אַ רוסישער איבערזעצונג. איך האָב גענומען בלעטערן דעם באַנד, געלייענט די סאַטירישע מעשהלע מיט דעם בער „אַטטאַ טראָל" און זיך פאַרטיפט גראָד אין יענעם קאַפּיטל, וואו דער בער רעדט אַזוי גדלותדיק וועגן זיך און דערקלערט, אַז ער שטאַלצירט מיט זיך, פונקט ווי ער וואָלט אָפּגעשטאַמט דירעקט פון „משה מענדעלסאָנען". אַט די שלוס-פערזן פון דעם קאַפּיטל האָב איך איבערגעלייענט אויפן קול, צוגעקלאַפּט דאָס ביכל, אַוועקגעלייגט אויפן טיש, אָנגעטאָן מיין פוטערל און אַרויס פון שטוב אָן אַ „זייט געזונט".

נאָך אַט דעם עפּיזאָד, פלעגט וויערא מיך אויסמיידן. נאָך דער פּראַסטיק־קאַלטער באַגריסונג אין דער פרי, ביים אַריינברענגען דאָס ברעג־האָלץ צו מאַכן פייער, פלעגט זי תיכף אַוועקגיין.

ערשט אין אָנהייב פרילינג, ווען מיר פלעגן זאַלבעדריט, און אָפּט זאַלבעפערט, — זיצן אין דעם גערטנדל, וואָס אויף דוכאָוויטשעס הויף, איז דער אייז צווישן מיר און וויעראַן געבראָכן געוואָרן און איז אין גאַנצן צעגאַנגען. אויך ביי איר האָט זיך דערוועקט אַן אינטענסיווער אינטערעס צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און צו מיינע מיינונגען וועגן דעם יידישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם בפרט. ווען אַט די פראַגן פלעגן אַרויפשווימען, פלעגט איר אויפמערק ווערן באַטייטנדיקער אויפגעוועקט. זי פלעגט שטעלן פראַגן, און אַ מאָל אויך זיך דערביי אַנטשולדיקן, אַז זי פרעגט דאָס ניט כדי אָפּצופרעגן, נאָר כדי אויסצופרעגן. ביסלעכוויַיז בין איך מיט וויעראַן געוואָרן אַ גאָר גוטער, אינטים־גוטער פריינט. אַזוי אַרום איז אויך זי אַריבער אויף דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אין דער יידישער פראַגע.

די נאַציאָנאַלע פראַגע האָט אָבער ניט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין

אונדזערע געשפּרעכן. זיי האָבן זיך געדרייט אַרום די פראַגן פון אַן אַלגעמיינער וועלט־אַנשויאונג, אַרום דער פּאָליטישער לאַגע אינעם לאַנד, אי, דער עיקר, יענע טעאָרעטישע און פּראַגמאַטישע פראַגן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם סדר־היום פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן געדאַנק.

גראָד אַרום יענער צייט האָט דאָס מיר דוכאָוויטש געמאַכט דעם פאָרשלאַג, איך זאָל מיך אָנשליסן אָן אַ קרייזל, וועלכן ער האָט בדעה צו גרינדן מיט קאָליאַן און נאָך אַ פּאָר ראַדיקאַלן, וועלכע איך האָב ביז אַהער פּערזענלעך ניט געקענט. די אויפגאַבע פון דעם קרייזל זאָל זיין אין דער ערשטער ליניע און דער עיקר סיסטעמאַטיש און גרינטלעך צו באַקענען זיך מיט דער טעאָרעטישער לאַגע אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער געדאַנקען־וועלט און געבן אַ מעגלעכקייט די מיטגלידער אויסצואַרבעטן פאַר זיך אַ פעסטע, ערנסט־באַגרינדעטע מיינונג וועגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס זיינען אויפגעקומען אין איר.

אַנטקעגן אַזאַ אויפגאַבע האָב איך לחלוטין ניט געהאַט וואָס אָנצואוּווענדן, און דאָס קרייזל איז געגרינדעט געוואָרן. אַזאַ קרייזל האָט אין יענע אומשטענדן געקאָנט זיין נאָר אומלעגאַל, דערפאַר אַליין, וואָס מען האָט געדאַרפט שטודירן אויך די אומלעגאַלע ליטעראַטור, און אַזוי אַרום שטיין אין קאָנטאַקט מיט דער „אונטערערדישער" וועלט. פון די אַנדערע מיטגלידער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אים, געדענק איך נאָך די חברה לוקאַשעוויטש, וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין וויטעבסק „אונטער דעם אויפפּאַס פון דער פּאָליציי", ביז עס וועט זיך פאַרענדיקן איר פּראָצעס. זי איז טאַקע באַלד פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אַלע מיטגלידער פון דעם קרייזל זיינען געווען אָנהענגער פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" (די פּאַרטיי פון דעם „פאָלקס־ווילן"), און לויט זייער פאַרגאַנגענהייט האָבן זיי געהאַט די אָדער יענע דירעקטע שייכות צו דער טעטיקייט און די שטרעבונגען פון אָט דער פּאַרטיי. אָבער זיי אַלע זיינען געווען מענטשן מיט „אָפענע קעפּ", מיט מוחות, ניט קיין פאַרגליווערטע, אַן וועלכע עס איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנגענומענע „אני מאמינס". עס איז געווען אַ קרייזל פון גלייכגעזינטע מענטשן, אויב ניט אין דעם פולן זין פון גלייכע, פעסט אויסגעקריסטאַליזירטע מיינונגען, איז אין דעם זין פון דעם גלייכן אַלגעמיינעם איינשטעל — דעם סאָציאַליסטישן און דעם רעוואָלוציאָנערן פון אַ „נאַראָדאָוואָלישער" ריכטונג — און אין דער גרייטקייט קריטיש דורכצומוסטערן אַלע יסודות, אויף וועלכע יענע ריכטונג איז געווען געבויט.

און „דורכצומוסטערן" איז געווען וואָס. אין דעם צענטער פון אַלע פראַגן איז געשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון דער פּאָליטישער פרייהייט און דער קאַמף צוליב איר אין פאַרבינדונג מיט דעם קאַמף פאַר דעם סאָציאַליזם — אַ פּראָבלעם, וואָס איז געוואָרן גאָר אויסטערליש ברענענדיק גראָד אין אונדזערע טעג. אָבער אויך דעמאָלט האָט ער פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל ברענשטאָף.

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען פון מיינע זכרונות האָב איך שוין געגעבן אַ קליינע שילדערונג, ווי אַזוי די זעלבע פראַגע האָט פונאַנדערגעשפּאָלטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די זיבעציקער יאָרן אין צוויי פּאַרטייען: איין פּאַרטיי איז געווען די פּאַרטיי פון דעם „טשאָרני פּערעדעל" (פון דער „שוואַרצער אומטיילונג"), וואָס האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין פּאָליטישן קאַמף, ווייל זי האָט געלייגט אַלע אירע האָפענונגען אויף דער פּראָפּאַגאַנדע און דער אַגיטאַציע צווישן דער פּויערימשאָפט צוליב אַ דירעקטן סאָציאַליסטישן אויפשטאַנד. צו אָט דער ריכטונג איז צוגעשטאַנען מיין פריינט ש. אַנסקי. די אַנדער פּאַרטיי איז געווען די פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואָס האָט ניט געזען קיין ברעקל מעגלעכקייט צו אַרבעטן אין דאָרף אונטער דעם צאַרישן רעזשים און האָט דעריבער געפירט אַ דירעקטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיט דער צאַרישער רעגירונג אין דעם נאָמען פון די פּאָליטישע פרייהייטן, ווי דעם נויטווענדיקסטן פאַרבאַדינג פאַר אַ פרייער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און טעטיקייט. איך האָב מיך סאָלידאַריזירט, ווי די לייענער געדענקען אפשר, מיט אָט דער ריכטונג.

אָבער אין דער צייט, ווען עס האָט זיך געגרינדעט אונדזער קרייזל אין וויטעבסק, האָט די גאַנצע פראַגע באַקומען אַ גאַנץ אַנדער אויסזען. די פראַגע איז רעווידירט געוואָרן אין ביידע פליגלען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. עס איז שוין מער ניט קיין פראַגע, צי מען קאָן פירן אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף, אָדער צי מען קאָן פירן אַ ריין פּאָליטישן קאַמף. די פראַגע איז ביי ביידע ריכטונגען אַוועקגעשטעלט געוואָרן, „צי מען זאָל".

מיט די נייע פראַגע־שטעלונגען און מיט די ענטפערס, וואָס האָבן זיך גענומען אויסאַרבעטן אין ביידע ריכטונגען, האָט זיך אונדזער קרייזל געדאַרפט באַשעפטיקן.

אין די נאַראָדאָוואָלישע קרייזן האָט מען ניט געצווייפלט אין דער נויטווענדיקייט פון דעם פּאָליטישן קאַמף, אפילו ניט אין דער נויטווענדיקייט פון זיינע טעראָריסטישע פאָרמען. מען האָט זיך אָבער געאַמפּערט

וועגן דעם אינעווייניקסטן צונויפבונד, וואָס דאַרף עקזיסטירן צווישן אַט דעם פּאָליטישן קאַמף און אונדזערע סאָציאַליסטישע ענדצילן.

אין דער צעשוואומענער אַלגעמיינער פאַרשטעלונג, וואָס האָט גע-הערשט ביי דער מאַיאָריטעט פון די נאַראָדאָוואָלישע קעמפער, איז געווען קלאָר נאָר איין זאַך: פריער דאַרף מען צעשמעטערן דעם צאַריסטישן רעזשים, ווי אַ פאָרבאַדינג פאַר אַ פרייער סאָציאַליסטישער טעטיקייט. ווער זאָל זי נאָכדעם פירן אויף דער פריי? ווער זאָל דעם סאָציאַליזם דורכפירן? — אויף אַט די פראַגן איז ניט געקומען קיין קלאָרער איינ-הייטלעכער ענטפער. אַ טייל האָט גערעכנט: „דאָס וועלן מיר שפּעטער זען". ביי אַט דעם טייל איז דער גאַנצער סאָציאַליזם, ווי אַן עלעמענט פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט, געהאַנגען ערגעץ־וואו אין די וואָלקנס. עס האָט געהייסן: פּראַקטיש קעמפן מיר פאַר דיזעלביקע פּאָליטישע פריי-הייטן, נאָך וועלכע עס בענקען אויך די בעסערע עלעמענטן פון דער ליי-בעראַלער געזעלשאַפט. ביי אונדז איז דער סאָציאַליזם, — האָט מען אַר-גומענטירט, — נאָר אַ מין „רעזערוואַציאַ מענטאַליס", אַ „כוונה", וואָס מען טראַכט ביי זיך אין קאָפּ, בעת מען פירט דעם פּאָליטישן קאַמף. היינט פאַרוואָס ניט זען, צונויפצוגיין זיך נעענטער מיט אַט די בעסערע עלעמענטן פון דער ליבעראַלער געזעלשאַפט? — דאָס איז געווען אַ מין „בערנשטייניאַניזם" אין דער נאַראָדאָוואָלישער באַוועגונג, וואָס האָט גע-וויס גאָר ניט אָנגעהויבן צו גלייבן אין וועלכע עס איז „פרידלעכע רע-פאָרמען" אין די גרענעצן פון דעם הערשנדיקן רעזשים, ווי דאָס האָט אין מערב־אייראָפּע שפּעטער געטאָן בערנשטיין. אַט די נאַראָדאָוואָלישע ריכטונג, — אָדער ריכטיקער: שטימונג, — איז געבליבן פּאָליטיש רע-וואָלוציאָנער. אָבער זי האָט, ווי שפּעטער בערנשטיין, אָפּגעשוואַכט די וואָג און דעם באַטייט פון דעם סאָציאַליסטישן עלעמענט אין דעם רע-וואָלוציאָנערן קאַמף. איר וואָרט־פירער אין אויסלאַנד איז שפּעטער גע-וואָרן וולאַדימיר בורצעוו, וואָס האָט שוין געפאָדערט אַ דירעקטן בונד מיט די ליבעראַלן, מיט אַ דירעקטער אונטערדריקונג פון דעם סאָציאַ-ליסטישן פּראָגראַם. נאָר — וועגן אים שפּעטער, ווען מיר וועלן קומען דערצו. אין דער צייט פון אונדזער קרייזל זיינען נאָר באַקאַנט געווען איינצלנע שטימונגען אַזעלכע, און פאַר אונדז האָט דער גאַנצער איינשטעל געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אַ ריין אַקאַדעמישן אינטערעס. מיר האָבן גע-דאַרפט זיך קלאָר מאַכן די טעמים, פאַרוואָס „ניט אַזוי".

און „ניט אַזוי" האָט געקוקט אויף דעם ענין דער, לאָמיר אים אָנ-רופן, שטרענג סאָציאַליסטישער פליגל אין דער נאַראָדאָוואָלישער באַוועגונג.

ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט די צוקונפט פון רוסלאַנד

די הערשנדיקע ריכטונג אין די נאַראָדאָוואָלישע קרייזן איז געווען אַ ריין־סאָציאַליסטישע. אויף דעם ווערט פון די בירגערלעכע און פּאָליטישע פרייהייטן, ווי פון אַ צוועק אין זיך גופא, האָט מען קיין גרויסע וואָג ניט געלייגט. דאָס איז אויך געווען אמת פאַר דעם קליינעם קרייזל „נאַראָדאָוואָלצן", אין וועלכן איך בין אַריין. אויך מיין שטעלונג צו דער פראַגע איז ניט געווען קיין אויסנאַם פון דעם כעמט אומעטום הערשנדיקן כלל. איך האָב קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם אַנעקדאָט, וועלכן מיכאַילאָווסקי, — אונדזער אַלעמענס ליבלינג, — האָט אויסגענוצט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען אין די „פּאַטערלענדישע אַנאַלן". עס שטייט אין פּאַריז אַ פורמאַן אויפן גאַס און וואַרט אויף אַ פּאַסאַזשיר.

— „פורמאַן, ביסט פריי?" — „יע, איך בין פריי." — „נו, טאָ שריי זשע: ,עס זאָל לעבן די פרייהייט!'".

מיכאַילאָווסקי האָט דאָס געשריבן אין יענער צייט, ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און קיין פּאָליטישער קאַמף. מיט דעם אויפקום פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איז אויך מיכאַילאָווסקי צוגעשטאַנען צו איר. אָבער פּאָליטישער קאַמף און פּאָליטישע פרייהייט, ווי אַ מיטל צום סאָציאַליזם, ווי אַן עטאַפּ אויף דעם וועג צו זיין פאַרווירקלעכונג, איז איין זאַך, און פּאָליטישע פרייהייט, ווי אַ זעלבסט־צוועק, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. גיי אין דער אמתן, שריי: „עס זאָל לעבן די פרייהייט!" — אויף אַ הונגעריקן מאָגן.

די פּאָליטישע פרייהייט, — האָבן מיר געטראַכט, — קאָן נאָר האָבן אַ ווערט, ווען זי פירט דירעקט צום סאָציאַליזם, אָדער איז אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיט אים. ווי אַזוי זאָלן מיר זיך פאָרשטעלן אָט די אָרגאַנישע פאַראייניקונג אין דעם סיסטעם פון די נאַראָדאָוואָלישע געדאַנקען?

— אַן ענטפער דערויף האָט געגעבן יענע ריכטונג, וואָס האָט געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל שטרעבן צו „פאַרכאַפּן די שטאַטלעכע מאַכט"

אין אירע הענט און מיט די מיטלען פון דעם שטאַט דורכפירן דעם סאָ־ציאַליזם.

דאָס האָט געוואָרפן אַ באַזונדער באַלייכטונג אויף דעם זין און דעם באַטייט פון באַדינען זיך מיט די טעראָריסטישע מיטלען אין דעם קאַמף. פריער איז דאָס געווען אַן אַנשרעקונגס-מיטל, אַ צוואַנגס-מיטל, כדי די רעגירונג זאָל אַרויף אויף דעם וועג פון ליבעראַלע רעפאָרמען; אַן אויפרייצונגס־מיטל פאַר דער גאַנצער דענקענדיקער געזעלשאַפט, איר אויפמערק זאָל צוגעצויגן ווערן צו דעם קאַמף, איר גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון דעם קאַמף זאָל געשטאַרקט ווערן און עס זאָל געהייבן ווערן איר מוט, אַליין צוצושטיין צו דעם קאַמף. דער טעראָר האָט אויך געדאַרפט ברענגען די פאַרדינטע שטראָף פאַר יענער בלוטיקער אַכזריות, מיט וועלכער דער צאַרישער דעספּאָטיזם און דער הערשנדיקער אַדל האָבן געטראָטן מיט די פיס דעם וואוילשטאַנד און די רעכט פונעם פאָלק.

אין דעם ליכט פון „פאַרכאַפּן די מאַכט", — איצטער וואָלטן מיר דאָס אָנגערופן: „די דיקטאַטור פון אַ מינאָריטעט", — האָט דער טע־ראָר באַקומען אַ גאַנץ אַנדער מיסיע, ווי אַ צוגאָב צו די פריערדיקע באַטייטונגען זיינע, אָבער אין דערזעלביקער צייט, ווי זיין הויפּט־זאַך. דער טעראָריסטישער קאַמף האָט געדאַרפט צעשמעטערן די אָרגאַניזאַציע פון דעם אַלטן שטאַט, אַראָפּנעמען זיינע וויכטיקסטע פירער, דעזאָרגאַני־זירן די גאַנצע רעגירונגס-מאַכט אַזוי, אַז עס זאָל מעגלעך ווערן פאַר דער פאַרטיי צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין אירע הענט.

דערפון איז ממילא אַרויסגעוואַקסן די נויט צו רעאָרגאַניזירן די כוחות פון דער פאַרטיי גופא אויף גאַנץ אַנדערע יסודות. עס האָבן געדאַרפט צוגעצויגן ווערן צו איר אין דער ערשטער ליניע די מיליטער, ד"ה, די אָנפירנדיקע קערפּערשאַפט אירע, די אָפיצירן. דערנאָך — די אַרבעטערשאַפט פון די הויפּט־שטעט און די גרויסע צענטערן. איןביידע שיכטן האָט געדאַרפט געפירט ווערן אַן אינטענסיווע פראָפּאַגאַנדיס־טישע און אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט, אויסצובילדן איינצלנע גרופּעס, וואָס זאָלן אין דעם אַנטשיידנדיקן מאָמענט קאָנען אַרויסטרעטן אויף דער היס־טאָרישער אַרענע, און ביז וואָס־ווען העלפן דעם „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט" אין זיין טעראָריסטישער, ד"ה דעזאָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט.

ווען די רעגירונגס־מאַכט וועט שוין דעזאָרגאַניזירט און צעשמע־טערט ווערן דורך דעם אומאויפהערלעכן אָנפאַל פון די טעראָריסטן, ווען די אָרגאַניזירטע גרופּעס אין דער מיליטער און דער אַרבעטערשאַפט וועלן אַרויסברענגען אַן אַלגעמיינע אומרו אין די הויפּט־שטעט און די

וויכטיקסטע צענטערן, — דעמאָלט וועלן די פּאַקטישע מאַכט־האָבער פּאַרלירן זייערע קעפּ, און עס וועט באַשאַפן ווערן די סיטואַציע, וואָס וועט געבן די מעגלעכקייט דער פּאַרטיי אַריינצונעמען די מאַכט אין אירע אייגענע הענט.

וואָס וועט זי טאָן מיט דער דאָזיקער מאַכט? — אין אָט דער פּראַגע האָט דער געדאַנק זיך אַרומגעוויגט צווישן צוויי פּאָליוסן.

אויף איין עקסטרעם זיינען געשטאַנען יענע, וואָס האָבן געמיינט, אַז די פּאַרטיי, ווי אַ רעגירונגס־מאַכט, וועט דאַרפן גלייך צוטרעטן צו דעם סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט. וועגן די פּרטים פון דעם איבערבוי האָט מען ניט געטראַכט און וועגן זיי ניט גערעדט. נאָר אַ פּאָר פּונקטן זיינען געשטאַנען קלאָר און בולט פאַר די אויגן: די סאָציאַליסטישע רעגירונג וועט אָפּשאַפן פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד. אַ צוטריט צו ערד וועט אָפן ווערן פאַר אַלעמען, פאַר אַלע די, וואָס ווילן באַאַרבעטן זי מיט זייערע אייגענע כוחות. און די רעגירונג וועט העלפן די נאָך עקזיסטירנדיקע דאָרף־געמיינדעס, וואָס באַזיצן זייער ערד אויף די יסודות פון קהלשן אייגנטום, זיי זאָלן קאָנען אַריבערגיין צו אַ ריין־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון זייער אַרבעט און פון זייער לעבן.

אויף דעם אַנדערן עקסטרעם זיינען געשטאַנען די, וואָס האָבן געמיינט, אַז די אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג דאַרף באַשטיין נאָר אין דעם, וואָס זי וועט דערקלערן די אַלטע אָרדענונג פאַר אָפּגעשאַפט און וועט צונויפרופן אַ „קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג“, („אוטשרעדי־טעלנאַיע סאָבראַניע“), — די זעלביקע קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג, וועלכע דער „עקזעקוטיוו קאָמיטעט“ פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָ־ליאַ“ האָט, אין זיין אָפּענעם בריוו צו אַלעקסאַנדער דעם דריטן, געפאָ־דערט, ער זאָל צונויפרופן, ווי אַ באַדינג פאַר אָפּשטעלן דעם טעראָריסטישן קאַמף.

די „קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג“, וואָס וועט באַשטיין פון אַ פּויערימשער מאַיאָריטעט, וועט פון זיך אַליין דורכפירן די אַגראַר־רע־פאָרם, ריכטיקער — די אַגראַר־רעוואָלוציע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“, וואָס וועט ווערן דער באַזיס פאַר דעם איבערבוי פון דער גאַנצער גע־זעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

אַזוי אַרום זיינען אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־ספערע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ באַשאַפן געוואָרן יענע צוויי לאָזונגען, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ ראָליע אין דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס רופט זיך „די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע פון 1917“. מען האָט אין יענער צייט, וועגן

װעלכער איך רעד, ניט געהאַט קיין ברעקל אַנונג, אַז צװישן די צװײ סאָציאַל־רעװאָלוציאָנערע לאַזונגען פון דער נאַראָדאָװאָלישער באַװעגונג, — דער „אױטשרעדיטעלנאַיע סאָבראַניע״, — און דער סאָציאַליסטישער רעגירונג פון אַ מינאָריטעט („דיקטאַטור״ בלע״ז) זאָל הערשן אַ װעלכער עס איז אינעװײניקסטער װידערשפּרוך. דער װידערשפּרוך האָט זיך אָבער אַרױסגעריסן עטלעכע און דרײסיק יאָר שפּעטער, אין דעם יאָר 1917. דאָס האָט אָט דער װידערשפּרוך צעשפּאָלטן דעם סאָציאַליסטישן לאַגער פון דער גאַנצער װעלט אין צװײ פּײנטלעכע מחנות, װאָס פירן נאָך העפּטיק זײער ברודער־קאַמף אין דעם מאָמענט, װען איך שרײב דאָס בלעטל פון מײנע זכרונות (אין מערץ 1933). װעט דער קאַמף שױן זײַן אױסגעגליכן, װען די שורות װעלן דערבליקן די ליכטיקע שײַן? . . .

אין דעם אױפקום פון אָט דעם װידערשפּרוך, פון אָט דעם בלוטיקן אַנטאַגאָניזם, האָט זײער אַ װיכטיקע ראָלע געשפּילט יענע געדאַנקען־רע־װיזיע, װאָס איז דורכגעפירט געװאָרן אין דעם צװײטן לאַגער פון דער דעמאָלטיקער רעװאָלוציאָנערער באַװעגונג אין רוסלאַנד, — דעם לאַגער פון דעם „שװאַרצן אומטײל״. איך מײן דאָ דעם אױפקום פון דער רוסישער מאַרקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַרױסגעבראַכט פון געאָרג פּליעכאַנאָװ, פּאַװל אַקסעלראָד און װיערא זאַסוליטש, — די דרײ װיכ־טיקסטע פירער פון דער פּאַרטײ „שװאַרצער אומטײל״.

איך שרײב דאָ ניט די געשיכטע פון דער רוסישער סאָציאַל־רעװאָ־לוציאָנערער באַװעגונג. מײן טעמע איז — מײן אײגענע סאָציאַל־רעװאָ־לוציאָנערע אַנטװיקלונג, אונטער דער װירקונג פון מײנע נאַראָדאָװאָלישע פרײנד. מוז איך מיך דאָ באַנוגענען מיט דער כאַראַקטעריסטיק, װי אַזױ מיר האָבן יענע געדאַנקען־רעװיזיע פאַרשטאַנען אין די יאָרן 1884 — 1885, װײל אױך מיט די פּראָבלעמען, װאָס זי האָט אױפגעהױבן, האָט זיך געדאַרפט באַשעפטיקן אונדזער נײ־געגרינדעטער קרײזל.

געאָרג פּליעכאַנאָװס ערשטע שריפט: „דער סאָציאַליזם און דער פּאָליטישער קאַמף״ איז צו אונדז ניט דערגאַנגען — װײניקסטנס, ניט צו מיר. איך בין מיט איר באַקאַנט געװאָרן ערשט אין אױסלאַנד. דער־גאַנגען צו אונדז איז זײן צװײטע, גרעסערע שריפט: „אונדזערע קאָנ־טראַװערזן״ („נאַשי ראַזנאָגלאַסיאַ״), באַלד נאָך זײער דערשײנען אין אױס־לאַנד. מיר האָבן אין דעם װערק ניט געזען ניט קײן באַזונדערע „אַפּי־קורסות״, ניט קײן אָפּשפּאַלט פון דער אַלגעמײנער באַװעגונג, נאָר אַ נײע באַלײכטונג פון אונדזערע אַלעמענס פּראָבלעמען און אױפגאַבן.

דערגאַנגען צו אונדז איז קודם דער אַלגעמיינער אויספיר אין אַ זייער אויבערפלעכלעכער און איינזייטיקער פאָרם. עס האָט געהייסן: „דער שוואַרצער אומטייל" גייט אַראָפּ פון מאַרק. זיינע פירער האָבן איינגעזען, אַז ניט נאָר קאָן מען ניט פירן קיין סאָציאַליסטישע אַרבעט אין דאָרף, נאָר מען זאָל דאָרטן קיין רעוואָלוציאָנערע אַרבעט ניט פירן. אָבער אויך דער טעראָריסטישער קאַמף דאַרף אָפּגעשטעלט ווערן. אַלע כוחות פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי דאַרף מען קאָנצענטרירן אויף דער אַרבעט צווישן דעם שטאָטישן אַרבעטער־קלאַס, כדי אויסצובילדן פון אים אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, ווי אין דייטשלאַנד.

דער אויספיר איז געווען פאַרבונדן מיט אַ נייעם טעאָרעטישן איינשטעל, דער מאַרקסיסטישער געשיכט־פילאָסאָפיע. אָבער דאָס איז פאַר אונדז געווען ניט אינגאַנצן קלאָר. מיר האָבן זיך אויך באַטראַכט פאַר „מאַרקסיסטן", הגם זיך ניט גערופן מיט דעם נאָמען. מיר האָבן געשטודירט דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל", האָבן מיט גרויס אויפמערק און באַגייסטערונג געלייענט די שריפטן פון פערדינאַנד לאַסאַל. מיר האָבן געזען אין זיי אַ שאַרפע קריטיק פון דעם קאַפּיטאַליזם און אַ גלענצנדיקע פאַרטיידיקונג פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. וואָס איז שייך דעם געשיכטס־פילאָסאָפישן גרונט פון אָט די שריפטן, — דעם באַווייז, ווי אַזוי פון דעם קאַפּיטאַליזם מוז אַרויסוואַקסן דער סאָציאַליזם, האָבן מיר אין דעם געזען אַ „טעאָריע", אַ גלייכבאַרעכטיקטע מיט אַנדערע טעאָריעס, וואָס אַלע זיינען זיי ניט דער עיקר אין דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ובפרט, ווען די מאַרקסיסטישע געשיכטס־פילאָסאָפיע האָבן מיר אויפגענומען ווי אַ בליק אויף דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון יענע מערב־אייראָפּייאישע לענדער, וואו דער קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן דער הויפּט־באַלעבאָס פון דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס. מיר אָבער קעמפן, אַז רוסלאַנד זאָל לכתחילה ניט אַריינפאַלן אין דעם רעדער־ווערק פון דעם קאַפּיטאַליזם. ביי אונדז איז דער קאַפּיטאַליזם נאָך אַ שוואַכינקע פלאַנץ, וואָס קאָן זייער גרינג אויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצלען אין אַ סאָציאַליסטישן איבערקער. האָט די גאַנצע מאַרקסיסטישע געשיכטס־פילאָסאָפיע ניט געהאַט צו אונדז קיין ברעקל פּראַקטישע שייכות.

אַי — דער גרונט־געדאַנק פון דעם מאַרקסיזם, אַז די עקאָנאָמיע איז די וויכטיקסטע טרייבנדיקע קראַפט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן? נו — וואו איז דאָ די נייס פאַר אַ סאָציאַליסט? וואָס איז דען דער סאָציאַליזם, אויב ניט די פאָדערונג פון איבערבויען די עקאָנאָמישע יסודות פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן? און איז דען די דאָזיקע פאָ־

דערונג ניט באַגרינדעט מיט דעם געדאַנק, אַז דער עקאָנאָמישער סדר איז די וויכטיקסטע זאַך אין אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַז מיט דעם איבערבוי פון דער „עקאָנאָמיקע״ מוז זיך אַלץ איבערבויען אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט? — אַזעלכע געדאַנקען זיינען פאַר קיינעם פון די סאָציאַליסטן ניט געווען ניי.

די פּליעכאַנאָווישע פּאָלעמיק אַקעגן דעם גאַנצן ביזאהעריקן סאָציאַליזם דעם רוסישן, — אין זיינע ביידע ריכטונגען, — האָט באַטייט אין אונדזערע אויגן אַן אויסברייטערונג פון דעם אַלגעמיין־סאָציאַליסטישן געדאַנק און אַ באַשטרעבן אַנצואווענדן די אַנטוויקלונגס־געזעצן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אויך אויף אונדזער ניט־קאַפּיטאַליסטישן, אַגראַרישן לאַנד.

די טיפער ליגנדיקע אַרגומענטן פון אָט דעם „מאַרקסיסטישן״ בליק, — וואָס איז זיך אַ טעאָריע, ווי אַלע אַנדערע, — זיינען אונדז געווען אומבאַקאַנט. אָבער אַן אָפּקלאַנג פון דעם ריין־טעאָרעטישן וויכוח איז דערגאַנגען צו אונדז אין דער פאָרם פון אַ פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך געפירט אין די לעגאַלע ראַדיקאַלע צייטשריפטן, צווישן אַ מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל „סלאָוואָ״ („דאָס וואָרט״) און אַ מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל „דיעלאָ״ („די טאַט״). און אָט די פּאָלעמיק האָט שוין געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו אונדזערע נאַראָדאָווּאָלישע פּראָבלעמען.

50

דער קאַמף צווישן פּליעכאַנאָוון מיט דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״

צו די צענטראַלע פראַגן פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע געהערט נאָך עד־היום די פראַגע וועגן דער ראָלע און דעם באַטייט פון דעם פּאָליטישן קאַמף, — פון דעם שטאַט בכלל, מיט זיינע געוואַלט-מיטלען, — פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פאַר דעם איבערבוי פון דער געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. די פראַגע איז אַזוי אַלט, כמעט ווי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג גופא, און איז נאָך ניט פאַר־ענטפערט געוואָרן אַבסאָלוט ביז צום היינטיקן טאָג. נאָר אין יעדן פעריאָד פון דעם סאָציאַליסטישן קאַמף פלעגט די פראַגע באַקומען אַביסל אַן אַנדער אויסזען און גאַנץ אַנדערע טעאָרעטישע באַגרינדונגען.

אין דער צייט, וועגן וועלכער איך שרייב, בעת דוכאָוויטש האָט אין וויטעבסק אָרגאַניזירט אַ נאַראָדאָוואָלישן „שטודיר־קרייזל״, — לאָם איך אים אַזוי אָנרופן, — איז די פראַגע געשטאַנען אין אַזאַ פאָרם: קאָן די „פּאָליטיק״, דער שטאַט מיט זיינע געוואַלט־מיטלען, זיין אַ באַשאַפערישע קראַפט, וואָס זאָל אַרויסברענגען און דורכפירן נייע פאָרמען און יסודות פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן? אָדער קאָן זי, די פּאָליטיק, שפּילן גאָר אַ צעשטערנדיקע ראָלע אין אָפּרייניקן שוין פאַרעלטערטע לעבנס־פאָרמען, אין אָפּשאַפן שטערונגען, אין ריין מאַכן דעם וועג פאַר אַ נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס וועט „פון זיך אַליין״ אַרויסברענגען די אים נייטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות?

אין דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ האָט דעמאָלט געוואונען די אויבערהאַנט אַ ריכטונג, וואָס האָט געלערנט, אַז די „פּאָליטיק״, מיט אירע געוואַלט־מיטלען, איז אַ באַשאַפערישע קראַפט, וואָס קאָן אויפבויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטס־אָרדענונג. טעאָרעטיש האָבן אייניקע פי־רער פון אָט דער ריכטונג זיך געשטיצט אויף די אַרבעטן פון דעם דייטשן סאָציאַליסט, אייגען דיוהרינג. די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ האָט דעריבער אַרויסגערוקט פאַר דער פּאַרטיי די אויפגאַבע „צו פאַרכאַפּן״ אין אירע

הענט די שטאָטלעכע מאַכט („זאַכוואַט וולאַסטי"), און צוליב דעם זאָל געפירט ווערן דער פּאָליטישער, טעראָריסטישער קאַמף.

די פּאַרטיי פון דעם „שוואַרצן אומטייל" האָט גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן פון אַ פּאָליטישן קאַמף. דער וויכטיקסטער טעאָרעטיקער פון אָט דער פּאַרטיי, געאָרג פּליעכאַנאָוו, האָט אין דעם פּאַרטיי־אָרגאַן געקעמפט פאַר דעם געדאַנק, אַז די איינציקע באַשאַפערישע קראַפט אין דער געשיכטע איז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג. די פּאָליטיק איז נאָר אַ שאָטנהאַפטע אָפּשפּיגלונג פון איר. אָבער די פּאַרטיי פון דעם „שוואַרצן אומטייל" איז שוין אין יענער צייט געווען אַ פונאַנדערגעפאַלענע. אירע וויכטיקסטע פירער — געאָרג פּליעכאַנאָוו, פּאַוועל אַקסעלראָד און וועראַ זאַסוליטש — זיינען שוין געווען עמיגראַנטן אין אויסלאַנד. דאָרטן זיינען זיי באַקאַנט געוואָרן מיט די טעאָריעס און די קאַמף־מעטאָדן פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און פּלעכאַנאָוו איז, אין הסכם מיט זיי, געקומען צו אַן אַנדער בליק אויף דעם באַטייט פון דעם פּאָליטישן קאַמף. איך וואָלט דעם נייעם בליק געפאָרמולירט אַזוי: די „פּאָליטיק" האָט טאַקע ניט אין זיך קיין באַשעפערישע קראַפט. איז אָבער אויך ניט קיין פּאַסיווע שאָטנהאַפטע אָפּשפּיגלונג, ווי דאָס האָט פריער פאַלש געלערנט דער „שוואַרצער אומטייל". די פּאָליטיק איז, אַזוי צו זאָגן, אַ נויטווענדיקער אינסטרומענט אין די הענט פון דעם געשיכטלעכן „בוי־מייסטער", דעם עקאָנאָמישן פּראָצעס. די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איז דעריבער געווען גערעכט, ווען זי האָט געפאָדערט, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זאָל פירן אַ פּאָליטישן קאַמף. אָבער אויב זי גלייבט, אַז מען קאָן שוין איצטער אין רוסלאַנד דורכפירן מיט די גוואַלט־מיטלען פונעם שטאַט דעם סאָציאַליזם, פאַלט זי אַריין אין אַ שעדלעכער און געפערלעכער אילוזיע. שטרעבן „צו פאַרכאַפּן די מאַכט" שוין איצטער — הס מלהזכיר!

אין די אויסלענדישע קרייזן פון דער רוסישער עמיגראַציע האָט זיך צווישן דער נייער, פּלעכאַנאָווישער, ריכטונג און די „נאַראָדאָוואָלן" געפירט אַ העפטיקער פּאָלעמישער קאַמף אַרום אָט דער צענטראַל־פראַגע. מיר, אין דער רוסישער פּראָווינץ, זיינען ניט באַקאַנט געווען מיט די פּרטים און דיקדוקים פון יענער פּאָלעמיק. אָבער אַן אָפּקלאַנג פון דעם קאַמף איז דערגאַנגען צו אונדז אין דער לעגאַלער, ראַדיקאַלער פּרעסע. צוויי בלומרשט לעגאַלע שריפטשטעלער, נ. רוסאַנאָוו און איינער אַ קאָל־צאָוו, האָבן זיך טעאָרעטיש מתווכח געווען — גלאַט אין דער וועלט אַריין — וועגן די שייכותן צווישן דער „עקאָנאָמיקע" און דער „פּאָליטיקע". נ. רוסאַנאָוו האָט אין חודש־שריפט „סלאָוואָ" („דאָס וואָרט") פאַרטיידיקט

דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער „כל־יכול" אין דער געשיכטע איז די „עקאָ־נאָמיקע". קאָלצאָוו האָט אין חודש־שריפט „דיעלאָ" („די טאַט") געלייגט די הויפּט־וואָג אויף דער באַשאַפערישער ראָלע פון דער „פּאָליטיקע", פונעם שטאַט מיט זיינע גוואַלט־מיטלען.

מיר האָבן געוואוסט, אַז דער טעאָרעטישער קאַמף פירט זיך ניט „גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין". קאָלצאָוו איז געווען אַ מיטגליד פון דעם באַרימטן „עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי נאַראָדנאַיאַ וואָ־ליאַ", וואָס האָט „אַראָפּגענומען" אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. שפּעטער, שוין אין אויסלאַנד, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען ליעוו טיכאָמיראָוו אַליין, דער דעמאָלטיקער פירער פון דער נאַראָדאָוואָלישער פּאַרטיי.

זאָל דאָ, אגב, באַמערקט ווערן, אַז רוסאַנאָוו האָט זיך אונטערגעגעבן און איז, אַוועקפאָרנדיק קיין אויסלאַנד, צוגעשטאַנען צו די „נאַראָדאָוואָלן". נאָך שפּעטער, אין דעם אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, איז ער, מיט די שיריים פון דער נאַראָדאָוואָלישער אָרגאַניזאַציע אַריינגעטראָטן אין דער ניי־אויפגעקומענער „פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן", ווי איך וועל דאַרפן דערציילן וועגן דעם מער באריכות, ווען מיר וועלן קומען דערצו. טיכאָמיראָוו אָבער איז אין די יאָרן 1887־1888 געוואָרן אַ בעל־תשובה. ער האָט זיך עפנטלעך געשלאָגן על־חטא פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע זינד בכלל און די טעראָריסטישע בפרט, איז געוואָרן אַ פאַנאַטישער אָנהענגער פון דעם אַלמעכטיקן צאַריסטישן שטאַט, איז געפאַלן צו זיינע פיס און האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט פאַרטיידיקט דעם צאַריזם אַנטקעגן יעדן רעוואָלוציאָנערן אָנפאַל. קיינער פון די רעוואָ־לוציאָנערן האָט ניט חושד געווען טיכאָמיראָוון אין וועלכע עס איז אומ־ריינע פּערזענלעכע מאָטיוון. ער האָט דערלעבט דעם פאַל פון דעם צאַריזם אין דעם יאָר 1917 און איז געשטאָרבן אין פרידן אונטער דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער ענין אינעם ווינטער 1884־1885.

אונדזער קרייזל האָט זיך אויפן ערשטן פּלאַן אַוועקגעשטעלט די אויפגאַבע, פונאַנדערצוקלייבן זיך אין דער געשיכטלעכער ראָלע פון דער „עקאָנאָמיקע" און „פּאָליטיקע" אויף דעם סמך פון רוסאַנאָווס און קאָלצאָווס אַרטיקלען. מיר האָבן זיי דורכגעלייענט פאַר זיך, אין דער היים. דערנאָך זיינען געהאַלטן געוואָרן ספּעציעלע רעפעראַטן וועגן יעדן אַרטיקל באַזונדער, און ערשט דערנאָך האָבן זיך געפירט דיסקוסיעס.

פון די דיסקוסיעס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער געשיכטלעכער מאַטעריאַל אין די אַרטיקלען איז צו־קנאַפּ, מען זאָל באמת קאָנען געפינען אַן ענטפער אויף דער שאלה מיט אַ וועלכן עס איז גראַד פון זיכערקייט. מען מוז זיך אויפהייבן צו די ערשטע קוואַלן פון דעם געשיכטלעכן לעבן, צו דער אור־געשיכטע פון דער מענטשהייט, און זען, וואָס עס טוט זיך דאָרטן. מיט די קלאַסישע אַרבעטן פון אַ טעילאָר און אַ לעבאָק וועגן דעם אויפקום פון דער מענטשלעכער קולטור און ציוויליזאַציע זיינען מיר געווען באַקאַנט. קיין סך הילף אין דער אונדז אינטערעסירנדיקער פראַגע האָבן זיי ניט געגעבן. אָבער דאָ איז אַרויסגעשוואומען אַ נייער נאָמען מיט אַ נייעם בליק אויף דער אורגעשיכטע: מאָרגאַנס „אָנהייב פון דער ציוויליזאַציע". אַ לאַנגער באַריכט וועגן דעם בוך איז שוין אויך געווען אין דער לעגאַלער ראַדיקאַלער פּרעסע. האָבן מיר זיך געמוזט אַ נעם טאָן פאַר מאָרגאַנען. און דאָ זיינען מיר אַריינגעקראָכן, ווי אין אַ געדיכטן וואַלד. דער גרעסטער טייל פון דער אַרבעט איז באַשטאַנען אין דער באַשרייבונג פון די קרובהשאַפט־גראַדן ביי די פּרימיטיווע אינ־דיאַנישע שבטים און די כללים, ווער מיט וועמען עס האָט געמעגט חתונה האָבן. אויף דעם סמך פון די אַרטיקלען האָבן מיר זיך בשום אופן ניט געקאָנט פונאַנדערפּלאָנטערן אין דעם זייער פאַרוויקלטן ענין, אַריינטראָגן אַ וועלכע עס איז אָרדענונג אין די קאָמפּליצירטע קרובהשאַפטן. ביז דר־כאַוויטשעס קאָנסטרוקטיווער קאָפּ האָט געפונען דעם אויסוועג. בעת מיר האָבן זיך געאַמפּערט איינער מיט דעם אַנדערן וועגן דעם אָדער יענעם טייל פון דער קרובהשאַפט סיסטעם, איז ער זיך געזעסן פאַרטיפט און געצייכנט עפּעס מאַטעמאַטישע פיגורן. איך האָב געמיינט, ער טוט דאָס פאַרטראַכטערהייט, אָן אַ שייכות צו אונדזער ענין. נאָר, פלוצים האָט ער שנעל אָנגעצייכנט אַ פיגור, אַ פאָר־געטאָן מיט זיינע פינגער דורך זיינע לאַנגע האָר און האָט אונדז טריאומפירנדיק מיטגעטיילט:

— אָט ווי דאָס קומט אויס!

ער האָט אונדז באַוויזן אַ פּאָר מאַטעמאַטישע פיגורן, — ראָמבן, ווי מיר געדענקט זיך קלאָר עד־היום. די זייטן און די דיאַגאָנאַלן זייערע זיינען באַצייכנט געווען מיט די איינצלנע קרובהשאַפטן. פיילן זיינען גע־פלויגן פון איין ליניע צו דער אַנדערער, און דער גאַנצער פאַרפּלאָנטער־טער ענין איז מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר. עס איז געווען אַ זייער גראַ־טענע אילוסטראַציע. עס איז באמת געווען גאָר אַ גרויסער חידוש, וואָס די אינסטינקטיווע פאַרפּלאָנטערטע אָרגאַניזאַציע פון דעם פּרימיטיוון פאַמיליען־לעבן ביי די אינדיאַנישע שבטים זאָל אין תוך האָבן געווען

אַזוי סימעטריש געבויט און זאָל זיך לאָזן איינאָרדענען אין אַזעלכע רעגל־מעסיקע מאַטעמאַטישע פיגורן. וואויל ווי די וועלט! אָבער . . . וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו דער גרונט־פראַגע? וואו איז דער עקאָנאָמישער יסוד פאַר אַזאַ קאָמפּליצירטן, אָבער סימעטרישן בנין פון אַ פאַמיליען־לעבן? וויפיל מיר האָבן זיך ניט געפּרואווט מפלפל זיין וועגן דער פּרימיטיווער „עקאָנאָמיקע" פון די אינדיאַנישע שבטים, האָבן מיר קיין ענטפער אויף דער שאלה ניט געפונען.

(איך וויל דאָ באַמערקן אין האַלבע לבנות: אויך אין דער אַרבעט פון פרידריך ענגעלס וועגן דעם „אויפקום פון דעם שטאַט, דעם פּריוואַט־אייגנטום און דער פאַמיליע", וואָס גיט זיך פיל אָפּ מיט מאָרגאַנס בוך, איז קיין ענטפער אויף דער שאלה ניט פאַראַן).

איך דערצייל דאָ דעם עפּיזאָד מחמת אַ פּאָר, ווי איך גלייב, וויכטיקע טעמים. קודם איז דאָס אַ ביישפּיל, מיט וועלכע פראַגן מיר האָבן זיך דעמאָלט ארומגעפּלאָגט. דערנאָך באַווייזט דער עפּיזאָד, ווי ענג עס איז ביי דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט שוין דעמאָלט געווען דער צונויפבונד פון ריין־טעאָרעטישע, סאָציאָלאָגישע און געשיכטס־פילאָסאָפישע פראַגן מיט די פּראָבלעמען פון דעם דירעקטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

אַ צונויפבונד פון אַן אַלגעמיין־פילאָסאָפישער וועלט־אַנשויאונג מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט אַלעמאָל געהערשט סיי אין מערב־אייראָפּע, סיי ביי אונדז אין רוסלאַנד. אָבער פריער זיינען אָט דיביידע זאַכן ניט געווען אַזוי צונויפגעוואַקסן, ווי זיי האָבן געוואָרן שפּעטער. ווען עס איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע וועגן די שייכותן צווישן „עקאָנאָמיקע" און „פּאָליטיקע". פריער האָבן מיר געוואוסט, זאָגן מיר, אַז ווער עס איז אַ סאָציאַליסט, דאַרף אין דער זעלביקער צייט זיין אַ מאַטעריאַליסט און אַן אַטעאיסט, אָדער לכל הפחות אַן אַגנאָסטישער עמפּיריקער, וועלכער האַלט זיך נאָר פאַר די דאַטן און די געזעצן פון דעם „וויסנשאַפטלעכן דענקען" אין די ענינים פון דער נאַטור־וויסנשאַפט. אָבער, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו די טאַקטישע שריטן פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף? גאָר קיין שייכות ניט! מען גייט אין דאָרף צו די פּויערים, ווייל מען רעכנט פּראַקטיש, אַז מען קאָן זיי אויפהייבן אין אַן אויפשטאַנד קעגן אַלע אונטערדריקנדיקע קלאַסן. מען זאָגט זיך אָפּ צו גיין אין דאָרף, ווייל ווען מען קומט אַהין מיט דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע נעמט דער פּויער און פאַרדרייט דעם רעוואָלוציאָנערס הענט אַהינטער דעם רוקן, בינדט זיי צונויף מיט אַ שטריקל און פירט דעם רעוואָלוציאָנער אין סטאַן אַריין. אויך זייער פּראַקטיש און קלאָר. גייט מען צוריק אין

שטאַט און מען דרוקט פּראָקלאַמאַציעס קעגן דעם קיסר. קומען די זשאַנדאַרן, פאַרכאַפּן די פּראָקלאַמאַציעס און פירן דעם רעוואָלוציאָנער אויף דער תליה. (אַ פאַקט!). מאַכן די רעוואָלוציאָנערן באָמבעס און טייטן דעם קיסר. ווידער פּראַקטיש און לאָגיש קלאָר. אין אַ מלחמה, ווי אין אַ מלחמה.

אָבער איצטער איז דער צונויפבונד פון טעאָריע און פּראַקטיקע אויסגעקומען עפּעס משונה-ווילד. עס האָט אויסגעזען אַן ערך אַזוי: אויב די פאָרמען פון דעם פאַמיליען-לעבן ביי די אינדיאַנישע שבטים וואַקסן ניט אַרויס פון דעם עקאָנאָמישן לעבן, נאָר האָבן גאָר אַ זעלבסט־שטענדיקן מקור, אַן אומאָפּהענגיקן פון דער „עקאָנאָמיקע", דעמאָלט קאָן מען זיך שטעלן די אויפגאַבע דורכצופירן דעם סאָציאַליזם מיט די גוואַלט־מיטלען פון דעם שטאַט. אויב אָבער עס זאָל זיך חלילה אַרויסווייזן, אַז ביי די איראָקעזן אין נאָרד־אַמעריקע זיינען די פאַמיליען־פאָרמען דירעקט אַרויסגעוואַקסן פון דעם עקאָנאָמישן אונטערגרונט, איז דעמאָלט טאָר מען ניט טראַכטן וועגן דעזאָרגאַניזירן די צאַרישע רעגירונג אין רוסלאַנד און — מיט דער הילף פון אויפשטאַנדן אין די צענטערן — אַריבערפירן די מאַכט אין סאָציאַליסטישע הענט. „פאַרכאַפּן די מאַכט"? — חיות ניט זיכער!

אַזאַ משונה־ווילדער צונויפבונד פון טעאָריע און פּראַקטיקע עקזיס־טירט נאָך עד היום ביי אַ גרויסער מאַיאָריטעט פון די מאַרקסיסטן. זי האָט דעמאָלט געהערשט אויך ביי אונדז. אָבער מיר האָבן די דאָזיקע ווילדקייט ניט באַמערקט.

די אַרבעט פון דעם קרייזל איז אָבער פאַרט געוועזן זייער אַ פּרוב־פערע, ווייל זי האָט געוועקט אונדזער גייסט, באַרייכערט אונדזערע קענטעניש און געשאַרפט אונדזערע מוחות.

51

מיין רעוואָלוציאָנערער יידישער פּראָגראַם

ווי שוין פריער אָנגעמערקט, איז אונדזער קלייזל באַשטאַנען פון נאַראָדאָוואָלן. אַ טייל איז נאָך איצטער געווען פאַרבונדן דירעקט מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אַ טייל האָט נאָר אידייאיש באַלאַנגט צו דער נאַראָדאָוואָלישער ריכטונג. האָט אונדזער קרייזל זיך באַשעפ־טיקט נאָר מיט טעאָרעטישע דיסקוסיעס, אָדער ער האָט אויך געפירט אַ פּראַקטישע, ריין־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט?

ווי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, האָט ער דאָס ניט געטאָן און האָט גאָר ניט געטאָרט דאָס טאָן. ער האָט זיך געגרינדעט מיט דעם קלאָר אויסגע־שפּראָכענעם, איין־איינציקן ציל: שטודירן און פונאַנדערקלייבן זיך אין די פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז ניט גע־ווען צוליב אַן אויסרייד פאַר דער זשאַנדאַרמעריע, אויב דאָס קרייזל זאָל דורכפאַלן. אַזאַ אויסרייד אַליין וואָלט אין יענער צייט געווען אַ גענוג האַרבער פּאָליטישער פאַרברעכן. אַזאַ ציל האָבן מיר זיך געשטעלט, ווייל דאָס איז באמת געווען אַ לעבענסנויט פאַר דער נאַראָדאָוואָלישער פּאַרטיי. ניט נאָר איז געווען צעשלאָגן די אַלטע אָרגאַניזאַציע אירע, עס האָבן זיך אויך געוואַקלט אַלע אירע גייסטיקע יסודות. זיי האָבן געדאַרפט אָפּגע־קלערט און פאַרפעסטיקט ווערן.

אין אויסלאַנד האָב איך מיך שפּעטער געטראָפן מיט רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אין רוסלאַנד, און אין אַנדערע שטעט, כמעט אין דער זעלבי־קער צייט גענומען אַן אָנטייל אין אַזעלכע קרייזלעך. פון פילע פון זיי האָבן זיך שפּעטער געראַקרוטירט די רעוואָלוציאָנערע טוערס. אייניקע זיינען געבליבן טריי דעם נאַראָדאָוואָלישן איינשטעל. אַנדערע זיינען אַרי־בער אויף פּלעכאַנאָוס שטאַנדפּונקט און האָבן אויסגעבילדעט די קערנד־לעך, פון וואַנען עס איז אויסגעוואָקסן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. ווידער אין אַנדערע האָבן זיך געפירט העפטיקע טעאָרעטישע קאַמפן צווישן די נאַראָדאָוואָלן און די, וואָס האָבן זיך שוין גערופן „סאָציאַל־דעמאָקראַטן״. פון קיין סעקטאַנטישן פונאַנדערשפּאַלט צווישן די צוויי ריכטונגען האָט מען אָבער דעמאָלט נאָך ערגעץ־ניט געהערט.

צו אַזאַ געמישטן קרייזל האָבן, צום ביישפּיל, געהערט ד. פּאַסמאַניק און ב. קריטשעווסקי, — שפּעטער גוט־באַקאַנטע נעמען אין דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג און אין דער רוסישער עפנטלעכקייט. ווי פּאַסמאַניק האָט מיר אַמאָל אין צירוך דערציילט, פלעגן זיי ביידע, — געדענקט זיך, נאָענטע קרובים, — טאָג אויס טאָג איין פירן דעם טעאָרעטישן גראַנגל. יעדער האָט געהאָפט אַריבערצוציען דעם אַנדערן אויף זיין צד. „און מיר זיינען ביידע געווען אַזוי דערפאָלגרייך”, האָט מיר דערביי דער וויצי־קער פּאַסמאַניק באַמערקט, „אַז איך, דער סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָב גע־מאַכט קריטשעווסקין פאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און ער, דער נאַראָדאָוואָל, האָט מיך אַריבערגעצויגן צום נאַראָדאָוואָלנטום”...

אין אונדזער קרייזל האָט אַזאַ זאַך ניט פּאַסירט. צי אויך די אַנדערע קרייזלעך האָבן געאַרבעט אַזוי טיף ערנסט אויף דער אויסבילדונג פון זייער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן וועלט־באַנעם, ווי אונדזערער, ווייס איך ניט. נאָר איך האָב אָפט געטראַכט, אַז אויב אַזעלכע קרייזלעך, ווי אונדזע־רער, וואָלטן זיך דעמאָלט געבילדעט אומעטום, וואָלטן זיי באמת געקאָנט אויסבילדן אַן אַרמיי פון דורכגעשולטע קריטיש־דענקענדיקע נאַראָדאָוואָלן. די קרייזלעך וואָלטן געווען דער וואַרביר־פּלאַץ פאַר אַקטיווע קעמפער. די אַנדערע וואָלטן, ווי אָרגאַניזירטע גרופּעס, געבילדעט די רעזערוו־אַרמיי און דעם באַזיס פאַר דער פּאַרטיי אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס האָב איך געטראַכט שוין דעמאָלט, ווען איך האָב מיך נאָך ניט באַשלאָסן צוצושטיין אַקטיוו צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איך האָב אָבער דעמאָלט ניט געוואוסט, — און קיינער פון אונדז האָט דאָס ניט געקאָנט וויסן, — אַז מיר געפינען זיך אין אַ פּעריאָד ניט נאָר פון דער פּאָליטישער רעאַקציע, נאָר אויך פון דער געזעלשאַפטלעכער.

דאָס אַלץ האָבן מיר ניט געוואוסט, און אונדזערע האָפענונגען האָבן נאָך אַלץ געקרייזט מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען אין דעם בלויען מרחב פון אַ פאַנטאַסטישן גלויבן פאַר גאָר דער נאָענטסטער צוקונפט. עס איז פאַר אונדז קיין ספק ניט געווען, אַז מיר שטייען שוין אויפן שוועל פון גאָר גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען.

נאָר — איך האָב אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דער פּראַקטיש־רעוואָלו־ציאָנערער אַרבעט פון אונדזער קרייזל. ווי געזאָגט, האָט ער, ווי אַ גרופּע ניט געקאָנט נעמען קיין אַנטייל אין איר. אָבער דוכאָוויטש, לוקאַשעוויטש און קאָליאַ זיינען תמיד געווען פאַרנומען מיט „העכסט־קאָנספּיראַטיווע” ענינים. איצטער ווייס איך, אַז דאָס איז געווען זייער אַן אָרעמלעכע טע־טיקייט, — בפרט, ווען מען מעסט זי מיט די שפּעטערדיקע מאָסן, ווען

עס האָט זיך ווידער באַוויזן דער צופלוס פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע און אירע וואַלן האָבן געשלאָגן הויך. די טעטיקייט איז באַשטאַנען טייל'ס אין באַציאונגען צו אַ וועלכן עס איז „צענטער״, וואָס האָט זיך נאָך ווי עס איז געהאַלטן, כדי צו באַקומען פון דאָרטן די איללעגאַלע ליטעראַטור, אַוועקשיקן אַהין געלט אָדער געפעלשטע שטעמפּלען פאַר פּאַספּאָרטן וכדומה; טיילס — אין ליקווידירן זאַכן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם דורכפאַל פון דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע.

מיין אייגענע ראָליע דערביי, — די ראָליע פון אַ פּריוואַטן העלפער,— איז זעווען זייער אומבאַדייטנדיק. דוכאָוויטש פלעגט מיר געבן אויף צו באַהאַלטן געוויסע פּעקלעך, ווייל איך האָב געהאַט אַ טייערן אָרט דערפאַר. אַ פּאָר מאָל איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן אין דער פּראָווינץ, אין דוכאָ־וויטשעס אַ שליחות, צו זען זיך מיט דעם אָדער יענעם מענטשן און עפּעס־וואָס איבערגעבן אים. איינמאָל, געדענק איך, האָב איך געהאַט איבערצו־געבן אַ שיפרירט בריוועלע, אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, וואָס דוכאָוויטש האָט אריינגענייט אין מיינע אונטער־הויזן.

אויף וויפיל דאָס איז באמת געווען אַזוי וויכטיק, ווייס איך ניט. ווי איך זע איצטער, האָט דער אויסגעצייכנטער מענטש, דוכאָוויטש, ליב געהאַט דעם גאַנצן ענין פון „קאָנספּיראַציע״. איך בין אָבער דעמאָלט ניט געווען אין ספק, אַז מסתמא דאַרף מען אין אָט דעם פאַל אָנווענדן די העכסט־מעגלעכע פאָרזיכט.

געהאָלפן אין אַזוינע ארבעטן האָב איך ניט דערפאַר, וואָס איך האָב שוין באַשלאָסן צוצושטיין צו דער פּאַרטיי. עס איז מיר נאָך אַלץ ניט געווען קלאָר, וואָס פאַר אַ שייכות די אַלגעמיין רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט צו מיינע יידיש־נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען. זאָלן יידן נעמען אַן אַנטייל אין דער רעוואָלוציע, ווי יידן? וואָס האָבן זיי, ווי יידן, צו דער־וואַרטן פון איר, אויב מען זאָל זיך באַפרייען פון אונדזער בורזשואַזער בענק־שאַפט נאָך „גלייכע רעכט״ פאַר האַנדל און געשטודירטע פּראָפעסיעס? געהאָלפן האָב איך ניט ווי אַ פּאַרטיי־מענטש, און אפילו ניט ווי אַ רעוואָלו־ציאָנער, וואָס באַטראַכט אַזאַ אַרבעט פאַר דער אויפגאַבע פון זיין לעבן. געהאָלפן האָב איך פון דעם נאַטירלעך־מאָראַלישן חוב צו העלפן אַן אַרבעט, וואָס איז אים טייער און אין וועלכער ער גלייבט.

קודם איז אין מיר איינגעפּעסטיקט געוואָרן דער נאַראָדאָוואָלישער איינ־שטעל פון ארבעט צוליב אַ באַלדיקער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, דורכ־געפירט מיט אַלע מיטלען פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַט.

ס'איז אמת, אַז טעאָרעטיש און ריין וויסנשאַפטלעך קאָן מען ניט באַ־טראַכטן פאַר באַוויזן, אַז דער שטאַט האָט אין זיך אַזאַ באַשעפערישע, כל־יכולדיקע מאַכט. אין דעם פּרט בין איך זיך להלוטין פונאַנדערגעגאַנגען מיט קאַלצאַווס דירינגיאַנישער קאָנצעפּציע. פון דער אַנדערער זייט האָט אויך די „עקאָנאָמיסטישע" ריכטונג ניט געקאָנט וויסנשאַפטלעך באַווייזן איר טעאָריע. דאָרטן אָבער, וואו עס שווייגט דער גזר־דין פון דער ריינער וויסנשאַפט, — דאָרטן דאַרפן אויף דעם ערשטן פּלאַן אַרויסטרעטן די פאַ־דערונגען פון דער מענטשלעכער מאָראַל.

אין זיי דאַרף דער רעוואָלוציאָנער זוכן די באַגרינדונג פון זיינע געזעל־שאַפטלעכע אידעאַלן. די פאָדערונגען פון דער מענטשלעכער מאָראַל רעדן אָבער צו קלאָרע רייד, אַז יענע אידעאַלן דאַרפן צונויפפאַלן מיט דער אָפּשאַ־פונג פון אָרעמקייט, פון לעבן אויף דעם אַנדערנס חשבון, און מיט אַ סאָציאַ־ליסטישער לעבנס־פאָרם, געבויט אויף דער סאָלידאַריטעט פון אַלע אַרבעטנ־דיקע שיכטן.

וואָס איז שייך דעם פּראַקטישן דורכפיר פון יענע אידעאַלן, דאַרף מען זיך רעכענען מיט די עמפּירישע דאַטן פון דעם לעבן און דעם אָנווייז פון דעם שכל הישר. וואַרפט מען אַ בליק אויף די רעאַלע קרעפטן, וואָס ווירקן אין דעם עפנטלעכן לעבן, קאָן דאָך קיינער ניט לייקענען, אַז די שטאַרקסטע, די ווירקזאַמסטע קראַפט, איז די רעגירונג מיט אירע מאַכט־מיטלען (פאַרגעסט ניט: געטראַכט — אונטער צאַרישן רעזשים פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן!). אויב אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קאָן פאַרכאַפּן אין אירע הענט אָט די קאָלאָ־סאַלע רעגירונגס־מאַשין, קאָן זי דאָך טאַקע ניט נאָר צעשטערן די אַלטע יסודות פון דעם לעבן, נאָר אויך אויסבויען נייע, סאָציאַליסטישע יסודות פאַר אים. ווער וועט איר דען קאָנען געבן אַן ערנסטן ווידערשטאַנד? מיר, אין רוסלאַנד, האָבן ניט קיין מעכטיקע בורזשואַזיע, וואָס פון איר זאָל עקאָ־נאָמיש אָפּהענגען דאָס לעבן פון די אַרבעטאָרישע מאַסן, און וואָס זאָל קאָנען זיי שלעפּן נאָך זיך. דער הויפּט-עקספּלואַטירנדיקער קלאַס איז ביי אונדז דער פּריצים־שטאַנד. זיין מאַכט איז ניט קיין עקאָנאָמישע, נאָר אַ יורידישע, — דאָס אייגנטום־רעכט אויף ערד, — און אַ פּאָליטישע, די שטיצע מצד דער צאַרישער רעגירונג. וואַרפט מען זי אַראָפּ, פאַרפליט ווי רויך די גאַנצע מאַכט פון דעם פּריצימשן שטאַנד. אין לאַנד בלייבן, ווי ווירקנדיקע קרעפטן, נאָר די אַרבעטאָרישע מאַסן און די סאָציאַליסטישע רעגירונג, וואָס וועט דינען זייערע אינטערעסן.

איז די רעגירונג איינמאָל אַריבער אין סאָציאַליסטישע הענט, איז דער וועג אַבסאָלוט אָפן און פריי פאַר אַ סאָציאַליסטישן איבערבוי. בלייבט די

פראַגע, צי קאָן מען „פאַרכאַפּן די מאַכט". אָבער — פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אוממעגלעך? דער טעראָריסטישער קאַמף קאָן דעזאָרגאַניזירן די רעגירונג, אויפשטאַנדן — מיליטערישע און פון דער שטאָטישער אָרעמקייט, — קאָנען פאָרקומען אין די הויפּט־שטעט און אין די גרעסערע צענטערן. שוין געווען אַזוינע זאַכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. און ביי אַזאַ סיטואַציע איז בפירוש ניט אויסגעשלאָסן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגעפירט אי מיט דעם טעראָריסטישן אָנפאַל, אי מיט דער צוגרייטונג פון אירע אָנהענגער אין דעם מיליטער און אין דער „אָרעמקייט" („ביעדנאָטאַ"), — דער עיקר, ביי די שטאָטישע ארבעטער, — זאָל גראָד זיין די פּאַרטיי, וואָס וועט באַקומען אין אירע הענט די רעגירונגס־מאַכט. און ווי באַלד אַזאַ מעגלעכקייט איז ניט אויסגעשלאָסן, ליגט א מאָראַלישער חוב אויף דער פּאַרטיי, זי זאָל די דאָזיקע מעגלעכקייט פאַרוואַנדלען אין אַ ווירקלעכקייט.

ווי זאָל זי דורכפירן דעם סאָציאַליסטישן איבערבוי? דורך איר אייגענער מאַכט, אָדער דורך אַ „קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג"? אויך אויף אָט דער פראַגע האָט זיך ביי מיר איינגעשטעלט אַ קלאָרער בליק. פאַר־כאַפּנדיק די מאַכט, דאַרף די פּאַרטיי קודם כל אליין דערקלערן דעם פּרינציפּ פון אַרבעטאַרישקייט און דורכפירן מיט איר אייגענער מאַכט די וויכטיקסטע זאַך: די אַגראַר־רעפאָרם. די ערד דאַרף ניט פשוט אַוועקגעגעבן ווערן צו די איצטיקע פּויערים, נאָר עס דאַרף דערקלערט ווערן, אַז די ערד איז פריי פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל זי באַאַרבעטן מיט זיינע אייגענע הענט. דערנאָך ערשט דאַרף צונויפגערופן ווערן די „קאָנסטיטואירנדיקע פאַרזאַמלונג", אויף אויסצואַרבעטן די פאָרמען און געזעצן פון דעם נייעם לעבן.

איך געדענק גאַנץ גוט, אַז מיר האָבן אין דעם קרייזל אַרומגערעדט אָט דעם וויכטיקסטן פּרט פון דער אַגראַר־רעפאָרם. זאָל זי זיין נאָר לטובת דער איצטיקער פּויערימשאַפט, אָדער דער צוטריט צו ערד זאָל זיין פריי, אַפילו פאַר די איצטיקע פּריצים? דער פּועל יוצא פון דער אונטעררעדונג איז געווען, אַז די אַגראַר־רעפאָרם דאַרף דורכגעפירט ווערן אַזוי, אַז יעדער איינער, וואָס וויל זיך באַשעפטיקן מיט ערד־אַרבעט, זאָל האָבן אַ פרייען צוטריט צו דער ערד. מיר האָבן איינגעזען, אַז פאַר אַ גרויסן טייל שטאָטישע „מיעשטשאַנעס", וואָס „האַנדלען", לויט סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס אויסדרוק, „מיט שטויב און קאָנען אַלץ ניט אַרויף אויף אַ גרינעם צווייג" — וואָלט געווען אַ גרויסער גליק, ווען זיי וואָלטן געפונען זייער חיונה אין דאָרף. די רעגירונג וועט דאַרפן העלפן די „מיעשטשאַנעס" אין דעם אַריבערגאַנג צו ערד־אַרבעט. אַגב, איז די דאָרף קאָמונע, כנוסח טשערנישעווסקי, אַלץ

נאָך פאַרבליבן פאַר אונדז די פונדאַמענטאַלע „איינס״ פון אַ סאָציאַליסטישער וועלט־אָרדענונג.

אויב אָבער די ערד וועט, גלייך נאָך דעם סאָציאַליסטישן איבערקער, ווערן פריי אויך פאַר מיעשטשאַנעס, הייסט עס, אויך פאַר יידן. אויך אונדז וועט די רעגירונג דאַרפן העלפן אין דעם איבערגאַנג, וואָס וועט פאַר אונדז זיין אַן אמתע רעוואָלוציע אין אונדזער לעבן. דורכפירן זי וועלן דאַרפן די יידישע סאָציאַליסטן.

אָט דאָ איז פאַר מיר געפונען געוואָרן דער הויפט־פונקט, אין וועלכן די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַל־יידישער ווידערגעבורט בינדן זיך צונויף מיט די האָפענונגען אויף דער רוסישער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

52

נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג און זעלבסטפאַרוואַלטונג

מיין אַרבעט מיט די רוסישע חברים פון דוכאָוויטשעס נאַראָדאָוואָלישן קרייזל האָט פאַר מיר קלאָר געמאַכט, פאַרוואָס מיר, יידן אין רוסלאַנד, דאַרפן זיך אָנשליסן אָן דער רעוואָלוציאָנערער נאַראָדאָוואָלישער באַוועגונג. (קיין אַנדער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז דעמאָלט אין רוסלאַנד אי שוין ניט געווען, אי נאָך ניט געווען).

קודם־כל דאַרפן מיר דאָס, צוליב דער נייטיקייט, מיר זאָלן אין אונדזער עקאָנאָמישן לעבן אַריבערגיין דער עיקר אויף ערד־אַרבעט. אַ נאַראָדאָוואָלישע רעגירונג וואָלט אונדז, ווי „מיעשטשאַניעס", פאַרשאַפט אַ פרייען צוטריט צו דער ערד און וואָלט אונדז געגעבן די מיטלען איינצוראָרדענען זיך לויט די נייע, סאָציאַליסטישע געזעצן פון דעם לאַנד.

אָבער ניט נאָר פון אַן עקאָנאָמישן, אויך פון אַ נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט איז נייטיק אַזאַ אָנשלוס אָן דער באַוועגונג. מיר האָבן דעמאָלט נאָך ניט גערעדט ניט וועגן „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" פאַר די ניט־רוסישע פעלקער פון לאַנד, ניט וועגן „נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכטן", ניט אפילו וועגן אַ פעדעראַטיוון אויפבוי פון דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער רעפובליק. די דאָזיקע נעמען האָבן מיר דעמאָלט נאָך ניט באַנוצט. אָבער די זאַכן, די פרינציפן, וואָס ליגן הינטער יענע נעמען, זיינען געווען פאַרטראָטן אין אונדזערע געשפרעכן דורך דעם אַלגעמיינעם געדאַנק פון דער וויטגייענדיקסטער „אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג" („מיעסטנאָיע סאַמאָאופראַוולעניע"). אין אָט דעם געדאַנק האָב איך אַריינגעטראָגן די קאָרעקטור פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.

מיר זיינען אַלע געווען הייסע אָנהענגער פון דעם זעלבסטפאַרוואַלטונגס געדאַנק. קיין חידוש איז דאָס ניט. גראָד אין יענער צייט האָט די רעאַקציאָנערע רעגירונג אָנגעהויבן פירן אַ העפטיקן קאַמף אַנטקעגן די אָרגאַנען פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג, אַנטקעגן די „זעמסטוואָס", די שטאָטישע „דומעס" און, דער עיקר, די דאָרפישע געמיינדעס. ריכטיקער איז צו

זאָגן, אַז די „זעמסטוואָס" און די „דומעס" — דאָס רוב מער אָדער ווייני־קער ליבעראַל־געשטימטע — האָבן געפירט אַן עקשנותדיקן פּאַרטיידי־קונגס־קאַמף, אָפּצוהיטן דאָס ביסל רעכט, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט זיי געגעבן אין דעם פּעריאָד פון זיינע „ליבעראַלע רעפאָרמעס". אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דעם לאַנד, אָן אַן אונטערשייד, זיינען געשטאַ־נען פאַר די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען און פאַר דער נויטווענדיקייט נאָך ווייטער אויסצובויען זייערע רעכט.

די איינציקע נייעס, וואָס איך האָב מחדש געווען אין אָט דעם פּרט, איז געווען דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג אין די זעלבסט־פאַרוואַלטונגען — אַ געדאַנק, נאָך זייער אַ ווייטער פון דעם סיימיסטישן געדאַנק און פון אַן אַלגעמיין־יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, פאַר וועלכן מיר — דובנאָוו און די „סיימיסטן" — האָבן זיך שפּעטער איינגעשטעלט; ווייט אפילו פון יענער „נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע", פאַר וועלכער עס האָט געגומען קעמפן דער „בונד" אין די לעצטע יאָרן פון פאַר דער „באָלשעוויסטישער" רעוואָלוציע.

נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג אין די גרענעצן פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט דעמאָלט פאַר אונדז באַטייט נאָר דער גרונט־געדאַנק, אַז יעדעס ניט־רוסיש פאָלק אין רוסלאַנד — פון די אַזוי־גערו־פענע „אינאָראָדצי" („אַנדערשלינגען") — זאָל האָבן אַ רעכט און די מעג־לעכקייט אויסצובויען און אַליין צו פאַרוואַלטן אַלע אָרטיקע אינסטיטוציעס פון זיין גייסטיקן און קולטורעלן לעבן אין זיין אייגענער פאָלקסשפּראַך. דאָס איז געווען דאָס קערנדל, פון וועלכן עס זיינען שפּעטער אַרויסגעוואַקסן מיינע טעאָריעס וועגן דער ראָלע און דעם באַטייט פון דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און וועגן די פּראַקטיש־פּאָליטישע פּרינציפּן, וואָס וואַקסן אַרויס פון יענע טעאָריעס.

אָבער אויך דאָס עניוותדיקע קערנדל איז אין אָנהייב געווען לגמרי ניי פאַר מיינע חברים. נאָך אומדערוואַרטעטער איז אין דער ערשטער צייט געווען פאַר זיי דער פאַקט, וואָס אַן אינטעליגענטער, רעוואָלוציאָ־נערער ייד באַטראַכט אויך זיין יידיש פאָלק פאַר אַ באַזונדער פאָלק און פאָדערט נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אים. אָבער סוף כל סוף איז אפילו אַזאַ אַנטי־נאַציאָנאַל, אַזאַ באמת קאָסמאָפּאָליטיש־געשטימטער מענטש, ווי קאָליאַ לאַכאָוו, צוגעשטאַנען צו דעם זעלביקן געדאַנק. ווען איך דערמאָן זיך איצטער זיינע אָנשויאונגען און מיינע געשפּרעכן מיט אים וועגן דעם עניין, קאָן איך מיט זיכערקייט זאָגן, אַז זיין שטאַנדפּונקט איז אין פּרינציפּ געווען דער זעלביקער, וועלכן לענין האָט שפּעטער

פּאַרטיידיקט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. מען דאַרף געבן יעדן פאָלק, אין די גרענעצן פון דער אָרטיקער זעלבסטפאַרוואַלטונג, „נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג". אָבער מען דאַרף אין דער זעלביקער צייט דער־קלערן דעם פאָלק, עס זאָל זיך ניט קוואַפּען אויף דעם גאַנצן ענין „נאַציאָנאַליטעט" און זאָל בעסער שטרעבן צו אַ פולן קולטורעלן צונויפ־גוס („סליאַניע") מיט אַלע אַנדערע פעלקער אויך אינעם פרט פון שפּראַך.

אַ היפּש ביסל דעבאַטן האָב איך מיט קאַליאַן געפירט אויף אָט דער טעמע, און איך האָב אים פון זיין שטאַנדפּונקט ניט געקאָנט אָפּ־שלאָגן. איך האָב דעמאָלט באַטראַכט פאַר אַ גרויסן געווינס, וואָס אויך ער גיט צו, אַז דער ענטפער אויף דער פראַגע: „צונויפגוס" אָדער „נאַציאָנאַלע אייגנלעביקייט" (פירן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן, „סאַמאָ־ביטנאָסט", וואָס האָט אָבער אויך דער טייטש פון נאַציאָנאַלער אייגנ־אַרטיקייט) דאַרף איבערגעלאָזן ווערן צו די פעלקער גופא, און אַז די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען דאַרפן געבן די פעלקער אַלע מעגלעכ־קייטן צו לעבן אַן אייגענעם לעבן, אויב דאָס ליגט אין זייער „פאָלקס־ווילן" . . . ניט אומזיסט איז דאָך אויך קאַליאַ געווען אַ „נאַראָדאָוואָל" — אַן אָנהענגער פון דעם פאָלקס־ווילן.

אָט די שמועסן און דעבאַטן, סיי אינעם קרייזל, סיי פּריוואַט מיט קאַליאַן, האָבן מיר אָבער נאָך קלאָרער געמאַכט, וואָס איך האָב שוין פריער געוואוסט, אַז דער גאַנצער ענין פון „נאַציאָנאַליטעט" איז טע־אָרעטיש זייער פאַרפּלאָנטערט און אַז מען מוז זיך גרינטלעכער פונאַנ־דערקלייבן אין אים.

און אויך אַ דריטער געדאַנק האָט זיך ביי מיר גענומען איינפעס־טיקן אַ דאַנק די אַרבעטן אין דעם קרייזל. דאָס איז דער געדאַנק, אַז מיר, יידישע סאָציאַליסטן, מוזן אויסבויען אַן אייגענע יידיש־רעוואָלוציאָנערע, נאַראָדאָוואָלישע אָרגאַניזאַציע.

אָט דער געדאַנק האָט זיך אין מיר נאָך מער פאַרשטאַרקט, אַ דאַנק אַ פּאָר נייע באַקאַנטשאַפטן, דאָס מאָל שוין מיט יידן.

אומאָפּהענגיק פון אונדזער קרייזל, האָט זיך אין וויטעבסק געלעבט און געטומלט נאָך אַ קרייזל יונגעלייט, דאָס רוב יידישע, וואָס האָבן זיך געגרופּירט אַרום קאַליאַן. זיי אַלע האָבן געהערט צו דער יידישער ראַדיקאַלער יוגנט. עס איז צווישן זיי געווען אַ פּאָר איבערגעבליבענע פונעם אַמאָליקן שלמה־זאַוול ראַפּאָפּאָרטס (אַנסקיס) קרייזל, וואָס האָט עק־זיסטירט איידער שלמה־זאַוול איז אַוועקגעפאָרן קיין טיף־ראַסיי און דער־נאָך קיין דרום־רוסלאַנד „צונויפצוגיסן זיך מיטן פאָלק". (וועגן יענער

צייט און וועגן שלמה זאָוולען האָב איך געשריבן באריכות אין מיינע זכרונות וועגן אים, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער ניו־יאָרקער „צייט" און גייען אַריין אין דעם אַכצנטן באַנד פון אַנסקיס „געזאַמלטע שריפטן").

דער קרייזל אַרום קאַליאַן האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַ רעגולערער „קאָמונע", מיט אַ גרויסער ליכטיקער בשותּפותדיקער דירה און מיט אַ געמיינשאַפטלעכער קאַסע, וואו דאָס געלד האָט „געגלאַנצט מיט זיין אַבסאָלוטער ניט־פאַראַנענקייט", אָבער וואָס פלעגט פון צייט צו צייט זיך אָנפילן פון געמיינשאַפטלעכע פאַרדינסטן — דער עיקר, פון איבערשרייבן אַקטיאָרישע ראָלן פאַרן אָרטיקן טעאַטער. איך האָב אַ לאַנגע צייט ניט געוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון יענעם קרייזל און האָב זיך מיט אים ווייניק געאינטערעסירט. באַקאַנט געוואָרן מיט אים בין איך דורך אַ צופאַל.

אין וויטעבסק איז דעמאָלט געקומען צוריק פון „ראַסיי" מיינער אַ חבר פון די חדר־יאָרן, יעקב מינץ, דערזעלביקער מינץ, וואָס איז אַ סך שפּעטער גוט באַקאַנט געוואָרן אין די ראַדיקאַלע קרייזן פון ניו־יאָרק, ווי אַ מיטגליד פון דער „פאָרווערטס"־אַסאָציאַציע און פון דער אַמעריקאַנישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי, און נאָך שפּעטער ווי אַ מיטגליד פון די היגע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

י. מינץ, דאָס רוב אַ שווייגער, איז געווען אַ העכסט־געבילדעטער מענטש. און זיין בילדונג האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען נאָר זיין אייגענער אינטענסיווער אַרבעט. מינץ האָט פאַרמאָגט „זיין אייגנס" אַן אידעלע נשמה און אַ „זיידענעם" כאַראַקטער. נאָך ווי אַ יונגער בחור האָט ער פאַרלאָזן וויטעבסק, איז אַוועק קיין מאָסקווע זוכן פּרנסה. דאָרטן איז ער געוואָרן עפּעס אַ מין סוחר, צי אַ „קאָמיסיאָנער", האָט חתונה געהאַט, איז אָבער פון דאָרטן אַוועקגעפאָרן און איז געקומען צוריק קיין וויטעבסק מיט ווייב און קינד.

ווי אַזוי מיר האָבן זיך באַגעגנט, געדענק איך ניט. אָבער באַלד נאָך דער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר אויפגענומען אונדזער אַלטע גוטפריינטשאַפט. מינץ איז אין יענער צייט געווען דער איינציקער מענטש אין וויטעבסק, מחוץ דוכאָוויטשעס קרייז און מיינע אייגענע, צו וועלכן איך האָב מיך געפילט זייער נאָענט. ער פלעגט אָפט קומען צו מיר, און ווען איך בין ניט געווען צופיל פאַרנומען, פלעגן מיר פאַרברענגען לאַנג. מיר פלעגן אויך אָפט אַרומשפּאַצירן אין שטאָט און אויסערן שטאָט אין לאַנגע געשפּרעכן אויף די טעמעס, וואָס האָבן דעמאָלט געאינטערעסירט די ראַדיקאַל־געשטימטע יוגנט. אויך די יידיש-

נאַציאָנאַלע פראַגע האָט אין אונדזערע געשפרעכן ניט געקאָנט אויסגע־מיטן ווערן. איך האָב געשפּירט פון זיינע פראַגן און באַמערקונגען, אַז מיינע אַרגומענטן מאַכן אויף אים אַ רושם. וועגן זיך האָט ער קיינ־מאָל ניט גערעדט. דער פּערזענלעכער עלעמענט האָט בכלל דעמאָלט ניט געשפּילט קיין ראָלע, אָדער האָט געשפּילט גאָר אַ קנאַפּע ראָלע אפילו אין די אינטימסטע געשפּרעכן צווישן פריינט.

איך האָב געוואוסט, וואָס ער האָט געטאָן אין מאָסקווע און פּאַרוואָס ער איז געקומען צוריק. איך האָב ניט געוואוסט, אַז ער איז שוין אַ באַווייבטער און אַ פּאָטער פון אַ קינד. איך האָב אפילו ניט געהאַט קיין ברעקל אַנונג, אַז ער האָט פּערזענלעכע מחזקות מיט די היגע ראַדי־קאַלן און מיט קאַליאַס קרייז. אויך וועגן דעם האָט זיך יאַקאָוו אויס־געשוויגן . . . — קאָנספּיראַציע.

איך האָב נאָר געוואוסט, וואו ער וואוינט אין וויטעבסק, „אויף דעם קליינעם זייט", און האָב מיר אָפּט געקליבן זיך „אַריינצוכאַפּן" אַמאָל צו אים.

איינמאָל בין איך ערגעץ־וואוהין אַוועקגעפאָרן, אָפּזאַמענדיק זיך אַ פּאָר וואָכן. געקומען צוריק, האָב איך באַשלאָסן גיין זען זיך מיט יאַקאָבן. באַגעגנט מיך אין זיין היים האָט אַ חנעוודיק ווייבל מיט שיינע שוואַרצע אויגן און אַנגעפּאַרבטע באַקן.

— איז מינץ אין דער היים?

— ניין, ניטאָ. זייט אַזוי גוט, קומט אַריין.

איך האָב געמיינט, זי וויל מיך בעטן אַ ווײַלע וואַרטן, ביז יאַקאָוו וועט זיך אומקערן. אַריין אין זאַל, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, ווי יאַ־קאָווס פרוי. איך האָב זי נעענטער באַטראַכט. ניט געקוקט אויף אירע אַנגעפּאַרבטע באַקן, האָט זי אויסגעזען מיט אַ גוטע צען יאָר עלטער פאַר אים.

זי האָט מיך געבעטן זיצן און געזאָגט, אַז זי האָט צו מיר אַ גרויסע בקשה: מינץ האָט זי פאַרלאָזן.

— וואָס הייסט פאַרלאָזן?

— אַנטלאָפן פון ווייב און קינד . . .

— אַנטלאָפן? מינץ? וואוהין?

— אָט טאַקע דאָ, אין וויטעבסק. ער איז ביי זיי . . . ביי אייערע פריינד.

איז איר בקשה צו מיר, איך זאָל זיך זען מיט אים און דורכרעדן זיך. זי זאָגט צו, אַז זי וועט זיך ניט מישן אין זיינע עסקים, וועט אים

אין קיין זאַך ניט שטערן. זאָל ער זיך נאָר אומקערן צוריק צו זייער קינד.

איך האָב ביי איר גענומען מינצעס נייעם אַדרעס און תיכף, אַ נייגעריקער, אַוועק אַהין: ערשט דאָ איז קאָליאַס „קאָמונע".

מינץ פלעגט אַלעמאָל זיין לייטיש געקליידט, אָפטמאָל אפילו עלע־גאַנט. דאָס מאָל האָב איך אים געפונען, אַ באָרוועסן, אין איין אונטער־העמד און הויזן, זיצנדיק איינגעבויגן ביי אַ טישל און פּאַרטאָן אין שרייבן. נאָך אַנדערע יונגעלייט אין צימער זיינען געווען אַריינגעטאָן אין דערזעלביקער אַרבעט. צווישן זיי — אייניקע חברה־לייט פון אַנסקיס קרייזל. מיר האָבן זיך אַלע וואַרעם און פריידיק באַגריסט.

מיט מינצן בין איך אַרויס אין אַן אַנדער צימער און איך האָב אים איבערגעגעבן אַלץ וועגן מיין היינטיקן וויזיט ביי זיין פרוי. אויך וועגן איר בקשה און צוזאָג. מינץ האָט זיך פאַררויטלט און זיך צעשמייכלט. עס איז אויך פאַר מיר געווען גענוג צו וויסן, וואו ער איז, איך זאָל באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין פאַר אַ שוין לגמרי פאַרענדיקטן.

מינץ האָט זיך אָנגעטאָן און מיר זיינען אַרויס אין גאַס און אַ לאַז געטאָן זיך אויסערן שטאָט. ער האָט מיך אַביסל באַקאַנט געמאַכט מיט דעם באַהעמישן לעבן אין זייער קאָמונע. די שטריכן האָבן האַרמאָנירט מיט קאָליאַס כאַראַקטער, נאָר האָבן אויך אַביסל דערמאָנט אָן דעם לעבן פון אַנסקיס קרייזל, ביי „קאַהאַידאַן". אין דעם ווייטערדיקן געשפּרעך זיינען מיר אַרויף אויף מיין געדאַנק פון אַן אייגענער יידישער רעוואָ־לוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. מינץ האָט אויך פריער קיינמאָל ניט צוגע־שטימט אין גאַנצן צו מיינע נאַציאָנאַלע אידייען. אויך דאָס מאָל איז ער ניט געווען איבעריקס באַגייסטערט פון מיינע נאַציאָנאַלע אויסזיכטן און האָפענונגען. ער האָט אָבער איינגעזען, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע וואָלט גע־קאָנט ברענגען אַ היפּשן נוצן דער פּאַרטיי ניט נאָר דורך דער פּראָפּאַ־גאַנדע פון די נאַראָדאָוואָלישע אידייען, נאָר אויך דורך אַנדערע אַרבעטן, וועלכע אַ יידישע אָרגאַניזאַציע וואָלט געקאָנט זייער גוט דורכפירן.

מיר האָבן אויך גערעדט וועגן דעם, וואָס די טעטיקייט פון די פּאַרטיי־גרופּן אויף די ערטער איז, אויף וויפיל דאָס איז אונדז באַקאַנט, ווייט ניט צופרידנשטעלנדיק. די פּאַרטיי האָט אָנדערקענט די נייטיקייט ברייטער צו מאַכן איר באַזיס אין דער געזעלשאַפט, אין דער מיליטער, אין דער שטאָטישער אָרעמקייט בכלל און אין דער אַרבעטערשאַפט בפרט. פּאַק־טיש אָבער קאָכט מען זיך נאָך אַלץ אין דעם אייגענעם אינטעליגענטישן זאַפט. אַ יידישע אָרגאַניזאַציע וואָלט געקאָנט מאַכן דעם פּרוואו אַריבער־

צוגיין צו אַ ברייטערער פּראָפּאַגאַנדיסטישער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַר־בעט אין די מאַסן.

מיר האָבן שפּעטער נאָך עטלעכע מאָל אַרומגערעדט דעמזעלביקן ענין, עס איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז מען האָט שוין געפירט גע־שפּרעכן אויף דער זעלביקער טעמע מיט אַ פּאָר ערנסטערע חברים פון קאָליאַס קרייזל, געשפּרעכן פון אַ ריין־טעאָרעטישן און היפּאָטעטישן כאַ־ראַקטער — אַן ערך, צי מעג מען האָבן אַזאַ אָרגאַניזאַציע און וואָס פאַר אויסזיכטן זי וואָלט געהאַט ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן.

וואָס מער מיר האָבן אַרומגערעדט דעם ענין, אַלץ קלאָרער און האָפענונגספולער האָבן זיך גענומען אַרויסווייזן זיינע שאַנסן. מינץ און זיינע חברים זיינען בעסער פאַר מיר געווען באַקאַנט מיט די פאָלקמאַסן אין וויטעבסק, די יידישע, ווי די ניט־יידישע. מען קאָן ניט זאָגן, אַז איך בין געווען אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט פון זיי. וואו עס פלעגט זיך נאָר מאַכן אַ געלעגנהייט, פלעג איך פאַרפירן אַ געשפּרעך, נאַטירלעך, אַ דורך און דורך לעגאַלן. גלאַט אַזוי זיך דורכגערעדט, ווי עס לעבט זיך דעם אָרע־מאַן אויף דער וועלט. אַזעלכע געלעגנהייטן פלעגן אָבער ביי מיר זיין זייער זעלטן, און עס האָט זיך מיר קיינמאָל ניט געמאַכט אָנצושטויסן אָן איינעם, וואָס זאָל אין מיר אַרויסרופן אי דעם פולן צוטרוי, אי דעם פאַר־לאַנג אַן אַרבעט צו טאָן אויף אים „פּראָפּאַגאַנדיסטיש".

נאָר איינמאָל האָב איך זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ רוסישן אַרבע־טער אין די מיטעלע יאָרן, אַ פּועל ביי אַ יידישן שוסטער. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט, און צו מיין פאַרוואונדערונג האָט ער געגומען פלאַפּלען עפּעס וועגן דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און דערביי דערמאָנט אַזעלכע נעמען, ווי זשעליאַבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ און כאַלטורין, וועמען ער האָט אַטעסטירט מיט די ווערטער: „אָט דאָס איז געווען אַן אמתער אַרבעטער!" איך האָב זיך געמאַכט ניט וויסנדיק פון אָט די אַלע זאַכן, און שפּעטער דערציילט וועגן אים קאָליאַן. קאָליאַ האָט אָבער געוואוסט וועגן אים פון פריער, און ער האָט מיך געוואָרנט: ס'איז אַ שיכור, מיט אַ שרעקלעכן פּלאָנטער אין מוח, און דער רוח ווייסט אים, וואָס ער איז נאָך אַחוץ דעם. בעסער זיך ניט אַריינלאָזן מיט אים.

53

דער אָנהייב פון דעם רעוואָלוציאָנערן יידישן זשורנאַל „תשועת ישראל״

די יידיש־נאַציאָנאַלע זייט פון דעם פּלאַן צו גרינדן אַ נאַראָדאָוואָליש־יידישע אָרגאַניזאַציע האָט די חברים פון קאָליאַ לאָכאָווס קרייזל ווייניקער אינטערעסירט, איידער דער אַלגעמיינער געדאַנק—אַריבערצוגיין אויף דירעקטער פּראָפּאַגאַנדיסטישער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט צווישן די מאַסן.

אָבער אויך זיי — איך מיין דאָ די חברים — אָדער גראָד זיי, האָבן כמעט איינשטימיק געפּסקנט, אַז וועגן אַן אַרבעט צווישן די ניט־יידישע אַרבעטער אין דער שטאָט וויטעבסק איז ניטאָ וואָס צו טראַכטן. עס קאָן דערביי גערעדט ווערן נאָר וועגן די גויאישע פּועלים ביי יידישע באַלמעלאָכעס. ווייניקסטנס, זיינען זיי איצטער דער איינציקער ניט־יידישער עלעמענט, מיט וועלכן אונדזערע מענטשן וואָלטן געקאָנט אַרייַנטרעטן אין אַ באַריר. זיינען זיי אָבער אי ווינציק אין צאָל, אי דאָס רוב גרויסע שכורים, מיט וועלכע עס איז זייער אומזיכער אָנצוהייבן זיך. אגב, וואָלט די אַרבעט צווישן זיי ניט געקאָנט געפירט ווערן דירעקט, נאָר אומדירעקט — דורך די יידישע פּועלים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאַנץ אַנדערן, ערנסטערן עלעמענט. דער קערן פון דער אָרגאַניזאַציע וועט אָבער דאַרפן באַשטיין פון אונדזער אינטעליגענטער יוגנט. עס בלאָנקען זיך אַרום אין שטאָט אַ היפּש ביסל יידישע, כלומרשט באַלעבאַטישע יונגעלייט פון דעם אָרעמערן קלאַס, וואָס זיינען שוין מער אָדער ווייניקער אָנגערירט געוואָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע. אַ היפּשער טייל זייערער רייסט זיך צו פאַרלאָזן רוסלאַנד — דער עיקר, כדי אויסצומיידן מיליטער־דינסט. עס וועט אָבער בלייבן גענוג פּאַסיקע יונגעלייט, פון וועלכע מיין געפּלאַנטע אָרגאַניזאַציע וואָלט זיך געקאָנט רעקרוטירן. אָט די יידישע ראַדיקאַלע יוגנט שטעלט מיט זיך פאָר אַ זייער וואוילן, פיל פאַרשפּרעכנדיקן עלעמענט.

דער סך־הכל פון אַזעלכע שמועסן איז געווען אַזאַ: ס'איז אין ווי־טעבסק זיכער דאָ געגוג עלעמענטן, מיט וועלכע מ'וואָלט געקאָנט אָנהייבן די אַרבעט. די הויפּט־ראָלע וואָלט דערביי געדאַרפט שפּילן די ראַדיקאַלע יוגנט, וואָס וואָלט זיך מיט פרייד אַריינגעוואָרפן אין איר. אויב אָבער אַזאַ אַרבעט זאָל פון איר געפירט ווערן אין נאָמען פון אַן אייגענער ייִדי־שער אָרגאַניזאַציע, איז אַבסאָלוט נייטיק, אַז זי, די אָרגאַניזאַציע, זאָל פאָרמעל אַנדערקענט ווערן פון דער פּאַרטיי, ווי אירער אַ טייל, און אַז די פּראָגראַם־פּונקטן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צו ייִדן און צו דער ייִדישער פראַגע, זאָלן געדעקט ווערן מיט דער אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי, זיין דער אויסדרוק פון איר אייגענער שטעלונג סיי צום נאַציאָנאַלן פּראָבלעם בכלל, סיי צו דער ייִדישער פראַגע בפרט.

דאָס זיינען געווען די רעזולטאַטן, צו וועלכע מיר האָבן זיך דער־רעדט. האָבנדיק שוין מיינע דערפאַרונגען מיט די ניט־ייִדישע נאַראָדאָ־וואָלן, האָב איך געקאָנט געבן מיין פולסטע פאַרזיכערונג, אַז מצד דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" וועט קיין מניעה ניט זיין, אויב מיר זאָלן קאָנען אַוועקשטעלן דעם ענין אין אַ קלאָרער און שאַרפער, ריין־נאַראָדאָוואָלי־שער באַלייכטונג.

איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ באַזונדער גרופּע, וואָס זאָל דערוויילע טאָן די נייטיקע צוגרייטונגס־אַרבעטן. פּלע־נער, ווי מען קאָן זיך משער זיין, זיינען ביי אונדז געווען ניט קיין קליי־נינקע. גערעדט האָט זיך אין דער ערשטער ליניע וועגן אַרויסגעבן אַן אונטערערדישן ייִדישן זשורנאַל מיט דעם נאָמען „תשועת ישראל" — אַ זשורנאַל, נאַטירלעך, ניט אין העברייאיש, נאָר אין ייִדיש, פאַר די גרויסע מאַסן פון אונדזער פאָלק. אויך די גאַנצע אָרגאַניזאַציע זאָל טראָגן דעם זעלביקן נאָמען. די רעדאַקציע זאָל ליגן אין מיינע הענט און זאָל גע־פירט ווערן אין דער פון מיר פאָרגעשלאָגענער ריכטונג, וואָס וועט סאַנק־ציאָנירט ווערן פון דער פּאַרטיי. און נאָך אַנדערע, גאַנץ הויך פליענדיקע פּלענער . . .

די עלטערע לעזער מיינע, וואָס זיינען באַקענט מיט די דעמאָלטיקע צושטאַנדן אין רוסלאַנד, וועלן זיך אפשר וואונדערן, וואָס מיר האָבן גראָד אויף דער ערשטער ליניע אַרויסגערוקט אַזאַ מין „אוטאָפּיסטישע" אויפ־גאַבע, ווי אַרויסגעבן אַ רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל אין ייִדיש. גראָד דע־מאָלט, ווען די פּאַרטיי האָט איבערגעלעבט אַזאַ שרעקלעכן קריזיס; ווען די גרעסטע צאָל פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען צעשטערט דורך דעם לאָפּאַטינישן דורכפאַל; ווען אויפשטעלן אַן אומלעגאַלע דרוקעריי איז

געוועז ניט נאָר העכסט געפערלעך פון אַ פּאָליצייאישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך טעכניש אוממעגלעך, — אַז גראָד דעמאָלט, זאָג איך, זאָלן מיר האָבן אין ערנסטן ערנסט געטראַכט וועגן אַזאַ אונטערנעמונג. דאַרף איך דאָ מיטטיילן אַ פאַקט, וואָס וועט וואַרפן אַ פּאָר באַלייכטנדיקע שטראַלן. דער פאַקט איז, וואָס אין מיין באַזיץ איז געווען אַ — העקטאָגראַף!

די יונגע לעזער וועלן זיך געוויס חידושן, וואָס איך מאַך דערפון אַזאַ וועזן. אַ העקטאָגראַף! דער פּרימיטיווסטער קאָפּיר־אַפּאַראַט! און וואָס איז דאָ צו גרייסן זיך מיט אַזאַ באַזיץ? ווער קאָן זיך דען ניט איינשאַפן אַ העקטאָגראַף, ווען נאָר דאָס פאַרגלוסט זיך אים? איז אָבער די מעשה דערפון, וואָס אין יענער צייט זיינען העקטאָגראַפן אין רוסלאַנד בדרך כלל געווען פאַרווערט. אויף צו קויפן לעגאַל אַ העקטאָגראַף האָט מען געדאַרפט האָבן אַ באַזונדער אויסווייז, אַז ער ווערט געברויכט פאַר רייך־קאָמערציעלע צוועקן. רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך האָבן, אמת, געהאַט רעצעפּטן, ווי אַזוי צו פאַרפאַרטיקן פון גליצערין און זשעלאַטין יענעם אַפּאַראַט, וואָס האָט לפי ערך ניט לאַנג צוריק זיך באַוויזן אין רוסלאַנד. אָבער שוין די צוגרייטונג זיינע, די באַנוצונג און די אָפּהיטונג זיינע זיינען געווען אַ רעוואָלוציאָנערע עבודה פון אַ געהויבענעם באַטייט. וואָלט מען ביי אַן אונטערזוכונג געפונען ביי איינעם אַזאַ מין פאַרבאָטענע סחורה, וואָלט דאָס אַליין שוין געווען אַ היפּש־שטאַרקער באַשולדיקונגס־מאָמענט אַנטקעגן אים.

אָבער שוין די צוגרייטונג איז געווען פון די ניט גאָר גרינגע זאַכן. עס זיינען מיר באַקאַנט פאַלן, ווען דאָס אויפקאָכן פון אַ העקטאָגראַף, לויט דעם רעצעפּט, האָט ניט געפירט צו קיין דערפרייליכע רעזולטאַטן, און די אַרבעט, וואָס מען האָט זיך פאַרגענומען צו טאָן אויף אים, האָט געמוזט אויפגעגעבן ווערן.

די „אונטערערדישע וועלט" האָט זיכער פאַרמאָגט גוטע העקטאָגראַפן, וויל אַ גרויסער טייל פון דער דעמאָלט־צירקולירנדיקער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור איז געווען אין העקטאָגראַפישע קאָפּיעס. אפשר זיינען זיי געמאַכט געוואָרן נאָך אין דער צייט, וואָס פאַר דער פּאָליציי־אישער גזרה.

און דאָ האָב איך ביי זיך אין שטוב אַ העקטאָגראַף און האַלט אים פראַנק און פריי. און נאָך וואָס פאַר אַ העקטאָגראַף! אַזאַ, וואָס איר קאָנט אים, ווען שטאַרק אָפּגענוצט, אָדער איבערגעפירט פון ניט־ריכ־טיקן באַנוץ, פשוט צעהאַקן אויף שטיקלעך, לאָזן אים אָפּוואַרעמען ביז

זיין מאָסע ווערט צעגאַנגען (חלילה, ניט לאָזן אויפזידן!), אַריינגיסן עס אין פורעם, לאָזן פאַרגליווערט ווערן און — ווידער גוט, ווי ניי.

ווי קום איך צו אַזאַ וויכטיקן שטיק פון דעם רעוואָלוציאָנערן איבּ־ווענטאַר? דורך אַ צופאַל. מיין פאָטער האָט דעמאָלט גענומען אַריינ־גיין קאָמערציעל אין גאָר גרויסע פעדערן. ער איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פאַריזער גרויסער פירמע — אַ האַלץ־אימפּאָרט געשעפט, וואָס האָט זיך גערופן „דאָק באַלטיק" און וואָס האָט אינאיינעם מיט מיין פאָטער געקויפט און „געהאַקט" וועלדער אין רוסלאַנד, כדי צו פירן די סחורה דירעקט קיין פראַנקרייך. די „דאָק באַלטיק" האָט געהאַט אויך אַ קאָנטאָר אין ריגע. פון ריגע האָט דאָס דער פאָטער געבראַכט דעם העקטאָגראַף, צוליב זיינע קאָמערציעלע צוועקן. וואָס ער האָט געוואָלט קאָפּירן אויף אים, ווייס איך ניט. נאָר אַזוי ווי איך בין נאָך אַלץ געווען זיין בוכ־האַלטער, איז דער העקטאָגראַף מיט אַ גרויסער פלאַש ספּעציעלן טינט גלייך אַריבער אין מיינע הענט.

דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע מאָטיוון, וואָס האָבן אויף דעם ערשטן פּלאַן אַרויסגערוקט די פּובליקאַציע פון אַן אייגענעם זשורנאַל. מיר פלעגן האַלטן אין אונדזערע הענט דיקע רעוואָלוציאָנערע שריפטן, העקטאָגראַפירטע קאָפּיעס. הייסט עס, מען קאָן העקטאָגראַפיש פאַרפאַרטיקן גאַנצע ביכער. וועלן מיר אויך קאָנען אַרויסגעבן אונדזער זשורנאַל. די טעכנישע דורכפירונג פון דעם פּלאַן איז באמת געווען איינע פון די גרינגסטע זאַכן. און אויך וואו צו אַרבעטן אויף דעם העקטאָגראַף און אָפּהיטן די קאָפּירטע בויגנס האָבן מיר געהאַט אַן אויסגעצייכנטן פּלאַץ — אַלץ טאַקע אַ דאַנק מיין פאָטערס געשעפטן. וויַיט אויסערן שטאָט, אויף דעם הויכן ברעג פון דער דווינע, האָט מיין פאָטער געהאַט אַ „ריום", ד"ה, אַ פּלאַץ וואו אָפּצולייגן דאָס געהילץ, וואָס פלעגט אין ווינטער צייט אָנקומען מיט דער אייזנבאַן פון ערגעץ־וואו טיף אין ראַסיי. אין פרילינג פלעגן די „באַלקנס" און די „ברוסן" אַראָפּגעקייקלט ווערן אין וואַסער, געבונדן ווערן אין „פליטן" און טראַנספּאָרטירט ווערן קיין ריגע. אויף יענעם פּלאַץ — אַ וויסטן, אַ וויַיטן פון יעדן מענטש־לעכן ישוב — האָבן מיר געהאַט אַ הויז, וואו עס האָט געוואוינט „אונדזער שלמה", וואָס איז געווען אי דער פאַרוואַלטער פון דעם ריום, אי אונדזער „הויז־מענטש" — אַ טרייע, איבערגעגעבענע נשמה, וואָס איז אויך געווען טריי איבערגעגעבן צו מיר. דאָרטן, אין זיין הויז, איז געווען דער לאַגער, וואו שלמה פלעגט באַהאַלטן אַלץ, וואָס איך האָב ניט געוואָלט האַלטן אין דער היים.

ביסלעכוויין איז אויך אויסגעאַרבעט געוואָרן דער אינהאַלט פון דעם ערשטן ביכל. עס האָט געדאַרפט ברענגען מיינע אַ גרעסערע אַרבעט וועגן די צילן פון אונדזער אָרגאַניזאַציע און אַ גרונטלעכע דערקלערונג פון אונדזער וועג. אין אַ קירצערער פאָרם האָט די דערקלערונג גע־דאַרפט אויסגעאַרבעט ווערן אויך אין רוסיש, כדי אַריבערצושיקן זי ווי אַ מעמאָראַנדום צו דעם „עקזעקוטיוו קאָמיטעט" פון דער פּאַרטיי און דערנאָך אויך אַרויסלאָזן זי אין אַ באַזונדער בראָשור פאַר דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער עפנטלעכקייט. דער ערשטער נומער פון דעם זשור־נאַל האָט אויך געדאַרפט ברענגען אַ שאַרפע קריטיק פון דעם איצטיקן יידישן לעבן און אַ העפטיקע פּאָלעמיק אַנטקעגן דאָס פּאַלעסטינאָפילנטום. אַ חוץ דעם האָבן געדאַרפט אַריין: אַן אויפקלערנדיקער אַרטיקל וועגן דעם סאָציאַליזם; אַ געשיכטלעכער איבערבליק איבער דעם רעוואָלוצי־אָנערן קאַמף אין רוסלאַנד, לויט א. טונס „צור געשיכטע דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד" און לויט דעם שלוס־קאַפּיטל פון אוּאָלעסעס בוך איבער רוסלאַנד (אין אַ דייטשער איבערזעצונג), וואָס איז מיר געווען באַקאַנט און וואָס איך האָב געקאָנט קריגן. טונס בוך אָבער האָב איך געהאַט אין מיין אייגענעם באַזיץ. דערצו האָט נאָך געדאַרפט אַריינגיין די פולע איבערזעצונג פון ליעוו טיכאָמיראָווס פּראָ־גראַם אַרטיקל „טשעוואָ נאַם זשדאַט אָט רעוואָלוציאי" („וואָס זאָלן מיר דערוואַרטן פון דער רעוואָלוציע"), אָפּגעדרוקט אין דעם ערשטן נומער פון דעם באַרימטן „וויעסטניק נאַראָדנאַי וואָלי" (דעם טעאָרעטישן זשור־נאַל פון דער פּאַרטיי, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אויסלאַנד).

מיין אַמביציע איז נאָך געווען צו געבן אין דעם „תשועת ישראל" יידישע איבערזעצונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע, דער עיקר, פון מיין באַליבטער פּאָעמע „אויף מיעזענצאָווס טויט", וואו עס געפינט זיך דער פערז „ס'קרעכצן פּוילן, קאָזאַקן, דער דערשלאָגענער ייד".

דירעקט פאַר דער פּאַרטיי, און ניט אין דעם נאָמען פון אונדזער יידישער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר געוואָלט אַרויסגעבן — אַלץ אויף יענעם געבענטשטן העקטאָגראַף — אַ רוסישע איבערזעצונג פון טונס בוך, פאַר וועלכער יאַקאָוו מינץ האָט זיך גענומען. אין אַ קורצער צייט זיינען מיר שוין פּאַרטיק געווען צו קאָפּירן די ערשטע בויגנס. די גאַנצע יידישע אַרבעט און די אויסאַרבעטונג פון דעם קורצן מעמאָראַנדום אין רוסיש איז געלעגן אויף מיר.

ערשט נאָכדעם ווי די אַלע פּרטים זיינען באַשטימט געוואָרן, האָב איך דעם גאַנצן פּלאַן מיטגעטיילט דוכאָוויטשן. איך האָב אים אויך קלאָר איינגעשאַרפט, אַז די דורכפירונג פון דעם פּלאַן הענגט אָפּ פון איין איינציקן באַדינג: דער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי זאָל סאַנקציאָנירן אונדזער אָרגאַניזאַציע, ווי אַ יידישן פליגל פון דער אַלגעמיין־רוסיש-רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. און איך האָב ביי אים געפרעגט, צי ער איז אין דער לאַגע צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן אונדז און דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט.

דוכאָוויטש איז באמת געווען העכסט דערפרייט פון מיין מיטטיילונג. עס איז אויך פאַר אים גאָר קיין ברעקל ספק ניט געווען, אַז דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט וועט איינגיין אויף אונדזער פאָרשלאָג. וואָס איז שייך אָבער די דירעקטע פאַרבינדונגען מיט דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, האָט ער געמוזט איבערגעבן מיר אַ גאָר ניט קיין פריילעכע נייס: דער אַלטער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז לגמרי צעקלאַפּט. עס פאַרמירט זיך (אָדער עס האָט זיך שוין פאַרמירט — דאָס געדענק איך ניט אויף קלאָר) אַ נייער קאָמיטעט ערגעץ וואו אין דרום־רוסלאַנד. צוקומען צו אים קאָן ער, דוכאָוויטש, נאָך דערווייילע ניט. איך זאָל מיך אָבער ניט אָפּהאַלטן פון די נייטיקע צוגרייטונגס אַרבעטן. באַלד דאַרף קומען קיין וויטעבסק אַ „פּערסאָן" — אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט — דורך וועלכן ער וועט אַריינטרעטן אין דירעקטע באַציאונגען מיט דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט.

האָב איך זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

54

אַ באַגעגעניש מיט דעם רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אינעם אָנפאַל אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן

דער ווינטער 1884—1885 איז פאַר מיר געווען אפשר דער גייסט־רייכסטער אין מיין גאַנצן לעבן. איך געדענק ניט, ווען איך זאָל האָבן געאַרבעט אזוי אינטענסיוו און מיט אַזאַ אויפפלאַם פון אַלע כוחות, ווי גראָד אין יענער צייט. עס איז געווען ווי אַלע ליכט־קוואַלן פון דער נשמה וואָלטן אָנגעצונדן געוואָרן מיטאַמאָל, און עס איז אַלץ פאַר מיר געשטאַנען אין אַ שאַרף־קלאָרער באַלייכטונג. ביכער פלעגן בוכשטעב־לעך געשלונגען ווערן. עס האָט אַמאָל געטראָפן, ווען איך האָב איין מעת־לעת דורכגעלייענט און זיך טיף אַריינגעטראַכט אין אַ גראָבן בוך, פון די גאָר ניט גרינגע, — און זיין אינהאַלט האָט זיך איינגעקריצט אין מוח אויף יאָרן און יאָרן.

די דרויסנדיקע וועלט, אויף וויפיל זי האָט ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו מיין אינעווייניקסטן לעבן און שטרעבן, האָט כמעט ווי ניט עקזיסטירט, הגם איך האָב גענומען אין איר דעם געווייגלעכן אָנטייל: אי מיט די אייגענע אין דער היים געשטאַנען אויף אַ דורכאויס גוטן פוס, אי מיט באַקאַנטע זיך געטראָפן. אָבער מיין אָנטייל אין דער דרויסנ־דיקער וועלט איז טאַקע געווען ניט מער ווי אַ דרויסנלעכער. איך קאָן מיך איצטער ניט דערמאָנען אויף קיין איינציקן, ריין־פערזענלעכן עפיזאָד פון מיין לעבן פון יענער צייט. אפילו פון דעם געדונגענעם הויז, אין וועלכן מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן פון דער „שלאָס־גאַס" און אין וועלכן מיר האָבן געוואוינט ביז עס איז אויסגעבויט געוואָרן אונדזער נייער מויער, — געדענק איך אויף קלאָר נאָר מיין אַרבעט־צימער, די ווע־ראַנדע מיט דעם גרויסן אויבסט- און פרוכט־גאָרטן פון איין זייט, און דעם גרויסן הויף פון דער אַנדער זייט, מיט דעם ברונעם לעבן הויז און מיט דעם היפשן, קילן ווינקל, אַ פאַרפלאַנצטן מיטביימער. ביי אַ גוי האָבן מיר דאָס געדונגען, ביי אַן אָרעמען „טשינאָווניק" פון דעם

ניט־יידישן פערטל, וואָס האָט אונדז געוואָלט פאַרקויפן במקח השווה אָט די גאַנצע לופטיקע, זוניקע, באַוואַקסענע רחבות. מיר האָבן עס אָבער ניט געקויפט. דווקא „אַ מויער" האָבן מיר געדאַרפט האָבן, מיט פענצטער „צום גאַס", אַנטקעגן דעם „גרויסן מנין" . . .

אינטענסיוו געאַרבעט האָב איך אי אויף די אַלגעמיינע פראַגן וואָס האָבן מיך אינטערעסירט, אי אויף דער צוגרייטונג פון די יידישע מאַנוס־קריפּטן פאַר דעם ערשטן „תשועת ישראל", אי אויף דעם קורצן רוסישן מעמאָראַנדום פאַר דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף דער „פּערסאָן", וואָס דאַרף קומען פאַרבינדן דוכאָוויטשן מיט דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.

ענדלעך האָב איך מיך דערוואַרט. דאָס האָט געמוזט זיין צווישן ל"ג בעומר און שבועות. אַ סימן האָב איך: מיר האָבן שוין אָנגעהויבן באָדן זיך, און די בשורה האָט מיר דוכאָוויטש אָנגעזאָגט, ווען איך בין אין איינעם אַ זוניקן פרימאָרגן געקומען אַהיים פון באָדן זיך, מיט אַ פייכטן „לאָקן" אויף מיין אַקסל, און האָב פון פענצטער דערזען דוכאָ־וויטשן, ווי ער גייט אום אַ פאַרטראַכטער אין דער אַלייע פון דעם אויבסט-גאָרטן.

ער פלעגט דעמאָלט זעלטן ווען קומען צו אונדז, און פלעגט זעלטן ווען וואַרטן אויף מיר, ווען ער פלעגט מיך ניט טרעפן אין דער היים. דאָס וואָס ער האָט געוואַרט אויף מיר, און דאָס וואָס קאַליאַ איז ניט געווען, — ער פלעגט דעמאָלט קומען צו אונדז כמעט אַלע פרימאָרגנס, — האָט מיר גלייך אונטערגעזאָגט, אַז דוכאָוויטש האָט מיר געבראַכט די פאַר מיר אַזוי וויכטיקע נייס. איך בין האַסטיק אַרויס אויף דער ווערענדע און אַן אויפגערודערטער ביז גאָר אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ אים אַנטקעגן.

די „פּערסאָן" איז טאַקע געקומען. און ניט איין „פּערסאָן", נאָר אַ גאַנצע פאַמיליע: אַ מאַן מיט אַ פרוי און אַ קליין קינד. מיר האָבן זיך אין גאָרטן גופא אַוועקגעזעצט צו פרישטיק, און דוכאָוויטש האָט מיר דערציילט וועגן די חשובע אויסטערלישע געסט. לויט דוכאָוויטשעס דערציילונג, האָבן דער מאַן און די פרוי געהערט צו דער נאַראָדאָוואָ־לישער אָרגאַניזאַציע פון 1881, און האָבן זיך דירעקט באַטייליקט אין דעם אָנפאַל אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. לויט מיין אייגענער השערה האָבן דאָס געמוזט זיין פון יענער גרופּע העלדן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דעם קעלער אויף דער „סאַדאָוואַ גאַס" אין פּעטערבורג — די מעשה קאָבאָזיעוו מיט זיין קעז־קראָם, פון וועלכער מען האָט געפירט אַ מינע

אונטער דער סאַדאָווא-גאַס, אויף דעם פאַל ווען דער קיסר וואָלט גע־
פאָרן דורך איר.

זינט דעם 1טן מערץ 1881 וואָגלען זיי אַרום איבער גאַנץ רוסלאַנד, — דער לעצטער איבערבלייב פון יענער גרופּע אויף דער פריי, אַחוץ די וואָס זיינען אַוועק קיין אויסלאַנד.

דוכאָוויטש באַוואונדערט ממש, ווי אזוי זיי קאָנען זיך נאָך האַלטן, אויסמיידן די תליה וואָס וואַרט אויף זיי, און וואו נאָר מעגלעך טאָן דערביי אויך פּאַרטיי־אַרבעט. אין זייערע וואָגלענישן, פאַרשווערטע מיט דער געבורט פון דעם קינד, מוזן זיי, אויף וויפיל מעגלעך, אויסמיידן אייזנבאַנען, זיך איבערטאָן אין פאַרשיידענע געשטאַלטן, פאָרן אָפט מיט פורן אָדער שלעפן זיך צופוס פון איין זיכערן ווינקל צו אַן אַנדערן, אויף אַ מער אָדער ווייניקער זיכערן וועג.

איצטער אָבער זיינען שוין כמעט אַלע ווינקלען און וועגן געוואָרן אומזיכער. נאָר איין אויסוועג איז געבליבן — אַריבערקלייבן זיך ער־גענץ־וואו אויף קאַווקאַז. געוועזן פאַר זיי אויך אַ מעגלעכקייט אַריבער־צוכאַפּן זיך איבער דער גרענעץ קיין אויסלאַנד. האָבן זיי זיך פון יענער מעגלעכקייט אָפּגעזאָגט. איצטער איז אויך זי פאַרשוואונדן, און עס בלייבט נאָר איינס: קאַווקאַז. אָבער דירעקט פאָרן אַהין איז אי זייער אַ געפער־לעכער ענין, אי קיין מיטלען זיינען ניטאָ. מוזן זיי וויטער „אַרומראָדערן" איבער רוסלאַנד, פון איין גרופּע צו דער אַנדערער. נאָך דעם לאָפּאַ־טינשן דורכפאַל זיינען אָבער די מייסטע גרופּעס צעשטערט, און די פאַרבינדונגען צווישן די פאַרבליבענע — דאָס רוב איבערגעריסן. פאָרן זיי פון איין שטאָט צו דער אַנדערער, וואו עס זיינען נאָך דאָ פאַרבינדונגען, אָדער וואו עס קאָנען געשאַפן ווערן אַזעלכע פאַרבינדונגען עקסטראַ צוליב זייער „טראַנספּאָרט" פון אָרט צו אָרט, ביז זיי וועלן זיך דערשלאָגן צום ציל, צו דרום־מזרח, צו קאַווקאַז. קומט זיי אויס אָפט צו פאָרן פון אַ דרום־שטאָט צוריק קיין צפון, און פון אַ מזרח-פלאַץ צוריק קיין מערב. אָבער איידער זיי וועלן זיך דערשלאָגן צו קאַווקאַז, מוזן זיי זיין נאָך אין יענער מערב־דרומדיקער שטאָט, וואו עס געפינט זיך איצטער דער ניי־געגרינדעטער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. אַהינצו וועלן זיי אַריבערפירן מיין שליחות צו אים.

אויף אָט דעם עפּיזאָד האָב איך מיך לענגער אָפּגעשטעלט, איינמאָל, כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם חורבן, וואָס דער לאָפּאַטינשער דורכ־פאַל האָט געמאַכט אין דער פּאַרטיי, און דערנאָך דערפאַר, ווייל מיר האָט זיך ניט געמאַכט אָנצוטרעפן זיך מיט אים אין די רעוואָלוציאָנערע מעמו־

אַרן פון יענער צייט. איך בין זיכער, אַז אין דעם מאָסקווער „מוזיי פון דער רוסישער רעוואָלוציע״ וואָלט מען געקאָנט אויסגעפינען אַ סך דאַטן וועגן יענע חשובע „געסט״: איז דאָך די באָלשעוויקעס טייער אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״.

זען זיך מיט זיי האָט אין דער ערשטער צייט געקאָנט נאָר דוכאָוויטש. מיט דעם מאַן פלעגט ער זיך באַגעגענען דאָס רוב שפּעט ביינאַכט, אין דעם טייך דווינע, ביים כלומרשטן באָדן זיך, — אַן איינפאַל, וואָס איז זומער־צייט אָפט באַנוצט געוואָרן אין צונויפטרעף מיט געפערלעכע „אומלעגאַלע״. דער ראַנדעוואו מיט מיר איז באַשטימט געוואָרן גראָד אויף די טעג. בין איך גרייט דערצו? דער מעמאָראַנדום דאַרף זיין אַזוי קורץ, קלאָר און שאַרף, ווי נאָר מעגלעך.

ניט וועלנדיק אָפּלייגן די זאַך אפילו אויף אַן איבעריקן טאָג, האָב איך פאָרגעשלאָגן, דער ראַנדעוואו זאָל פאָרקומען טאָקע מאָרגן. דוכאָ־וויטש האָט דאָס אָנגענומען, און האָט מיך פאַרלאָזן.

דעם גאַנצן טאָג און אַ שטיק אין דער נאַכט האָב איך געאַרבעט, כדי צו קאָנדענסירן דעם אינהאַלט פון דעם מעמאָראַנדום אויף אַ דריי־פיר בלעטלעך. אויף מאָרגן, אין שפּעטן נאָכמיטאָג, איז דוכאָוויטש גע־קומען נעמען מיך צו זיי. מיר זיינען אַרויס אויסן שטאָט. ווי היינט געדענק איך די סצענעריע, וואו מיר האָבן זיך באַגעגנט. ווייט אויסן שטאָט, אין אַ שיטערן וועלדל פון רויטע טענענביימער (סאָסנעס), האָבן מיר זיי געפונען, זיצנדיק אויף אַ קליינעם בערגל: מאַן, פרוי און קינד. ווי היינט, שטייען פאַר מיר לעבעדיק זייערע געשטאַלטן. ער — אָנגע־טאָן אין אַ רוסישן העמדל אונטער אַ „בורנוס״ (מאַנטל), ווי אַ רוסישער „מאַסטיעראָוואָי״ (פּועל), מיט אַ פּנים פון אַ פּשוטן אַרבעטער אָדער פּויער: מיט אַן אויסגעדאַרטן קלאָיענעם געזיכט, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט ליפּן, ווי איבערגעצויגן מיט אַ בלוילעכער גלאַזור, מיט טיפע קנייטשן אויפן שטערן. זי — מיט אַ סך אַ געזינטערן אויסזען, מיט אַ פּשוטן און גוטמוטיקן אויסדרוק אין געזיכט. דאָס קינד — אַ בלייכס, אַ שוויי־געדיקס. ווען מיר זיינען צוגעגאַנגען צו זיי, האָט מיך דורכגענומען אַ געפיל פון יראת הרוממות, געפּאָרט מיט רחמנות ביז צו טרערן.

דוכאָוויטש האָט אונדז פאָרגעשטעלט, ניט אָנרופנדיק קיין נעמען, מיט די ווערטער: „נו, ווערט באַקאַנט!״ — מיר האָבן זיך אַלע צוגע־זעצט אויפן בערגל און זיך פונאַנדערגערעדט, — ערשט ער איז גאָר אַ הויך געבילדעטער אינטעליגענט. ער האָט גערעדט וועגן דער לאַגע אין דעם לאַנד, און זייער טרויעריק, זייער פּעסימיסטיש זיינען געווען

זיינע רייד. די רעאַקציע ברויזט און לעשט־אויס אַלץ, צו וואָס מען האָט זיך דערשלאָגן אין די ליבעראַלערע צייטן. און זי ברויזט ניט נאָר אין רעגירונגס־קרייזן, ניט נאָר אין דער פּרעסע, וואָס ווערט געפּענטעט אַלץ מער און מער, נאָר אויך אין דער געזעלשאַפט, אויך ביי אַ גאַר גרויסן טייל שריפטשטעלער פון דעם פריערדיקן ראַדיקאַלן לאַגער. אָבער — נישקשה! פאַרצווייפלען טאָר מען ניט. אַ ניי געוויקס קומט־אויף, וואָס וועט ווידער אויפנעמען דעם קאַמף. מען דאַרף קאָנען אַריבער־טראָגן מפּלות.

מיר זיינען אַריבער צו דעם ענין: „יידישע אָרגאַניזאַציע", מיט וועלכן דוכאָוויטש האָט אים שוין פריער באַקאַנט געמאַכט. איך האָב אים איבערגעלייענט דעם קורצן קאָנספּעקט און דערקלערט איניקע וויכ־טיקע פּונקטן. עס וועט זיכער ניט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגן, אַז דער גאַסט איז אין דעם פולן זין פון וואָרט געווען מלא שמחה!

— דאָס איז די בעסטע זאַך, וואָס יידן קאָנען טאָן פאַר דעם ענטפער אויף זייער פראַגע, און די ניצלעכסטע זאַך פאַר דער פּאַרטיי — איז געווען זיין התלהבותדיקער פּסק־דין.

אויף מיין פראַגע, צי קאָן מען זיין זיכער, אַז דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט וועט אָננעמען דעם אָנבאָט, צי וועט ער עס אפשר פאַרוואַרפן, ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט דעם ביעלאָרוסישן „האָמאָן", האָט ער גע־ענטפערט, אַז עס קאָן גאָר קיין שאלה ניט זיין: דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט וועט זיכער אָננעמען. וואָס פאַר אַ פאַרגלייך מיט אַמאָל? עס איז איצ־טער אַן אַנדער צייט און אַן אַנדער לאַגע. און יידן זיינען דאָך ניט קיין „ביעלאָרוסן", וואָס זיינען אין תוך אַריין נאָר צוריקגעבליבענע רוסן. „און איר קומט דאָך ניט, ווי אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע, וואָס אַרבעט מחוץ פון דער פּאַרטיי. איר שטעלט זיך לכתחילה אַוועק אונטער איר פאָן".

איך האָב אים איבערגעגעבן דעם דאָקומענט. ער האָט זיך אַריינ־געגעסן מיט די אויגן אין אים, עס איבערגעלייענט פאַר זיך, צונויפגע־לייגט און אַוועקגעגעבן מיר צוריק.

—איך טאָר דאָס ניט פירן מיט זיך. אָבער זייט זיכער: איך האָב דאָס אַלץ אין קאָפּ, און וועל דאָס איבערגעבן כמעט ווי וואָרט פאַר וואָרט מיט אייערע דערקלערונגען.

מיט אָט דעם רעזולטאַט פון אונדזער שמועס איז דוכאָוויטש געווען צופרידן ביז גאָר.

— נו, חיים יאָסיפאָוויטש, איצטער האָט איר אַלץ וואָס איר האָט געוואָלט! — האָט ער זיך געווענדט צו מיר און האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין קני.

איך האָב אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף זיינער. אין אָט דעם מאָמענט האָב איך געשפּירט, אַז עס איז גמר: אַ סוף צו אַלע מיינע קווענקלעניש, ספיקות און איבער-איבער־טראַכטונגען. ניטאָ פאַר מיר קיין אַנדער וועג אין לעבן, ווי נאָר דער וועג פון דעם רוסישן רעוואָלוציאָנער, דעם רוסיש־יידישן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט.

מיר זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב מיך אָנגעלענט אָן דעם בוים, אונטער וועלכן איך בין געזעסן. מיר האָבן געוואַרט ביז עס וועט ווערן גוט טונקל. דוכאָוויטש און די אורחים האָבן גערעדט צווישן זיך אין האַלבן טאָן. איך האָב מיך פאַרטראַכט. איך געדענק גאַנץ גוט, אַז אין מיין זיכרון האָט זיך דעמאָלט דורכגעטראָגן די סצענע פון גאָגאָלס „טאַראַס בולבאַ“, ווען דער „פּאָלקאָווניק“ מיט זיינע זין האָבן פאַרלאָזן הויז און הויף און זיינען אַוועק אַנצושליסן זיך אָן דעם קאָזאַקישן לאַגער פון די „זאַפּאָראָגן“. „וועסט זיך שלאָגן מיט די באַסורמאַנעס? און אין דער היילקער דרייאייניקייט גלייבסטו? — נו טרעט־אַריין אין וועלכן הויז (אָפּטייל) דו ווייסט אַליין“ („ווסטופּאַי וו' קאַקאָי סאַם זנאַיעש קורען“). אַ קורצע און רירנדיקע צערעמאָניע. אויך איך טרעט אַריין אין אַ מיליטערישן לאַגער, צו „שלאָגן זיך מיט די באַסורמאַנעס“ און צו קעמפן פאַר אַ הייליקן גלויבן. און אויך איך קלייב מיר אַליין אויס דעם „אָפּטייל“, „וועלכן איך ווייס אַליין“: איך טרעט אַריין אין אַן אייגענעם יידישן „אָפּטייל“ פון דעם זעלביקן אַלגעמיינעם „לאַגער“.

ווען עס איז געוואָרן פינצטערער, האָבן זיך די געסט אויפגעהויבן. מיר האָבן זיך וואַרעם פונאַנדערגעזעגנט, און זיי זיינען אַוועק. דוכאָוויטש און איך זיינען נאָך אויף אַ ווײַלע געבליבן זיצן אין וואַלד.

55

אַ וויכוח מיט מיין זיידן וועגן גלות און סאָציאַליזם

די „אומלעגאַלע״ אורחים, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרבינדן דעם „תשועת ישראל״ מיט דעם נייעם „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט״ פון דער פאַרטיי „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ״, זיינען, באַלד נאָך מיין זען־זיך מיט זיי, אַוועקגעפאָרן אויף אַ זייער לאַנגער און שווערער נסיעה. מען האָט למפרע געקאָנט דערוואַרטן, אַז דער ענטפער פון דעם קאָמיטעט וועט ניט אָנקומען אַזוי גיך. איך האָב אָבער געהאָפט, אַז ער וועט אַריינטרעטן אין צייט, ד״ה, ווען אַלע מאַנוסקריפּטן וועלן שוין זיין צוגעגרייט פאַר דעם ערשטן ביכל פון דעם זשורנאַל. ער איז אָבער אָנגעקומען אַ היפּש ביסל שפּעטער: ערשט אין אַ קנאַפּן יאָר אַרום נאָך אונדזער באַגעגעניש, אין אָנהייב זומער 1886.

אין אָט דעם יאָר זיינען דערווייִלע פאָרגעקומען אַ פּאָר וויכטיקע פּאַסירונגען אין מיין לעבן.

מיינע אַרבעטן אין דעם זומער 1885 האָבן זיך באַוועגט אין די זעל־ביקע ליניעס, ווי פריער, נאָר מיט אַ נאָך שטאַרקערן ברען, — דער עיקר, די אַרבעט פאַר דעם זשורנאַל. זי האָט געקאָנט איצטער געפירט ווערן אין נאָך באַקוועמערע באַדינגונגען, ווייל דעם זומער איז כמעט קיינער פון די דערוואַקסענע אין דער פאַמיליע ניט געווען אין דער היים. דער פאָטער און דער ברודער באַריס זיינען געווען געשעפט־לעך אין ריגע. די מוטער און, דוכט מיר, אויך מיין ברודער „מוטע״ זיינען געווען אין דובעלן, אין די ים-בעדער. אין דער היים זיינען גע־בליבן נאָר די שוועסטער ראָזע און דאָס קליינוואַרג. די באַלעבאַטיש־קייט האָט געפירט דער זיידע, שוין אַן אלמן, וואָס האָט פריער גע־וואוינט אין אַ הויז, ביי אונדז גופא, אויפן הויף, און האָט זיך איצטער אַריבערגעקליבן צו אונדז. פרעמדע פלעגן זעלטן אַריינקומען, אַ חוץ קאָליאַן, וואָס פלעגט זיין אַן אָפטער אַריינגייער. ער פלעגט מיר אָבער ניט שטערן אין מיין אַרבעט. ער פלעגט דאָס רוב פאַרברענגען מיט מיין

שוועסטער ראָזע און מיט דעם זיידן. מיט וועמען פון זיי מיט מער אינטערעס, — ווער ווייס ?

איינמאָל, אַזוי אין יולי־צייט, בין איך, אין אַ הייסן נאָכמיטאָג, געקו־מען אַ פאַרמאַטערטער אַהיים. אין שטוב איז קיינער ניט געווען. די טיר אין מיין צימער איז געווען פאַרמאַכט. איך עפן אויף און גיי אַריין, ערשט עס שטייט אין מיטן צימער אַ גרויסער קאַסטן, און דער זיידע מיט שלמהן פאַקן אַהין אַלע ביכער פון מיין ביכער-אַלמער.

— וואָס טוט איר דאָ ? וואָס איז געשען ?

דערציילט מיר דער זיידע, אַז דאָ איז נאָר וואָס געווען לאַכאָווס שוועסטער (ווירעאַ) און געהייסן אָנזאָגן מיר, אַז איך זאָל תיכף ומיד אָפּרייניקן אַלע אומלעגאַלע זאַכן, („טריפהנע זאַכן", האָט זיך דער זיידע אויסגעדריקט). די נאַכט זיינען געווען „אָביסקעס" (הויז־זוכונגען), און מען וועט מסתמא קומען אויך צו מיר.

— ניטאָ ביי מיר קיין „טריפהנע" זאַכן ! שלמה, שטעלט אַלץ אַריין צוריק !" — האָב איך אַרויסגערעדט אין כעס און בין, אַ ברוגזער, אַרויס אין גאָרטן.

אומלעגאַלע זאַכן זיינען ביי מיר דעמאָלט דווקא געווען אַ היפש ביסל, אי מיינע אייגענע, אי פרעמדע. אָבער זיי אַלע האָב איך מיך געמיט צו האַלטן „אויפן ברעג", ביי שלמהן. פון דאָרטן בין איך דאָס טאַקע געקומען אַהיים, אַ פאַרמאַטערטער, שלעפנדיק זיך אונטער דער באַקנדיקער זון איבער דעם ווייסטן ברעג. אין כעס האָב איך אָסור גע־האַט וואָס צו זיין. אויך שלמה האָט ניט געקאָנט זיין זיכער, צי האָב איך ניט עפּעס געלאָזן ביי זיך. און אויסזאָגן דעם זיידן, וואו איך האַלט די פאַרווערטע סחורה, האָט ער אויך ניט געטאָרט. ס'איז טאַקע געווען די קליגסטע זאַך — אַוועקצונעמען אַלץ ביז מיין קומען.

איך בין ווידער אַריין אין צימער און האָב מיך געמיט אין אַ גוט־מוטיק-פריינטלעכן טאָן צו פאַרגלעטן מיין אומבאַרעכטיקטן אויפברויז.

באַלד האָבן מיר זיך געזעצט טרינקען טיי אין דרויסן. שלמה איז אַוועק, און איך בין געבליבן מיטן זיידן. ווי אַלע מאָל ביים טיי־טרינקען, האָט דער זיידע געקוקט אין אַ „ספר" און איך — אין אַ „בוך". אין אַ ווײלע אַרום האָט דער זיידע אַוועקגעלייגט דעם ספר און האָט אָנגע־הויבן רעדן.

אים איז זייער געפעלן געוואָרן לאַכאָווס שוועסטער. „זייער אַן איי־דעלע צורה". און אויך ניקאָלאַי סעווריאַנאָוויטש (קאָליאַ) איז זייער אַן אידעאַלער מענטש. עס איז באמת אַ תענוג מיט אים צו פאַרברענגען.

און פלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן אין אַ האַלבן טאָן:

— מיינסט, איך פאַרשטיי ניט, וואָס פאַר אַ חברה־לייט איר זייט? אָבער דאָס גראָד פאַרשטיי איך ניט ביי דיר. ווי פּאַרט זיך דאָס ביי דיר? דו האָסט דאָך די תקווה ניט פאַרלאָרן...

—וועלכע תקווה, זיידע?

— אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות. איך בין זיכער, דו האָסט זי ניט פאַרלאָרן. איז ווי פּאַרט זיך דאָס מיט דיין אַרבעט ביי זיי? אָדער... גלייבסטו שוין מער ניט?

מיין קלוגער זיידע האָט אַרויפגעלייגט דעם פינגער גראָד אויף דעם סאַמע צענטער פון דער פראַגע, וואָס האָט מיך אַזוי לאַנג געפּלאָגט: „פּאַרט זיך" דאָס? און ווי זאָל זיך דאָס „פּאָרן"?

איך האָב גענומען דערקלערן אים מיין שטאַנדפּונקט.

די „תקווה" האָב איך געוויס ניט פאַרלאָרן. אָבער אויסלייזן זיך פון גלות דאַרף מען אין דעם גלות גופא. איך געדענק ניט, נאַטירלעך, די פּרטים פון מיינע דעמאָלטיקע רייד. איך געדענק אָבער גוט, אַז איך האָב ביטער גערעדט וועגן די יידישע פּרנסות און וועגן אונדזער עקאָנאָמישער ראָלע אין לאַנד, אַז אַ שעדלעכער פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן. דערביי האָב איך געמוזט געבן דעם זיידן אַ שטיקל „אַגיטאַציע" אין הלכות סאָציאַליזם. איך האָב דערקלערט די מאָראַלישע יסודות פון דעם סאָציאַליזם און פאַרוואָס מען מוז אָפּשאַפן „מיין און דיין", פון וואַנען עס נעמען זיך אַלע פּלאָגן און פּורעניות אין אונדזער אַלעמענס לעבן. איך האָב באַגייסטערט געשילדערט דעם גרויסן אויפטו, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן אויפגעטאָן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע, וואָס איז אַוועק אין אַ ליניע, אויף וועלכער איך האָב מיך בשום אופן ניט געריכט. איך געדענק, ווי אין מיטן פון אונדזער אַמפּערן זיך האָט דער זיידע אויסגעשריען:

„זיי קומען אונדז לערנען יושר? אונדז? אונדז דאַרף מען דערקלערן וועגן אָפּשאַפן „מיין און דיין"? אַט, נאַ, זע, וואָס דער „ספר יוחסין" זאָגט".

דער זיידע האָט אויפגעמישט אַ בלעטל אין דעם „ספר יוחסין", אין וועלכן ער האָט פריער געלייענט, און וואָס איז געלעגן לעבן אים. איך טראַכט איצטער: איז דאָס געווען אַ מערקווירדיקער צופאַל, וואָס דער זיידע האָט גראָד דעמאָלט געקוקט אין דעם „ספר יוחסין"? אָדער האָט ער מיט אַ כיוון גענומען יענעם ספר, גרייטנדיק זיך אויף אַ שמועס מיט מיר? אָבער אין דעם בלעטל, וואָס דער זיידע האָט מיר אונטער־

געטראָגן, איז באמת געשטאַנען עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר מיר געווען אי לגמרי אומדערוואַרט, אי זייער מערקווירדיק.

דאָס אויסזען פון בלעטל, מיט די צוויי עמודים אין רש״י־כתב, האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זיכרון. איך האָב איצטער ניט דעם „ספר יוחסין״ אונטער די הענט. איך געדענק אָבער, אַז די שטעלע, וואָס איך האָב געדאַרפט איבערלייענען, האָט דערציילט, ווי אַזוי איינער, אַ ר׳ צדוק, פון די בית שמאי, האָט געגרינדעט אַ חברה, מיט דעם נאָמען „איסיים״, וואָס האָבן געלעבט נאָר פון יגיע כפּים און האָבן איינגעפירט ביי זיך דעם פּרינציפּ פון „כיס אחד לכולנו״ (איין קאַסע פאַר אַלעמען).

אגב: דער „ספר יוחסין״ האָט געמאַכט אַ היסטאָריש זייער באַ־טייטזאַמען טעות: ר׳ צדוק פון די בית שמאי האָט געגרינדעט ניט די פּאַרטיי פון די איסיים, נאָר די פּאַרטיי פון די „קנאים״ („זעלאָטן״). איך האָב אָבער דעמאָלט פון דער יידישער געשיכטע אין דעם בית שני ניט געוואוסט אפילו אַ „צורת אות״, און אָט די היסטאָרישע ידיעה האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. איך בין געווען שטאַרק פּאַרטיפּט אין דער שטעלע, וועלכע איך האָב איבערגעלייענט נאָך אַמאָל. און דער זיידע האָט דערווייל נאָך מער מסביר געווען דעם ענין.

— דו פאַרשטייסט? פרומע יידן . . . פון די בית שמאי . . . פון די פרימסטע! און — כיס אחד לכולנו!

דאָס איז פאַר מיר באמת געווען די אומדערוואַרטעטסטע נייס! עס איז, ווי מען וואָלט אויפגעהויבן אַ קליין ברעגעלע פאָרהאַנג פון אַ וועלט, אין גאַנצן אַ פאַרשטעלטע פון מיר. דער זיידע אָבער האָט ווייטער גע־רעדט:

— און אונדזערע נביאים? האָבן זיי זיך ניט אָנגענומען פאַר די אָרעמעלייט? „הוי, משיגי בית בבית ושדה בשדה״. האָסט פאַרגעסן? און אונדזער דאַוונען! „ויעשו כולם אגודה אחת״: איין אגודה פון דער גאַנצער וועלט!

און נאָך אַזעלכע ציטאַטן האָט ער געבראַכט. איך האָב געקוקט אויף דעם זיידנס שיינעם פּנים מיט דער גרויער באָרד, מיט דעם אויפ־גערודערטן באַגייסטערטן אויסדרוק אין געזיכט. מיין זיידע איז ניט געווען קיין „למדן״. סוף־סוף: אַ געוועזענער „קאָנדיטער״, אַ בעל־מלאכה. ווי לאַנג צוריק איז דאָס, ווען ער איז נאָך געשטאַנען מיט דעם ווייסן פאַרטעך אין זיין „מאַסטערסקאַיאַ״ און האָט געריבן מיט אַ גרויסן הילצערנעם „שטויסער״ אין אַ גרויסער שטיינערנער „שטויסל״ די ראָ־

זעווע מאַסע פֿאַר „צוקערקעס״! און דאָס האָט געלעבט אין זיין נשמה! איך בין געזעסן, ווי פאַרפּלעפט, שלינגענדיק זיינע רייד, וואָס האָבן מיך אָנגעפילט מיט ליבע און באַוואונדערונג צו אים.

די ציטאַטן, וואָס דער זיידע האָט געבראַכט, זיינען ניט אַלע געווען ניי פֿאַר מיר. אַ פולע פון זיי האָב איך אַמאָל אַליין געוואוסט, הגם איך האָב זיך קיינמאָל ניט אריינגעטראַכט אין זיי. אָבער קיין איינע פון זיי איז פאַר מיר ניט געווען אַזוי אומדערוואַרטעט ניי, ווי דער קורצער באַריכט אין דעם „ספר יוחסין״ וועגן די פרום־יידישע קאָמוניסטן, די איסיים.

איך האָב געלאָזן דעם זיידן זיך אין גאַנצן אויסריידן. ערשט דע־מאָלט בין איך געקומען צו זיך און בין אַרויס מיט מיין „מענה לשון״. יע, אמת. דאָס זיינען אַלץ זייער שיינע זאַכן. אָבער! אָבער ווי לעבן מיר? וואָס טוען מיר? איך בין מודה, אַז שוין אונדזערע איסיים האָבן געוואוסט דעם אמתן אמת און האָבן זיך געמיט דורכצופירן אים אין זיי־ער אייגענעם לעבן. אָבער וואָס איז מיט דער גאַנצער וועלט, דרויסן פון זיי? און וואָס ווייסן מיר פון זייער לעבן און שטרעבן? ס׳איז דאָך אַ נפקא מינה צווישן די פרומע ערלעכע יידן, וואָס גלייבן אפשר אויך אין דעם יושר פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, און די איצטיקע סאָצי־אַליסטן. וואַרטן אויף אַ „באחרית הימים״, ווען משיח וועט קומען, וועט אומעטום דורכפירן די סאָציאַלע גערעכטיקייט, און דערווייל לעבן פון דעם פרעמדנס האַרעוואַניע איז איין זאַך, און מיט די אייגענע כוחות שוין איצטער קעמפן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם יושר איז אַ גאַנץ אַנדער ענין.

און אָט דער ענין פאַרט זיך זייער גוט מיט מיין יידישקייט. די סאָציאַליסטישע פאַרטיי איז אַ פאַרטיי פאַר אַלע פעלקער. אויך פאַר יידן. דאַרפן אויך זיין יידישע סאָציאַליסטן, וואָס וועלן אויך צווישן יידן אַרבעטן, ווי יידן, פאַר דעם זעלביקן ציל. און דאָס איז, וואָס איך האָב אין אויג. „זיי״ קאָנען ניט אַרבעטן צווישן אונדז. דאָס דאַרפן מיר אַליין טאָן. קעמפן אָבער פאַר אַלעמענס באַפרייאונג דאַרפן מיר אינ־איינעם מיט זיי. אַליין קאָנען מיר ניט אויסקעמפן די באַפרייאונג.

נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך ניט גערעדט מיט מיין זיידן אַזוי אָפן און אַזוי אינטים. און קיינמאָל איז אונדזער ליבע איינס צום אַנדערן ניט געווען אַזוי שטאַרק, ווי אין יענע פאַר שעה, ווען מיר האָבן אַזוי פאַרבראַכט, ביז שטערן האָבן זיך גענומען באַווייזן, און דער זיידע

האָט זיך אויפגעהויבן גיין אין מנין דאַוונען מעריב. מנחה האָט ער צוליב דעם געשפּרעך דורכגעלאָזן.

— איך וועל דאַרפן צוליב דיר שטיין צוויי *שמונה־עשרהס*! — האָט ער באַמערקט, ווי מיט אַ פאָרוואורף.

אויפהייבנדיק זיך, האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל, ווי כלומרשט אָנשפּאַרנדיק זיך. אָבער איך האָב געשפּירט, אַז דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון ליבע און צוטרוי.

איך בין געבליבן זיצן אַליין אין אַן אויפגעראַמטער, געהייבענער שטימונג פון דעם נייעם איבערלעבעניש. אויך בין איך געווען צופרידן מיט דעם וויכוח און מיט מיין באַשיינפּערלעכן טריאומף.

איך האָב געזען פאַר זיך די הויכע געשטאַלט פון מיין זיידן, זיין הדרת פּנים, מיט די פּיאות און דער יאַרמולקע, מיט דעם גאַנצן ליבן געזיכט זיינעם. און עס האָט זיך מיר געטראַכט: אָט איז איינער פון די בעסטע קינדער פון אונדזער פאָלק, אין תוך — די פאַרקערפּערונג פון אונדזער פאָלק, דעם ניט פאַרהאַוועטן, דעם ניט פאַרשמייעטן אין מקח וממכר. זיינען מיר ווייט איינער פון דעם אַנדערן? איך האָב געפילט, אַז אין תוך איז דער זיידע סאָלידאַריש מיט מיר. מיר זיינען ביידע, אין תוך, איינס. מיר האָבן ביידע דעם זעלביקן גלויבן: דעם גלויבן אין אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר גאָר דער מענטשלעכער וועלט.

און שיין האָט זיך אין מיר דעמאָלט פונאַנדערגעבליט דער גלויבן אין אונדזער פאָלק.

די מעשה אָבער מיט די איסיים איז אַריין טיף אין מיין געמיט און האָט גענומען וועקן אין מיר געדאַנקען, וואָס זיינען מיר ביז צו יענער צייט געווען לגמרי פרעמד.

56

מיין זיידנס סאָציאַליזם פון די נביאים און פון תלמוד

די הויז־זוכונגען, וואָס האָבן אויפגערודערט דעם נאַראָדאָוואָלישן קרייז אין וויטעבסק, האָבן זיך געענדיקט מיט גאָרנישט. מיין הויז איז אויסגעמיטן געוואָרן. דער פלוצימדיקער אויפברויז פון דער זשאַנדאַרישער ענערגיע אין דעם עפנטלעך אַזוי רואיקן און פאַרשלאָפענעם וויטעבסק האָט זיך באַנוגנט נאָר מיט אַ פּאָר פלעצער. זיי האָבן, משמעות, געהאַט אַ נאָענטע שייכות צו דעם באַזוך פון די צוויי אומלעגאַלע אין וויטעבסק, וועגן וועלכע איך האָב געשריבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל. די פּאָליציי איז מסתמא אַרויף אויף אַ וועלכער עס איז שפּור, וואָס האָט געפירט צו אונדזער שטאָט, און האָט זיי דערפירט אין אַ צייט, ווען די רעוואָלוציאָנערן זיינען שוין אַ גוטע זעקס וואָכן געווען „הינטער בערג און הינטער טאָלן". — דאָס האָט געגעבן די האָפענונג, אַז אויב די בריהשקייט פון דער פּאָליציי וועט אויך אין דער צוקונפט שטיין אויף דערזעלביקער הייך, וועלן די פאַרפאָלגטע מיט מזל דערגרייכן דעם „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט" אין דרום רוסלאַנד און פון דאָרטן — אין דעם פּאַר זיי מער זיכערן אָרט, אויף דעם קאַווקאַז.

דער קליינער אויפרודער, וואָס אים האָט וויערא מיט איר וואָרענונג אַריינגעטראָגן אין אונדזער הויז, איז אָבער פאַר מיר געווען פון גאָר אַ גרויסן באַטייט. ער האָט געפירט, ווי מיר האָבן געזען, צו אַ וויכוח מיט מיין זיידן, אין וועלכן ער האָט מיר צום ערשטן מאָל אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט אַ דערשיינונג, אויף וועלכער איך האָב מיך קיינמאָל ניט געריכט: מיט דעם פאַקט, אַז אין דער גאָר אַלטער יידישער וועלט איז געווען אַ סאָציאַליסטישע געדאַנקען־ספערע (די נביאים) און אַ ריין קאָמוניסטישע באַוועגונג, די איסיים. און נאָך באַטייטנדיקער איז געווען דער פאַקט, וואָס אָט די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע אידעאַלן האָבן נאָך ניט פאַרלאָרן זייער מאַגנעטישע קראַפט אויך ביי אַ טייל פון די איצטער לעבעדיקע רעליגיעזע פרומע יידן. אָט וואָוינט מיט מיר

אונטער איין דאַך אַן אַלטער, פרומער ייד, דווקא אַ געוועזענער באַל־מעלאָכע, — מיין זיידע, — אין וועמעס נשמה עס ווירקן נאָך יענע אידעאַלן, ווי אַ לעבעדיקער גלויבן.

דער וויכוח מיט אים איז פאַר מיר געווען, ווי אַ שטראַל פון אַ מיר אומבאַקאַנטער וועלט, וואָס האָט אַזוי זוניק אַריינגעלויכטן אין מיר און וואָס האָט סוף־כל־סוף געפירט דערצו, אַז איך האָב געמוזט ראַדיקאַל רעווידירן מיין גאַנצע שטעלונג צו דער אַלטער יידישקייט. דאָס איז אָבער געשען ניט אַזוי שנעל.

באַלד נאָכן זיידנס אַוועקגיין אין מנין, ווען איך בין געבליבן אַליין אין דער געהויבענער שטימונג און אין פרייד, וואָס איך האָב מיך געקאָנט אָנטפלעקן פאַרן זיידן, געפינענדן סימפּאַטיע ביי אים און רעדן מיט אים, שיר ניט ווי מיט אַ חבר, האָט דער נייער שטראַל געגומען ווירקן אין מיר.

די איסיים! טאַקע אַ חידוש נפלא! ווער זיינען זיי געווען? ווי קומט דאָס צו זיי? ווער איז דאָס געווען דער ר׳ צדוק פון די בית־שמאי? . . . און די נביאים! מערקווירדיק, אַזוי פיל מאָל געהאַלטן דעם תנ״ך אין האַנט און די נביאישע רייד אין מויל. ווי אַזוי איז דאָס אַלץ פון מיר פאַרשוואונדן געוואָרן? דעם נביא ישעיהו, האָב איך אַמאָל, אין די חדר־יאָרן געלערנט אויף אויסנווייניק. איך האָב געמוזט דע־מאָלט אַלט זיין אַ יאָר צען. געטאָן האָב איך דאָס ניט אויס דעם איי־גענעם חשק און ליבע צו דעם תנ״ך: איך וואָלט בעסער פאַרבראַכט די צייט אין שטיפעריי מיט די חברים. אָבער די מאַמע פלעגט מיר צאָלן פינף קאָפּיקעס אַ קאַפּיטל, און דאָס איז פאַר מיר געווען אַ חשובע הכנסה. פלעג איך לערנען אויף אויסנווייניק די ווערטער־קלאַנגען פון ישעיהו, אפילו ניט טראַכטנדיק וועגן דעם וואָס זיי באַטייטן.

און די גמרא? איז אויך דאָרטן פאַראַן עפּעס אַזוינס? עס מוז דאָך עפּעס זיין. ר׳ צדוק איז דאָך געווען פון די בית־שמאי. ער איז דאָך ניט פון הימל אַראָפּגעפאַלן. עס האָט דאָך געמוזט זיין אַ געוויסע געדאַנקען־ספערע, אַן אַנגעזאַפּטע מיט סאָציאַליסטישע אידעאַלן, וואָס האָט געקאָנט אַרויסברענגען אַ ר׳ צדוק. וואָס געדענק איך וועגן דעם? איך געדענק ניט אפילו אַ וואָרט. און ווידער מערקווירדיק! איך האָב דאָך געלערנט אַ סך גמרא, און פלעג קאָנען „אָפּלייענען" אַ בלאַט גמרא מיט רש״י און תוספות. ניט קיין שלעכטער יינגל געווען. און אַ חוץ דעם חדר פלעג איך דאַרפן לערנען אַ מסכת פאַר זיך, ווי אַ בכור, כדי ניט צו דאַרפן פאַסטן ערב פסח. דריי מסכתות אַזעלכע האָב איך

זיכער אַליין געלערנט ביז צו בר־מצווה, — אַלץ פון די קלענערע, די גרינגערע: „תענית", „מועד קטן", „חגיגה". אָבער מער ווי די נעמען פון די גמרות גערענק איך גאָרנישט. ניט אַ וואָרט. עס איז אַלץ אָפּגעווישט געוואָרן, ווי קרייד מיט אַ נאַסן טוך פון אַ שוואַרצן ברעט.

אַ שאָד, אַ שאָד. און דאָ פלעגן מיר, יונגע אַפּיקורסים, זיך נאָך פרייען, מיט אַ נאַרישער גדלות, וואָס מיר האָבן שוין אַלץ פאַרגעסן, אפילו „אשרי" . . .

אַן ערך אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך אַרומגעטראָגן און געפּלאָנטערט אין מיין מוח, ווען איך בין אין דער פינצטער אומגעגאַנגען איבער דער לאַנגער אַלייע פון אונדזער גאָרטן, ביז איך האָב מיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף נאָך היינט פאַרענדיקן דאָס בוך, וואָס איך האָב געלייענט, ווייל מען וועט מאָרגן קומען נאָך אים. איך האָב ת׳כף אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ אַלע ניט פּאַסיקע געדאַנקען, און זיך גענומען פאַר דעם בוך.

דער אינטערעס צו דער אַלט־יידישער וועלט און צו די אוצרות, וואָס געפינען זיך מסתמא אין איר, איז נאָך ניט געווען אַזוי שטאַרק, עס זאָל מיך טרייבן, זיך היסטאָריש צו פאַרטיפן אין זיי.

איך האָב דאָך ניט געקאָנט דערוואַרטן, צו געפינען אין זיי עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַ ממשותדיקן ווערט אויך פאַר דער איצטיקער צייט. איך האָב באַשלאָסן צו נעמען זיך פאַר זיי, ווען עס איז שפּעטער. דעמאָלט בין איך אָבער געווען פאַרנומען מיט, ווי מיר האָט זיך גע־דוכט, אַ סך בילכערע זאַכן, איידער גראָבן זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט. פאַר מיר איז געווען גענוג דער ניי־אויפגעקומענער געפיל פון אַ געווי־סער גייסטיקער סאָלידאַריטעט מיט אַלע דורות פון אונדזער פאָלק, — אַ סאָלידאַריטעט, וואָס ציט זיך פון די נביאים אָן ביז צו מיין זיידן און צו מיר גופא.

און אַזוי איז דער נייער שטראַל, וואָס איז אַריינגעלויכטן אין מיר פון דעם זיידנס רייד ביסלעכווייז פאַרבלאָסט געוואָרן. ריכטיקער: ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיק קערנדל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער טיף פון דער נשמה און איז געלעגן אַ היפּשע צייט, ביז ער האָט געקאָנט אַרויסלאָזן וואָרצלען און זיך פונאַנדערוואַקסן.

ס׳איז אַריבער דער זומער. אַ וויכטיקער מיטגליד פון אונדזער נאַראָדאָוואָלישן קרייזל, — די לוקאַשעוויטש, — איז צוגענומען געוואָרן פון דער פּאָליציי און איז פאַרשיקט געוואָרן. באַלד איז אויך אַרויס דער משפּט אויף דוכאָוויטשן, פאַרשיקט צו ווערן אין דעם ווייטן צפון פון סיביר, קיין אָבדאָרסק, און מען האָט אים גלייך אַרעסטירט. עס האָבן

זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו זיין וועג. אין וועלכע מינץ און די חברים פון קאָליאַס „קאָמונע" האָבן זיך שטאַרק מטפל געווען. די אַר־בעטן אין דעם נאַראָדאָוואָלישן קרייזל האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מיינע אַרבעטן פאַר דער „תשועת ישראל" זיינען אָנגעגאַנגען ווייטער, אָבער מיט דער גרופּע, אַחוץ מינצן, האָב איך זיך כמעט ווי ניט געזען. עס איז אויך פאַר מיר געווען קלאָר, אַז די גאַנצע עקזיסטענץ פון אַן איי־גענער יידישער אָרגאַניזאַציע העננט אָפּ פון דער „קענדיציאַ סינע קוואַ נאָן": וועט דער קאָמיטעט אונדז אָנדערקענען, עקזיסטירן מיר. אַלאַ ניט — ניט. האָב איך מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם ענטפער. אַזוי איז אַריבער דער ווינטער.

דער ענטפער איז אָנגעקומען ערשט אָנהייב זומער 1886. אונדזער פאַמיליע האָט זיך שוין געקליבן אַרויסצופאָרן אין אַ זומער־וואוינונג, ווען קאָליאַ האָט מיר מיטגעטיילט, אַז וויעראַ האָט פאַר מיר אַ וויכטיקע ידיעה, אָנגעקומען אין אַ שיפרירטן בריוו. איך בין תיכף אַוועק צו איר, און זי האָט מיר איבערגעלייענט זיין אינהאַלט. דער קאָמיטעט האָט נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע, אין וועלכער אויך דער „שליח" האָט זיך באַ־טייליקט, מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט באַשלאָסן, ניט אָנצונעמען אונדזער פאָרשלאָג, ווייל ער זעט אין אים די געפאַר פון סעפּאַראַטיזם. דער בריוו האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פּאָר שורות, וואָס האָבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון:

„עטאַ טיעם באָליעיע אודיוויטיעלנאַ, טשטאָ באָלשינסטוואָ קאָמיטיע־טאַ — יעווריעאי" („דאָס איז דאָס מער חידושדיק, וואָס די מאַיאָריטעט פון דעם קאָמיטעט באַשטייט פון יידן").

דעם ענטפער האָב איך באַלד מיטגעטיילט מינצן. איך בין געווען, ווי אַ דערשלאָגענער. ווי דאָס האָט געווירקט אויף מינצן, געדענק איך ניט. קיין רייד וועגן דער „תשועת ישראל" איז מער ניט געווען. איך בין מיך איצטער משער, אַז קיין שטאַרקן עגמת־נפש האָבן דערפון ניט געהאַט, ניט מינץ און ניט די גרופּע.

איך טראַכט איצטער: אַן אַנדערער אויף מיין אָרט, וואָלט זיך אפשר ניט אונטערגעגעבן; וואָלט געפּרואווט אַריבערציען אויף זיין שטאַנדפּונקט די חברים און ווייטער פירן די אַרבעט, אונטער דער פאָן פון דער פאַרטיי. און אַ מענטש מיט אַביסל ניעטשאַיעווישע בלוט אין די אָדערן, וואָלט געקאָנט „אונטערבלאָפן" אַביסל: די פאַרטיי, הייסט עס האָט אונדזער אָנבאָט אָנגענומען; און איצטער, חברים, צו דער אַרבעט! ווער וואָלט אונדזער יידישע טעטיקייט געקאָנט קאָנטראָלירן?

פאַר מיר אָבער איז שוין דער נאָמען אַליין: „דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״ געוועזן אַזאַ גרויסע און הייליקע זאַך, אַז זיין גזר־דין האָב איך אָנגענומען, ווי אַן אָבליגאַטאָרישן פאַר יעדן איינעם, וואָס באַטראַכט זיך פאַר אַ צוגעהעריקן צו דער פּאַרטיי און וואָס דאַרף ממילא זיין תמיד גרייט צו פאָלגן דעם באַשלוס פון דער העכסטער אינסטאַנץ. דאָס הייסט ניט, אַז מען טאָר דעם באַשלוס ניט קריטיקירן. מען האָט געוויס אַ רעכט, אידייאיש צו באַקעמפן אים, פּאָלעמיזירן אַנטקעגן אים, מיען זיך, מען זאָל איבערבייטן דעם באַשלוס. אָבער דורכפירן פּראַקטישע מעשים, וואָס גייען להיפוך צו אים און וואָס וואָלטן זיכער געמוזט פירן צו אַ „סעפּאַראַטיזם״, צו אַן אויסשיידן זיך פון דעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן לאַגער, — דאָס ניט. (שפּעטער האָב איך געענדערט מיין בליק אויף דעם ענין).

אַט די שטעלונג מיינע האָט מיר אָבער דיקטירט אַ נייע אויפגאַבע, וועגן וועלכער איך וועל באַלד ריידן. דערווייליל מוז איך צוגעבן נאָך אַן עפּיזאָד פון מיינע זכרונות, וואָס האָט אויך אַ שייכות צו דער זעלביקער „תשועת ישראל״: זאָל „דער גאַנצער מאַטעריאַל״ פון אַט דעם ערשטן טראַגישן פּרוּוו פון אַן אייגענער יידישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אָר־גאַניזאַציע זיין אינאיינעם.

עס זיינען אַריבער גוטע צוואַנציק יאָר, זינט איך האָב באַקומען יענעם ערשטן, זייער שווערן קלאַפּ אויף מיין וועג, ווי אַ יידישער סאָציאַליסט. ס׳איז ווינטער 1906־1907. איך בין אין פּעטערבורג, אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, און „לויף״ ווי אַ דעלעגאַט אין דער צווייטער „דומע״. אין איינעם אַן אָוונט, פאַרבראַכט אין ל. שטערנבערגס הויז, האָב איך מיך פונאַנדערגערעדט מיט שטערנבערגן וועגן די „אַלטע צייטן״ בכלל און וועגן דער טעטיקייט, ווי אויך דעם כאַראַקטער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״. איך האָב באַשולדיקט אונדזער אַמאָליקע מוטער־פּאַרטיי אין צענטראַליזם און גרויס־רוסישער אַסימילאַ־טאָרישקייט. באַרופן האָב איך מיך דערביי אויף פּראָפעסאָר דראַגאָמאַ־נאָווס פּאָלעמיק אַנטקעגן איר פאַר איר שטעלונג צו דער אוקראַינישער באַוועגונג.

שטערנבערג, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט אָנגעשלאָסן אָן דער עס־ערישער פּאַרטיי און האָט אָנגענומען אויך איר פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער אין רוסלאַנד, האָט העפטיק פאַרטיידיקט די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״.

דאָ האָב איך מיך דערמאָנט אָן דעם טראַגישן עפּיזאָד מיט דער „תשועת ישראל“ און אים דערציילט די גאַנצע מעשה, אונטערשטרייכנדיק די מורא פון דעם קאָמיטעט פאַר „סעפּאַראַטיזם“. שטערענבערג איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— באַטיושקי! (טאַטע פאָטער!) — האָט ער אויסגעשריען, — איך בין דאָך דעמאָלט געווען אין קאָמיטעט! יאָ, אמת, געווען אַזאַ זאַך.

און אויף מיין פראַגע, ווער נאָך פון די יידן איז געווען אין קאָמי־טעט, האָט ער גענומען דערמאָנען זיך אָן עטלעכע נעמען, צווישן זיי אויך דעם איצטער, אין ראַטנלאַנד נאָך לעבנדיקן טאַן־באָגאָראַז.

דעמאָלט האָב איך אים איבערגעגעבן אויך דעם סוף פון דעם בריוו, די פאַרוואונדערונג פון דעם רוסישן חבר, וואָס אַ יידישער אָנבאָט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון דעם קאָמיטעט, אין וועלכן יידן זיינען געווען דער רוב מנין.

— נו, זעט איר? — האָט שטערענבערג אויסגערופן טריאומפירנ־דיק, — דאָס איז ניט געווען קיין נאַראָדנאָוואָלישער צענטראַליזם, נאָר די יידישע אַסימילאַטאָרישקייט.

היסטאָריש איז דאָס ניט אין גאַנצן ריכטיק. אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ האָט זיכער פריער געהערשט אַ שטרענג צענטראַליסטישע ריכ־טונג, און נאָך דערצו ניט גאָר קיין יידן־פריינטלעכע. אין שטערענבערגס צייטן איז זי שוין געווען ניט אַזוי ניכר. ביי מיינע נאַראָדאָוואָלישע פריינט האָב איך זי זיכער ניט באַמערקט, און די אידייע פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר די רוסלענדישע פעלקערשאַפטן האָט ביי זיי ניט אַרויסגערופן קיין פּראָטעסט.

על־כל־פּנים האָב איך אויך אין 1886 גאָר ניט געטראַכט וועגן די צענטראַליסטישע און אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“. דעם שטרענגן גזר־דין אויף דער „תשועת ישראל“ האָב איך דעמאָלט דערקלערט דורך דער אַסימילאַטאָרישקייט פון דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענציע, ווי דאָס האָט שפּעטער אויך שטערענ־בערג פאַראַמתט.

איז דערפון אויסגעוואַקסן פאַר מיר אַ נייע אויפגאַבע, וועגן וועלכער איך האָב פריער ניט געטראַכט, אָדער זיכער ניט געטראַכט אין דער צייט פון דער „תשועת ישראל“. דעמאָלט איז אין דעם צענטער געשטאַנען די אַרבעט אין דער יידישער שפּראַך פאַר דעם יידישן פאָלק. דער פּאָליטישער שונא, אַנטקעגן וועלכן מען האָט געמוזט קעמפן אין דער יידישער וועלט, איז געווען דער אויפגעקומענער יידישער „נאַציאָנאַליזם“,

אין דער פאָרם פון דער „חובבי־ציון"־באַוועגונג. מיין אייגענעם שטאַנד־פונקט האָב איך ניט באַטראַכט פאַר אַ „נאַציאָנאַליסטישן". „נאַציאָנאַליזם" איז פאַר מיר געווען די זעלביקע זאַך, וואָס מען רופט איצטער „שאָוויניזם". פאַר דער אַרבעט צווישן יידן און פאַר דעם קאַמף אַנטקעגן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם האָב איך מיך גערעכנט פאַר צוגעגרייט אין אַ פולער מאָס.

אָבער די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן יידן האָט ניט גע־קאָנט געפירט ווערן אָן דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענציע. און זי איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַזוי שטאַרק אַסימילאַטאָריש, אַז זי שטערט דער נייטיקער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, ווי באַלד זי ווערט געפירט אין די אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק און פון זיין ווידערבאַלעבונג, ווי אַ נאָרמאַל פאָלק.

מוז מען אָנפירן אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן, אי אַנטקעגן דעם „נאַצי־אָנאַליזם", אי אַנטקעגן דער אַסימילאַציע. אָבער צו דעם לעצטן קאַמף בין איך נאָך גאָר ניט געווען צוגעגרייט. אין אַזאַ קאַמף דאַרף מען זיין באַוואָפנט אי מיט אַ מער גרונטלעכער קענטעניש פון דעם ענין „נאַצי־אָנאַליטעט" אין זיין שייכות צו דעם ענין „פראָגרעס", אי מיט אַ באַ־האָוונטקייט אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק.

וויטעבסק איז ניט געווען דער פּלאַץ, וואו איך וואָלט מיך געקאָנט צוגרייטן צו אַזאַ מין אַרבעט. דאָס און נאָך אַנדערע מאָטיוון האָבן אין מיר צייטיק געמאַכט דעם באַשלוס איך זאָל פאָרן קיין פּעטערבורג.

57

מיין ערשטער קאַמף מיט דער יידישער אַסימילירטער אינטעליגענציע

דער באַשלוס פון דעם „עקזעקוטיוו־קאָמיטעט“ פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ ניט אָנצונעמען דעם אָנבאָט פון דער גרופּע „תשועת ישראל“, און די ראָליע פון די יידישע רעוואָלוציאָנערן אין אָט דעם באַשלוס, איז געווען אַ היפּשער קלאַפּ פאַר מיינע האָפענונגען, שוין דעמאָלט, אַרויפצוגיין אויף דעם רעוואָלוציאָנערן וועג אונטער דער פאָן פון אַן אייגענער יידיש־סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין אַן אָנדערקענטער טייל פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. איידער דאָס האָט געקענט געשען, האָט געדאַרפט אויסגעקעמפט ווערן אַן אידייאישער קאַמף מיט דער יידישער אַסימילאַטאָרישער אינטעליגענציע.

די נייטיקייט צו זיין גוט באַוואָפנט אין אָט דעם קאַמף, האָט מיך געפירט צו דעם געדאַנק אַוועקצופאָרן קיין פּעטערבורג. צוויי וויכטיקע אויפגאַבן זיינען דאַמאָלט ביי מיר געווען פאַרבונדן מיט אָט דעם געדאַנק. קודם האָב איך געוואָלט קומען אין אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט רוסישע „נאַראָדאָוואָלן“, וואָס האָבן נאָך געהאַט אַ שטאַרקן צענטער אין דער הויפּטשטאָט פון דעם לאַנד. מיט זיי, האָב איך געהאָפט, וואָלטן מיר זיך גיכער געקאָנט דעררעדן וועגן אַ ריין־יידישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. והשנית, וואָלט איך אויסגענוצט די פּעטערבורגער קייסערלעכע ביבליאָטעק, כדי זיך בעסער „אונטערצושמידן“ אין דעם יידישן קאַמף פאַר יענע נאַציאָנאַל־יידישע אידעאַלן, וואָס האָבן זיך ביי מיר צונויפגעוועבט מיט דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. די הויפּט־ראָלע אין אָט דעם טעאָרעטישן צוגרייטן זיך האָט געדאַרפט שפּילן אַ נעענטערע באַקאָנטשאַפט מיט דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

דאָס איז ניט געווען קיין פּשוטע נייגיר, דערוויסן זיך, וואָס אַזוינס עס האָט מיט אונדז פּאַסירט און צו וואָס מיר האָבן געשטרעבט „ממצרים ועד הנה“. אַלע טעאָרעטישע פראַגן, וואָס האָבן מיך דעמאָלט און נאָך יאָרן־לאַנג שפּעטער געאינטערעסירט, זיינען ניט אַרויסגעוואָקסן פון דער

תשוקה צו „וויסן לשם וויסן". טעאָרעטיש בין איך נאָך אַלץ געווען אַ העפטיקער קעגנער פון אַלע אידייאישע באַשטרעבונגען און קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס זיינען אָפּגעריסן פון דעם מענטשלעכן לעבן און זיינע פּראָבלעמען. די טעאָרעטישע פראַגן, אויף וועלכע איך האָב געזוכט אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער, פלעגן תמיד אַרויסשטראַלן, אַזוי צו זאָגן, ווי אַ „טאָפּל-שטערן", פון אַ צוויי-איי‌ניקן אידעאַל: אונדזער נאַציאָנאַלע ווי-דערגעבורט און דער טריאומף פון דעם סאָציאַליזם פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אויך דער אינטערעס, וואָס איז אין מיר דערוועקט געוואָרן צו דער יידישער געשיכטע, איז געווען אַן אַרויסשטראַלונג פון דעם זעלביקן צוויי-איי‌ניקן אידעאַל. ער האָט אויפגעלויכטן אויף אַ ווייַלע, אין יענעם אָוונט, ווען מיין זיידע האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט דער אַלט-יידישער קאָמוניסטישער סעקטע, די איסיים. ער איז פאַרטונקלט געוואָרן פאַר אַ צייט, און איז ווידער געוואָרן באַזונדערס לעבעדיק און פאָדערנדיק, באַלד נאָך דעם ענטפער פון דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. איך האָב גע-נומען לייענען אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט צופעליק קריגן אין וויטעבסק וועגן דער יידישער געשיכטע, זוכנדיק אין איר נעענטערע אָדער ווייטע-רע, הילכיקערע אָדער שוואַכערע אָפּקלאַנגען פון יענעם גייסט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די באַשטרעבונגען פון די איסיים.

איך געדענק, איך פלעג אָפט שטיין פאַר דעם פאָטערס אָפענעם ספרים-אַלמער. דעם אויבנאָן האָבן פאַרנומען צוויי גאַנגן ש"ס (דער תלמוד). אָט דער מאָנומענטאַלער גייסטיקער בנין איז געוואָרן פאַר מיר אַן אינטריגירנדיקע רעטעניש. זיין באַזיס זיינען די פלוגתות צווישן די בית-שמאי און די בית-הילל. לויט דעם ספר „יוחסין" האָט ר' צדוק, דער באַגרינדער פון די איסיים, געהערט צו די בית-שמאי, צו די זעל-ביקע בית-שמאי, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט מיט די בית-הילל וועגן אַן איי, וואָס איז געלייגט געוואָרן אום יום-טוב. איז דאָ אַ וואָסער עס איז אידייאישע שייכות צווישן די קאָמוניסטישע אידעאַלן פון די איסיים און דעם שטרענגן פאַרבאָט ניט צו עסן יענע איי? ווי „פּאַסט זיך" דער פאַרבאָט פון פּריוואַט-אייגנטום מיט דעם פאַרבאָט צו עסן אַן איי?

איך פלעג אָפט אַרויסנעמען אַ גמרא, פּרוּוון אַריינבליקן אין איר. עס איז ניט שווער געווען, נאָך אַ פּאָר פּרוּוון, ווידער צו „כאַפּן דעם שניט" אין „לערנען אַ בלאַט גמרא", אָבער אַלץ וואָס איך פלעג פאַר-שטיין פון אַ וועלכן עס איז „דף", איז ווידער געווען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די שאַלעכץ פון דער זעלביקער אויסגעבלאָזענער איי. איך

האָב צופעליק אַרויסגענומען דעם „שאגת אריה״, אויפגעמישט דעם פּיל־פּול וועגן דער שאלה, „איטר יד ימינו״, אויף וועלכער האַנט דאַרף לייגן תפילין אַ געלינקטער, — מיין „דרשה״ צו דער בר־מצווה. ווידער די זעלביקע אויסגעדראָשענע שטרוי.

צווישן די, לויטן פֿאָרמאַט, קלענערע ספרים האָבן זיך שוין געפונען אויך „היינט־וועלטיקע״ זאַכן, פון ניט קיין גרעסערן נוצן פאַר מיר, אַ חוץ איין־איינציקן ספר, וואָס האָט פאַר מיר געהאַט גאָר אַ גרויסן באַ־טייט. דאָס איז געווען דער צווייטער באַנד פון ווייסעס „דור דור ודורשיו״. דאָרטן האָב איך געפונען אַ פּרוואו, צו דערקלערן די אַנטוויקלונג פון דער תלמודישער געזעצגעבונג דורך ריין־וועלטלעכע, ווען אפילו איינזייטיק גייסטיקע, מאָטיוון. דאָרטן — אויך דעם געדאַנק, אַז דער אַנטאַגאָניזם צווישן יידנטום און קריסטנטום דאַרף געזוכט ווערן אין דער פאַרשיי־דענער שטעלונג צו דעם יידישן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם, צו דער דער־האַלטונג פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, און אַז אַט דאָס שטרעבן איז געווען די טרייבנדיקע קראַפט, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ היפּשע צאָל דינים און מנהגים. עס איז אויך קלאָר אָנגעמערקט גע־וואָרן די ראָלע, וואָס דערביי האָט געשפּילט די יידישע סאָציאַלע עטיק, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ גאָר באַטייטנדיקער הייך, אין פאַרגלייך מיט דער עטיק פון די גריכן און די רוימער. אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער פּאַראַלעל, וואָס ווייס פירט דורך צווישן דער יידישער און רוימישער געזעצגעבונג וועגן די שקלאַפן. אין ווייסעס בוך האָב איך צום ערשטן מאָל גענומען שפּירן אַ פעסטערן באָדן אונטער די פיס.

און נאָך אַנדערע ווערק, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער יידישער געשיכטע, האָב איך אין יענער צייט דורכגעלייענט, טיילס צום ערשטן מאָל, טיילס שוין באַקאַנטע פון פריער. דאָ זאָלן פון זיי דערמאָנט ווערן נאָר יענע, וואָס האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זיכרון, ווייל זיי האָבן אַריינגעטראָגן אַלץ מער און מער ליכט אין יענעם חושך, וואָס האָט ביי מיר געהערשט וועגן דעם אַלט־יידישן לעבן, און האָבן מיר גע־האָלפן פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די יידישע פּראָבלעמען פון דעם היינט.

אין דער ערשטער ליניע דאַרף איך דאָ דערמאָנען אַן אַרטיקל וועגן דער אַלט־יידישער געשיכטע, געשריבן פון ניט קיין קלענערן מאַן, ווי ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי אין די „פאָטערלענדישע אַנאַלן״ („אָטיעטשעסטווענ־ניאַ זאַפּיסקי״) פאַר דעם יאָר 1879. גראָד אַרום יענער צייט איז אַט

דער זשורנאַל פון דעם רוסישן ראַדיקאַלן געדאַנק פאַרמאַכט געוואָרן פון דער רעגירונג, און עס איז אַרויס אַ פאַרווער צו האַלטן די אַלטע ביכלעך פון דעם זשורנאַל אין די עפנטלעכע ביבליאָטעקן. מיין ברודער, באָריס, האָט אָפּגעקויפט אַלע געגנג „אַנאַלן״ פון אַן עפנטלעכער ביבליאָטעק. בלעטערנדיק אין זיי פון צייט צו צייט, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרעסערן אַרטיקל: „אַ נייער היסטאָריקער פון דעם יידישן פאָלק״, אונ־טערגעשריבן מיט די פאַר אונדז אַזוי טייערע איניציאַלן: „נ. מ.״. דאָס איז געווען אַ באַריכט וועגן זש. קאָהאַנס צוויי בענדיקער אַרבעט: „ליע פאַריסיאַן״ (די פאַריסייער, די „פרושים״), — אַ באַריכט און מיכאַילאָוו־סקיס אייגענער קאָמענטאַר צו די אויספירן פון דעם מחבר.

מיכאַילאָווסקיס אַרטיקל איז געשריבן געווען מיט אַ באַזונדער וואַ־רעמקייט צו דעם יידישן פאָלק, וואָס האָט שוין אַזוי פיל באַרייכערט די גייסטיקע אוצרות פון דער מענטשהייט און איז אַזוי מסוגל זיי נאָכמער צו באַרייכערן. אין דער געשיכטע פון דעם בית־שני און פון דער „פרו־שים״־פאַרטיי, אָט דער, וואָס האָט אָוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער תלמודישער גייסטיקער געזעצגעבונג, זעט מיכאַילאָווסקי אַ מין פאָרבילד פאַר דער מאָדערנער אייראָפּייאישער געשיכטע. דער פּראָגרעסיווער ליבע־ראַל קאָהאַן באַטראַכט דעם רעליגיעזן קאַמף פון די „פרושים״ אַנטקעגן די „צדוקים״, ווי אַ ריין פּאָליטישן קאַמף פון דער דעמאָקראַטישער בורזשוי־אַזיע אַנטקעגן דער קאָנסערוואַטיווער אַריסטאָקראַטיע. מיכאַילאָווסקי שטעלט אָוועק יענעם קאַמף אין דער באַלייכטונג פון אַ ריין סאָציאַליסטישן געשיכטס־באַנעם, און באַווייזט, ווי אַזוי די יידישע אַרבעטאָרערישע מאַסן האָבן, ווי שפּעטער די אייראָפּייאישע, זיך פריער געלאָזט פירן פון דער בורזשואַזיע און דערנאָך זיך געמוזט פונאַנדערגיין מיט איר און אַרויפ־גיין אויף אייגענע וועגן. אין דער בורזשואַזיע גופא שטרייכט מיכאַילאָוו־סקי אונטער די גרעסטע נאָענטקייט פון די בית־שמאי צו די אַרבעטאָרע־רישע מאַסן און זייערע אינטערעסן. עס ווערן דערביי געוואָרפן גאַרבן ליכט־שטראַלן אויף דעם קלאַסן־קאַמף אין יענער צייט, און עס ווערט איינעם קלאָר, אַז די רעליגיעזע קאַמפן זיינען געווען נאָר אַ מאַנטל, אין וועלכן עס האָבן זיך איינגעקליידט די דאַמאָלסטיקע סאָציאַלע און פּאָלי־טישע אַנטאַגאָניזמען און קאָנפליקטן. ווי אין ווייסעס „דור דור ודורשיו״ איז אויך דאָ בולט אַרויסגעטראָטן דער וועלטלעכער תוך פון דער יידי־שער רעליגיעזער געשיכטע. אָבער בעת ווייס האָט יענעם וועלטלעכן תוך אויפגענומען רייך־אינטעלעקטואַליסטיש, — שיר ניט ווי אַ קאַמף פון פאַרשיידענע שיטות אין לאָגישן דענקען און פאָרשן, — איז פאַר

מיכאַילאָווסקין דער אינעווייניקסטער תוך באַשטאַנען אין די רעאַלע לעבנס־אינטערעסן פון די פאָלקס-מאַסן און די פאָלקס־קלאַסן.

דער זעלביקער אינעווייניקסטער תוך פון דער אַלט־יידישער געשיכ־טע האָט צו מיר קלאָר געדעדט אין אַ קליינער רוסישער בראָשור, אַן איבערזעצונג פון אַ פּאָר קאַפּיטלען פון רענאַנס „געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק", אונטער דעם נאָמען, ווי מיר געדענקט זיך: „פּאַדיעניע יערו־סאַלימאַ" („דער חורבן בית שני"). לייענענדיק אָט די קליינע אַרבעט, האָב איך געטעמט די זעלביקע היסטאָרישע שטורעם־לופט, וואָס האָט גע־הערשט אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789.

צום צווייטן מאָל האָב איך דעמאָלט איבערגעלייענט בערשאַדסקיס „ליטאָווסקיע יעווריעי" („די ליטווישע יידן"), אָרשאַנסקיס „יעווריעי וו' ראָסיאי" („די יידן אין רוסלאַנד") און וו. פּאָרטוגאַלאָווס „זנאַמענאַטעלניע דוויזשעניאַ וו' יעווריעיסטווע" („כאַראַקטעריסטישע באַוועגונגען אין דער יידנשאַפט").

אויך בערשאַדסקי (אגב, אַ קריסט, וואָס איז צוגעטראָטן צו דער יידישער געשיכטע ווי אַן אַנטיסעמיט, און איז אין דער לויף פון זיין פאָרשונגס־אַרבעט געוואָרן אַ פריינט פון אונדזער פאָלק) שטרייכט אונ־טער אין זיין גרויסן ווערק די קלאַסן־קאַמפן פון אָרעם און רייך, וואָס פלעגן זיך אָפּשפּיגלען אין דעם יידישן קהל, און — וואָס עס איז פאַר מיר געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט, — די ראָלע פון פרומע רבנים, וואָס האָבן כמעט תמיד געהאַלטן מיט דער יידישער אָרעמקייט און פאַרטיי־דיקט אירע אינטערעסן. אָרשאַנסקיס עטיוד וועגן דער חסידות („אַ כאַ־סידיזמע") האָט ווידער געדעדט וועגן דעם דעמאָקראַטישן פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון יענער גרויסער און לעצטער רעליגיעזער באַוועגונג ביי אונדזער פאָלק. פּאָרטוגאַלאָוו האָט כאַראַקטעריזירט די ניי־אויפגעקומענע באַוועגונג פון דער „דוכאָוונאַ־ביבלייסקאַיע בראַטסטוואָ" („די גייסטיק־ביבלישע ברודערשאַפט"), ווי אַ שטרעבן פון דער יידישער יוגנט אָפּצו־טרייסלען זיך פון דעם תלמודישן פעריאָד און פון דעם בורזשואַזן לעבנס־פיר און אריבערצוגיין צו אַן אַרבעטאָרערישן לעבן, אַ דורכגעדרונגענעם מיט די סאָציאַל־עטישע אידעאַלן פון די אַלטע יידישע נביאים.

אָרשאַנסקיס און פּאָרטוגאַלאָווס אַרבעטן זיינען אָבער געווען דורכ־געדרונגען פון אַן אַסימילאַטאָרישן גייסט, וועלכן איך האָב באַטראַכט פאַר דעם אַבסאָלוט שעדלעכסטן אין אונדזער לעבן. ביי אָרשאַנסקין איז אין צענטער געשטאַנען דער „פּראָבלעם" פון „אָברוסעניע" („רוסיפי־

צירונג״), פון פאַרוואַנדלען יידן אין רוסן; ביי פּאָרטוגאַלאָוון — דער קאַמף אַנטקעגן יעדן נאַציאָנאַליזם בכלל.

אין וויטעבסק וואָלט איך דאַמאָלט אויך געקאָנט קריגן אַ היפּש ביסל ביכלעך פון דער „יעוורעיסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ״ („יידישע ביבליאָטעק״) און פון דעם חודשדיקן „וואָסכאָד״. די „יעוורעיסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ״ איז אָבער ביי מיר געפּסלט געוואָרן אַ דאַנק אַ זייער קאַלטער רעצענזיע אויף איר ערשטן באַנד, אויף וועלכער איך האָב מיך אָנגעשטויסן אין די זעלביקע אַלטע ביכלעך פון די „פּאַטערלענדישע אַנגאַלן״. דער רעצענזענט שטעלט אַוועק אַ פּשוטע שאלה: פאַר וועמען גיט מען דאָס אַרויס? אויב פאַר רוסן, זיינען דאָך דאָ גענוג ערנסטע רוסישע זשורנאַלן פאַר די ערנסטע אַרטיקלען פון דער „ביבליאָטעק״. אויב אָבער פאַר יידן, היינט פאַרוואָס אין רוסיש? פאַרוואָס ניט אין יידיש? — איך האָב דעמאָלט ממש אָנגעקוואָלן פון אַזאַ ריכטיקער און ערלעכער שטעלונג צו דער רוסיש־יידישער זשורנאַליסטיק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די „אַברוסיעניע״, צו וועלכער די רוסיש־יידישע זשורנאַליסטיק האָט געשטרעבט, איז ניט גאָר צום האַרצן די סאָציאַליסטישע „פּאַטערלענדישע אַנגאַלן״. שרייבן אין רוסיש דאַרפן מיר טאַקע אי פאַר די רוסן, אי פאַר דער רוסיפיצירטער יידישער אינטעליגענציע, אָבער ניט צוליב „אַבּ־רוסיעניע״ און „אַסימילאַציע״, נאָר צוליב דעם קאַמף אַנטקעגן זיי פאַר אַן אייגענעם יידישן לעבן. מהאי טעמא האָב איך אויך געפּסלט דעם „וואָסכאָד״. עס לוינט זיך ניט צו פּטרן צייט אויף שטודירן די ליטעראַטור פון אָט דעם בורזשואַז־ליבעראַלן לאַגער אונדזערן! — אַזוי האָב איך דעמאָלט, אין מיין איינזייטיקן, נאַאיוון ראַדיקאַליזם געטראַכט.

ווען איך טראַכט איצטער וועגן מיינע גייסטיקע איבערלעבונגען פון יענער צייט, אַרויסגערופענע פריער אַ דאַנק מיין וויכוח מיט דעם זיידן און דערנאָך — דעם צוריקוויז פון דעם נאַראָדאַוואָלישן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, — איבערלעבונגען, וואָס האָבן דערוועקט אין מיר אַזאַ הייסע תשוקה באַקאַנט צו ווערן מיט דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, — פרעג איך מיך: פאַרוואָס איז דעמאָלט, אונטער דער ווירקונג פון די דורכגעלייענטע ווערק ניט אויסגעוואָקסן אין מיר דער באַשלוס אַוועק־צוואַרפן אינגאַנצן די פּאָליטיק מיט אַלץ מיט אַנאַנדער און זיך אַ נעם טאָן פאַר דער באַאַרבעטונג פון דער יידישער געשיכטע מיט די מעטאָדן פון דער מאָדערנער, דער סאָציאַל־פּאָליטישער געשיכטס־פאָרשונג? מיר נייטיקן זיך דאָך אין אַזאַ געשיכטע נאָך עד היום! דער ענטפער איז: ווייניקער פאַר אַלץ האָב איך געקוקט אויף זיך ווי אויף

א „קאַבינעטנעם" פאָרשער. אויפגעצויגן אין אַ פעריאָד פון שאַרפן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף, איז אַלץ פאַר מיר געשטאַנען אין דעם ליכט פון דיינע אינטערעסן און פּראָבלעמען. און קלאָר ווערן האָב איך דעמאָלט געוואָלט ניט סתּם אין דער יידישער געשיכטע, נאָר אין איין־איינציקן פּראָבלעם: דעם געשיכטלעכן גורל פון דער סאָציאַלער פּראַגע ביי אונדזער פאָלק און די ווירקונג, וואָס דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, אויף וועלכער ווייס האָט געלייגט אַזוי פיל געוויכט, האָט געהאַט אויף יענעם גורל. און קלאָר ווערן דערין האָב איך געוואָלט פאַר מיין אייגענעם געברויך אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַסימילאַטאָרישקייט פון די יידישע סאָציאַליסטן.

אָט דאָס איז געווען דער צווייטער וויכטיקער מאָטיוו, וואָס האָט מיך געצויגן קיין פּעטערבורג.

58

איך וויל פאָרן קיין פעטערבורג און פאַר גאָר קיין ריגע

פאָרן קיין פעטערבורג און לעבן דאָרט, כדי צו אַרבעטן אין דער קייסערלעכער ביבליאָטעק, דאַרף קאָסטן געלט. און קיין געלט האָב איך ניט געהאַט. די פיקציע פון מיין כלומרשטיקער בוכהאַלטעריע פאַרן פאָטער איז געווען אַ כלומרשטיקער אָפּצאָל פאַר מיין לעבן אין דער היים. פינאַנצן פאַר פעטערבורג האָב איך געדאַרפט באַקומען אַלץ טאַקע פון די עלטערן, און דאָס איז געווען אָפּהענגיק דערפון, צי מיין פאָטער וועט מסכים זיין אויף דעם פּלאַן. גראָד דעמאָלט האָב איך גוט דער־פילט דעם טעם פון עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט און האָב באַשלאָסן צו פאָרן סיי־ווי־סיי — אפשר מיט אַ הלוואה ביי מיין ברודער אָדער ביי פאַרמעגלעכע פריינד — און זיך ווי עס איז דורכשלאָגן. אָבער פריער דאַרף מען אַ פּרוואו טאָן, צי וועט דער פאָטער ניט זיין סימפּאַטיש גענייגט צו מיין פאַרלאַנג און וועט ניט וועלן נעמען די הוצאות אויף זיך.

אויף די יום־טובים זיינען מיינע עלטערן און ברידער געקומען אַהיים, און מיר האָבן זיי, — די יום-טובים, מיין איך, — אַלע פאַבראַכט אי פיין־יידישלעך, אי — די עלטערע קינדער — דורכאויס פריי: אין שול בין איך געווען נאָר איין מאָל, שמיני־עצרת צו הקפות. עס האָט זיך שוין דעמאָלט געגומען איינשטעלן אין דער היים אַ רעזשים פון ווייטגיי־ענדיקער טאָלעראַנץ. פרומקייט און „יידישקייט״ זיינען געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, אַ „פּריוואַט זאַך״, אין וועלכער קיינער איז קיינעם ניט געווען אין וועג, אויב נאָר דער דרויסנלעכער דעקאָרום איז ניט געווען צופיל געשטערט, און אויב מיר — די עלטערע קינדער — האָבן געגומען אַן אָנטייל — בלויז דורך אונדזער דערביי־זיין — אין די היימישע רעליגיע־זע צערעמאָניעס. די עלטערן, דער זיידע און — געדענקט זיך — די שוועסטער ראָזע זיינען געבליבן פרום.

די באַציאונגען צווישן מיר און די עלטערן זיינען דעריבער געווען גאָר אויסגעצייכנטע. און פונדעסטוועגן האָב איך וועגן דעם ענין מיט

דעם פֿאָטער ניט גערעדט. איך געדענק ניט פֿאַרוואָס. ערשט ווען ער איז באַלד נאָך יום-טוב צוריק אַוועקגעפֿאָרן קיין ריגע, האָב איך אים אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז מיר ווילט זיך זייער שטודירן די געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק, און אַז צוליב אָט דעם צוועק וואָלט די בעסטע זאַך געווען, איך זאָל אַ געוויסע צייט וואוינען אין פּעטערבורג. איך האָב אויך ניט פֿאַרגעסן צו בעטן אים, ער זאָל מיר ענטפֿערן וואָס-גיכער, ווייל אויב איך קאָן אין דעם פּרט ניט האָפֿן אויף זיין הילף, וועל איך מוזן זוכן אַן אַנדער אויסוועג.

דער פֿאָטער האָט מיר געענטפֿערט, אַז ער קאָן נאָך ניט באַשטימט צוזאָגן זיין הילף און שלאָגט מיר פֿאָר, איך זאָל קומען צו אים קיין ריגע, וואו איך וועל זיין אַ גוטער גאַסט אי ביי אים, אי ביי אונדזערע דאָרטיקע קרובים. וועלן מיר זיך קאָנען גוט דורכשמועסן וועגן מיינע פּלענער. אַזאַ אָנבאָט האָב איך אָנגענומען מיט דער גרעסטער שמחה. איך בין געווען מער ווי זיכער, אַז פֿון ריגע וועל איך פֿאָרן קיין פּעטערבורג. אויב ניט אויפֿן טאַטנס חשבון, איז מיט דער הילף פֿון מיין פֿריינט סאַמוּאיל גורעוויטש, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ סטודענט אין ריגער פּאָליטעכניקום. אויך מיין צווייטער יוגנט-פֿריינט, באָריס ריינוס, האָט דאָרטן געשטודירט, און אויך מאַריאַ ריינוס האָט זיך דעמאָלט אויפֿגעהאַלטן אין ריגע. זען זיך מיט זיי און ווידער פֿאַרברענגען מיט זיי איז פֿאַר מיר אוודאי געווען אַן אָנגעלייגטער ענין. אַ שאָד נאָר, וואָס דער פּערטער צום יוגנט-בונד וועט פֿעלן דערביי: מיין פֿריינט שלמה-זאַוול ראַפּאַפּאָרט (אַנסקי), וואָס מיינע באַציאונגען צו אים האָבן זיך איבערגעריסן, אַ דאַנק מיין יידישן נאַציאָנאַליזם. ס'קאָן זיין, אַז ווען מיר וואָלטן איצטער געווען אינאיינעם, ווען מיין „יידישקייט" האָט אָנגענומען אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, וואָלט ער מיך בעסער פֿאַרשטאַנען. און אפֿשר אויך איצטער ניט. צו שטאַרק אַסימילאַטאָריש, רוסיפֿיקאַטאָריש איז ער, ווי די אַנדערע יידישע פֿריינד מיינע, געווען געשטימט. און צו אינטענסיוו איז געווען מיין אינעווייניקסטער פּראָטעסט אַנטקעגן אָט דער ריכטונג. ניט ווייניקער און אפֿשר נאָך מער שטאַרק, איידער דער פּראָטעסט אַנטקעגן דעם יידישן „נאַציאָנאַליזם", דעם פּאַלעסטינאָפֿילנטום.

ווי וואָלטן אַלע מיינע פֿריינד אויפֿגענומען דעם באַשלוס צו שטודירן גאָר . . . די יידישע געשיכטע! געהערט אַן איינפֿאַל פֿון אַ „רעוואָלוציאָנער"? און זאָל דאָס זיין — נאָר די געשיכטע פֿון דער סאָציאַלער פֿראַגע ביי דעם יידישן פֿאָלק. צוליב וואָס שטודירן זי? כדי צו קעמפֿן

אַנטקעגן דער יידישער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענציע! — אַ שיינער משא ומתן!

עס איז דעריבער געבליבן ביי מיר, איך זאָל מיט מיינע יוגנט־פריינד גאָר ניט ריידן וועגן דער יידישער זייט פון מיינע באַשטרעבונגען. איך וועל פריער אַ טאַפּ טאָן זייער דופק; און אויב עס שלאָגט נאָך ביי זיי אַ רעוואָלוציאָנערע אָדער, וועלן מיר רעדן וועגן די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, און וואָס מען דאַרף איצטער טאָן.

זייענדיק זיכער, אַז פון ריגע וועל איך פאָרן קיין פּעטערבורג, האָב איך מיינע פּלענער מיטגעטיילט קאַליאַ לאַכאַוו. אויך אים איז דאָס זייער געפעלן געוואָרן. נאָך דוכאָוויטשעס פאַרשיקונג איז אונדזער קליינע באַוועגונג אין וויטעבסק כמעט ווי אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן. מען דאַרף טאַקע זען וואו דאָס האַלט אין די גרעסערע צענטערן. אין פּעטערבורג איז פאַראַן אַן ערנסטע נאַראָדאָוואָלישע אָרגאַניזאַציע, און ער, קאַליאַ, איז גרייט צו פאַרבינדן מיך מיט איר. האָט ער מיר טאַקע געגעבן אַ פּאָר וויכטיקע אַדרעסן און צוגעזאָגט צו לאָזן וויסן די אַדרעסאַטן וועגן מיין קומען, ווי נאָר איך וועל אים פון ריגע מודיע זיין, אַז איך האַלט ביים אָפּפאָרן.

אין ריגע האָט מיך דער פאָטער באַגעגנט אויפן וואָקזאַל און געבראַכט צו זיך אַהיים, אין אַ קליינער וואוינונג פון צוויי צימערן. עסן פלעגן מיר גיין צום פעטער „זיאַווען״, דעם זעלביקן זאַנוועל ריינוס, וועלכער פלעגט זיך אויפהאַלטן גאַנצענע חדשימווייז אין אונדזער שטוב און האָט אַמאָל, — אויב די לייענער געדענקען, — געפירט העפטיקע וויכוחים מיט מיין לערער, בראַווע, וועגן גאָט און מאַטעריאַליזם. איצט האָט ער זיך מיט דער מומען באַזעצט אין ריגע: אַן אַלטער־אַלטער ייד, לעבנדיק גאָט ווייסט פון וואָס. זיין טאָכטער, מאַריאַ, איז געווען אַנגעשטעלט ווי אַ „גואוורנאַנטין״ אין דער רייכער פאַמיליע פון מיין פאַרשטאָרבענעם פעטער, מאיר זעליק וויינשטיין.

די ערשטע טעג זיינען אַריבער אין מאַכן וויזיטן, אין זען זיך מיט קרובים און פריינד. אויך דער פאָטער איז געווען געשעפטלעך זייער פאַרנומען, אַזוי, אַז מיר פלעגן זיך זען אָדער נאָר שפּעט ביינאַכט, ווען מיר פלעגן קומען אַהיים, יעדערער פון זיינע „עסקים״, אָדער ביים פעטער „זיאַווען״, ווען איך פלעג קומען אויף אַ מאָלצייט.

דער פעטער זיאַווע האָט מיך אַלעמאָל געאינטערעסירט. דאָס מאָל האָב איך אים קוים דערקענט: אַזוי אַלט און ווייס איז ער געוואָרן.

ער איז אָבער נאָך פאַרבליבן אַ גרויסער פקח, הגם אַ היפּש ביסל אויס־געוועפּט, מיט דערזעלביקער שאַרפער וויציקער צונג — אַ פאַמיליע־שטריך פון די מערסטע רייִנוסעס, מיט וועלכע איך האָב מיך געטראָפן אין לעבן. אויך דאָס מאָל האָט ער ווי געזוכט אַ געלעגנהייט צו לאָזן מיר פילן זיין בייסנדיקן סאַרקאַזם; איך פלעג אָבער אַלעמאָל אויסמיידן אַריינצו־לאָזן זיך מיט אים אין אַ לענגערן שמועס. פלעג אפילו ניט מיען זיך צו ענטפערן מיט אַ שטאָך אויף זיינע שטאָך־ווערטלעך, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען געצילט אין די „היינטוועלטיקע”, אין דער יידישער יוגנט, מיט אירע „פאַרדרייטע מוחות”. גערעדט פון די שטאָך־ווערטלעך האָט צו מיר אַ שטאַרק־רעאַקציאָנערער גייסט, וואָס האָט ניט געוואָלט מאַכן קיין קאָמפּראָמיסן מיט דער נייער וועלט אין קיין איינציקן פרט: דער פעטער זיאַווע איז געווען פונקט דער היפוך פון מיין זיידן.

איינמאָל זיינען מיר געזעסן אינאיינעם באַלד נאָך וואַרמעס. מיין פאָטער איז אויך דערביי געווען. דער פעטער האָט גענומען פון טיש אַ ציישונג און האָט זיך דירעקט געווענדט צו מיר:

— חיים, האָסט שוין געלייענט די היינטיקע ציישונג? ווי געפילט דיר די אַמעריקאַנער „סטאַטשקע”?

די ציישונג „נאָוואָסטי” פון יענעם טאָג האָב איך שוין געהאַט גע־לייענט. אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַמעריקע האָט באַריכטעט וועגן אַ גרויסן סטרייק, וואָס איז אויסגעבראָכן אין די שטאַטן.

— געלייענט, — האָב איך געענטפערט קיל.

אָבער גראָד פון דעם קאַלטן ענטפער האָט זיך מיין פעטער ווי אָנגעצונדן.

— ס'איז דאָך אַן אמתע גאַזלאָוואַניע! נעמען און אַוועקוואַרפן די אַרבעט אין רעכטן מיטן, ביי אַזאַ גרויסן געשעפט! מען האָט זיך דאָך געשטעלט אַרבעטן אויף אַן אָפּמאַך! און אינמיטן דערינען — אַ כאַפּ פאַרן גאָרגל און געוואָרגן. ווי קומט דאָס אויס על פּי אייער יושר?

אויף אָט דער דירעקטער פראַגע האָב איך געמוזט אַרויס מיט לשון. איך האָב שוין געוואָלט דערקלערן ווי דאָס קומט אויס על פּי „אונדזער” יושר. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער פאָטער, איבער וועמעס פּנים עס איז גלייך דורכגעלאָפן אַ טונקעלער וואָלקן, ווי נאָר איך האָב אַרויסגערעדט די ערשטע פּאָר ווערטער.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער זיך געווענדט צום פעטער, — עס איז דאָך אַ געשעפט מיט קאָנטראַקטן. אויב זיי האָבן געבראָכן דעם קאָנטראַקט, טאָ פאַרוואָס שלעפּט זיי ניט דער באַלעבאָס צום געריכט?

אלא, מען קאָן זיי ניט פאַרקלאָגן — האָט דאָך דער באַלעבאָס געוואוסט אויף וואָס ער גייט. אויף זייער „יושר" האָט ער זיך פאַרלאָזן? ס'איז דאָך אַ געשעפט. וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט יושר? וואָדען? ווי ביי „פּאָניען"? תיכף געלאָפן צום פּאָליציי-מייסטער . . .

— הייסט עס „כל דאלים גבר" (ווער עס איז שטאַרקער האָט די אויבערמאַכט)? — האָט אים געפרעגט דער פעטער.

— ווי אין אַלע געשעפטן — האָט אים דער פאָטער געענטפערט מיט אַ געלעכטערל, וואָס איז מיר גאָר ניט געפעלן געוואָרן, און האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש. דאָס געלעכטערל איז מיר ניט געפעלן געוואָרן דערפאַר, ווייל מיר האָט זיך געדוכט אין אים אַ חוזק-מאַכן פון אַלע אָרטן „יושרס", וואָס ווילן זיך אַריינמישן אין „געשעפטלעכע" ענינים.

דער פעטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אויך איך האָב געשוויגן, האָב אָבער אינעווייניק שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם צעווערטלען זיך צווישן פאָטער און פעטער. זיי בײדע האָבן דעמאָלט פאַר מיר פאַרגעשטעלט צוויי לעבעדיקע טיפּן פון דער אַלטער וועלט, אַנטקעגן וועלכע עס ווערט געפירט דער סאָציאַליסטישער קאַמף: דער פעטער, דער שטרענגער רעד-אַקציאָנער, מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישן בליק אויף דעם באַלעבאָס, ווי אויף דעם חיונה-געבער, און אויף די אַרבעטער, ווי אויף זיינע „מענטשן", וואָס דאַרפן אים דינען געטריי. מיין פאָטער — אַ מאָדערנער קאַפּיטאַליסט, אַ געשעפטסמאַן, מיט די גרונט-פּרינציפּן: „וואָס וועמען עס לוינט" און — „לויט דעם קאָנטראַקט-געזעץ". צוויי געשיכטלעכע עפּאָכעס זיינען געזעסן פאַרקערפּערטע פאַר מיר, און איך בין דערביי, ווי אַ שטרעבן צו דער דריטער, דער צוקונפטיקער. דריי דורות, דריי פאַרשיידענע וועלט-אַנשויאונגען אין איין משפּחה, ביי איין טיש. אָבער איז דער פעטער זיאַווע טאַקע דער אמתער רעפּרעזענטאַנט פון דער אַלט-פרומער וועלט? און וואָס איז מיט מיין זיידן? איז ער נאָר אַ זעלטענער אויסנאַם? אפשר. מיין זיידע האָט נאָך פאַרט געלעבט אין דער ספערע פון אייגענער אַר-בעט. איז ביי אים די נשמה פון דער אַלט-פרומער וועלט ניט אַזוי פאַר-הויקערט געוואָרן, ווי ביים פעטער און ביים פאָטער, וועלכע האָבן פון קיין אַנדער עקאָנאָמישן לעבן, וואָס איז ניט מקח וממכר, ניט געוואוסט.

דער קליינער צונויפשטויס האָט אָבער אויך פאַרשטאַרקט אין מיר מיין אָפּמאַך מיט זיך אַליין: איך זאָל ביים „דורכשמועסן זיך" מיטן פאָטער מיט קיין וואָרט זיך ניט אַרויסכאַפּן, וואָס האָט אַ וועלכע עס איז שייכות צו סאָציאַליזם און רעוואָלוציע. איך האָב געזען אין אים אַ מענטשן מיט טיפע סאָציאַל-עקאָנאָמישע, אויב ניט פּאָליטישע איבערצייגונגען,

פונקט דער היפוך פון מיינע. אפילו וועגן ריין־פּאָליטישע פרייהייטן און יידישער גלייכבאַרעכטיקונג וואָלטן געווען אַרויסגעוואָרפענע רייד מיט אים. ניט וואָס ער וואָלט זיי ניט געוואָלט האָבן, די פרייהייטן מיט דער גלייכ־באַרעכטיקונג, אַדרבה! איך בין זיכער, אַז די וועסט־אייראָפּייאישע און אַמעריקאַנישע פרייהייט איז אויך זיין אידעאַל. אָבער אַזוינס קאָן מען ניט דערוואַרטן אין רוסלאַנד. ניט ביי „פּאָניען״! . . . די שנאה צו דעם רוס האָט, משמעות, נאָך געלעבט אין אים פּונקט אַזוי פריש, ווי אין די פריערדיקע יאָרן . . .

אַ דעבאַטע וועגן חיבת־ציון פאַרזיכערט מיין רייזע קיין פעטערבורג

גלייך ביי מיין קומען קיין ריגע האָב איך זיך געזען מיט מיינע פריינד פון די קינדער־יאָרן, סאַמואיל גורעוויטש און באָריס ריינוס, וואָס האָבןביידע געשטודירט כעמיע אין דעם ריגער פּאָליטעכניקום, און זיי האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ נייעם קרייז באַקאַנטע, זייערע נעענטערע חברים פון דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. צווישן זיי האָט זיך אָבער אויך געפונען מיינער אַ גוטער חבר נאָך פון די טולער יאָרן, אַ קריסט מיט דעם נאָמען קאָלאָסאָוו. מיר האָבן ביידע זיך זייער דערפרייט ביי דעם אומדערוואַרטעטן באַגעגענען זיך.

די שטימונג, וואָס האָט געהערשט ביי אָט דער שטודירנדיקער יוגנט, מיט וועלכער איך בין באַקאַנט געוואָרן, איז געווען אַן ערנסטע און פאַר מיר אַ העכסט סימפּאַטישע. דער פּאָליטעכניקום איז נאָך דעמאָלט געווען אַ ריין דייטשער בילדונג־אַנשטאַלט, מיט אַ מאַיאָריטעט פון באַלטיש־דייטשע סטודענטן, אָרגאַניזירטע אין פאַרשיידענע „קאָרפּאָראַציעס", וואָס האָבן זיך אויפגעפירט, לויט דעם אַלט־איינגעשטעלטן לעבנס־שטייגער פון דער דייטשער סטודענטנשאַפט. קיינער פון מיינע באַקאַנטע האָט צו די דאָזיקע „קאָרפּאָראַציעס" ניט געהערט. די יידישע סטודענטן זיינען געווען אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדער „פאַראיין". די מאַיאָריטעט זייערע איז געווען, דוכט מיר, געניינגט צו דעם פּאַלעסטינאָפילנטום. דער פאַראיין, ווי אַ גאַנצער, האָט אָבער ניט געהאַט קיין וועלכע עס איז אידייאישע פיזיאָנאָמיע און האָט נאָר געדינט די צוועקן פון עקאָנאָמישער זעלבסט־הילף.

קיין רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זיינען דעמאָלט אין ריגע נאָך ניט געווען. על־כל־פנים האָבן ניט איך, ניט מיינע פריינד ניט געוואוסט פון זיי. די מיר באַקאַנטע סטודענטנשאַפט האָט מיט התמדה געשטודירט און געאַרבעט אין די לאַבאָראַטאָריעס און האָט אויך אַרויסגעוויזן אַן ערנסטן וויסנשאַפטלעכן אינטערעס. דאָס איז זיכער געווען,

— ווייניקסטנס, צום גרעסטן טייל, — אַ דאַנק דער לער־טעטיקייט פון דעם הויפּט־פּראָפעסאָר פאַר כעמיע, ווילהעלם אָסוואַלד, וואָס איז שפּע־טער באַרימט געוואָרן ניט נאָר ווי אַ געלערנטער, נאָר אויך ווי אַ באַ־טייטנדיקער פילאָסאָפישער דענקער, ווי דער מחבר פון אַן אייגענער פילאָסאָפישער וועלט־אַנשויאונג, דער „ענערגעטישער". דער „ענער־געטיזם" האָט לחלוטין געלייקנט די עקזיסטענץ פון אַ וועלכן עס איז מאַטעריעלן יסוד אין דעם וועלט־באַשאַף. און ניט צום קליינעם טייל האָט זיין דערפאָלג אין דער פילאָסאָפישער געדאַנקען־וועלט געשטאַמט דערפון, וואָס גראַד אַ ספּעציאַליסט, אַ כעמיקער, וואָס האָט זיין גאַנצן לעבן געהאַט צו טאָן מיט דער „מאַטעריע", מיט אירע פיזיקאַלישע און כעמישע אייגנשאַפטן, האָט אויסגעפונען, אַז אין דער „מאַטעריעלער" וועלט איז די „מאַטעריע" גאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

צי אַט די, מיר באַקאַנטע שטודירנדיקע יוגנט האָט ביז מיין קומען קיין ריגע זיך אויך געאינטערעסירט מיט סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען בכלל און מיט די פּראָבלעמען פון דעם רוסישן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן קאַמף בפרט, ווייס איך ניט. אָבער ווען אין אונדזערע געשפּרעכן זיינען די דאָזיקע פראַגן אַרויפגעשוואומען, האָב איך באַגעגנט ביי איר אי אַ טיפן אינטערעס צו זיי, אי אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צו דער פּאַרטיי „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ".

איך געדענק ניט, ביי וועמען עס איז צוערשט אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז אין ריגע זאָל געגרינדעט ווערן אַ סטודענטישער הילפס־קרייזל פאַר דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". מיר איז דער געדאַנק געווען זייער צום האַרצן. איך האָב זיי צוגעזאָגט, צו באַזאָרגן זיי מיט דער ליטעראַטור פון דער פּאַרטיי, ווי מיט די אונטערערדישע שריפטן בכלל, און זיין דער פאַרמיטלער צווישן זיי און דער רעוואָלוציאָנערער וועלט. איך וואָלט דאָס געקאָנט טאָן צי פון וויטעבסק, ווען איך וואָלט געמוזט מיך אומקערן אַהיים, צי פון פּעטערבורג. איך בין אָבער געווען מער ווי זיכער, אַז איך וועל פון ריגע ניט פאָרן צוריק קיין וויטעבסק.

אין איינעם אַן אָוונט האָט זיך אַט דאָס קרייזל געגרינדעט אין גאָר אַ געהויבענער גייסטיקער שטימונג. עס זיינען דערביי געווען אַ מענטשן צען, צי צוועלף. באַזונדערס האָט מיך געפרייט, וואָס צו זיי האָבן גע־הערט אויך סאַמואיל גורעוויטש און באָריס ריינוס, וואָס זיי האָב איך אַלע מאָל זייער הויך געשעצט און וואָס זייער פריערדיקע דערווייטע־רונג פון דער רעוואָלוציאָנערער ספערע האָט מיך ניט ווייניק פאַר־דראָסן. פון די אַנדערע, וואָס זיינען אַריין אין דעם קרייזל, געדענק

איך קאַלאַסאָוון און נאָך איינעם אַ גורעוויטש פון וויטעבסק, דעם עלטערן ברודער פון סעמיאָן גורעוויטש, דעם שפּעטער גוט באַקאַנטן רוסישן, רעוואָלוציאָנער-געשטימטן זשורנאַליסט, דעם רעדאַקטאָר פון „סמאָלענסקי וויעסטניק". איך מאַריאַ ריינוס און מיין יונגינקע קוזינע, מאַשאַ וויינשטיין, זיינען דערנאָך צוגעשטאַנען צו דעם קרייזל, און די ליטעראַטור פון פּעטערבורג האָב איך געשיקט צו איר.

דערוויילע איז אָבער דער ענין „פּעטערבורג" נאָך אַלץ געהאַנגען אין דער לופטן. די גרינדונג פון דעם קרייזל האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין באַשלוס, ניט אַנדערש פאָרן אַהין. צו די נייע חברים האָב איך אָבער נאָך ניט געוואָלט מיך ווענדן נאָך הילף, ביז איך וועל וויסן, וואו דאָס האַלט מיט מיין פאָטער.

מיר בײדע זיינען געווען די גאַנצע צייט פאַרנומען: דער פאָטער מיט זיינע געשעפטן, איך — מיט מיינע פריינד. צום „דורכשמועסן זיך", צוליב וואָס ער האָט מיך אַרויסגערופן קיין ריגע, האָט זיך פּשוט ניט געמאַכט קיין געלעגנהייט, און איך האָב געדולדיק געוואַרט, ביז ער וועט צוטרעטן דערצו.

איינמאָל אין אַן אינדערפרי, ווען איך בין נאָך געלעגן אין בעט, איז מיין פאָטער אַריין צו מיר, שוין אַן אָנגעטאָנענער אויף אַוועקצוגיין „אין גאַס", און האָט ביי מיר געפרעגט, צי איך קאָן מיך האַלטן פריי אויף מאָרגן, שבת אָוונט, וויל מיר זיינען ביידע איינגעלאַדן צו איינעם אַ הערן קאַפּלאַן. דערביי האָט ער מיר דערקלערט, אַז דער ז. קאַפּלאַן איז דער דירעקטאָר פון דער ריגער תלמוד-תורה, וואָס שטייט גאָר אויף אַ חשובער הייך און ווערט געפירט „אויף דעם עכט דייטשן שניט". דער בעל-דבר איז אויך אַ הייסער חובב־ציון און אַ געהויבענער העברייאישער מחבר, וואָס שרייבט אונטער דעם נאָמען „זקן". ביי קאַפּלאַנען וועל איך מיך מסתמא טרעפן מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן, פון די חשובע יידישע עסקנים אין ריגע.

איך האָב צוגעזאָגט דעם פאָטער, צו גיין מיט אים אַהין, הגם מיר האָט זיך גאָר ניט געוואָלט פּטרן אַן אָוונט אין אַזאַ געזעלשאַפט. אַז אָט דער וויזיט האָט אַ שייכות צו מיין ענין, איז מיר דעמאָלט אויפן זינען ניט אַרויף.

ווען מיר זיינען געקומען צו קאַפּלאַנען, איז שוין די שטוב געווען פול מיט מענטשן. דאָס רוב זיינען געזעסן אַרום אַ לאַנגן טיש, מיט דעם באַלעבאָס אויבן־אָן. מען האָט געטרונקען טיי און געפירט אַן אַלגעמיינעם געשפּרעך. ווען מיר זיינען אַריין און מען האָט אונדז פאַר־

געשטעלט פאַר די מסובים, האָט מען פאַר אונדז געמאַכט פּלאַץ לעבן דעם סאַמע אויבן־אָן. דער געשפּרעך האָט זיך געצויגן ווייטער אין אַ דייטשמערישן יידיש און אין אַן אמתן גוטן דייטש. באַזונדערס האָט צו־געצויגן מיין אויפמערק אַ יונגערמאַן מיט אַ זיידענער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, מיט אַ ברייטער, פיין־צוגעקעמטער שוואַרצער באָרד, אין אַ גע־פּלעטן העמד מיט אַ גרויסן שוואַרצן „שניפּס". מען האָט אים אונדז פאָרגעשטעלט ווי דעם לערער פון דער תלמוד-תורה. ער פלעגט ניט איינזיצן אויף אַן אָרט. פלעגט צוגיין אָט צו דעם, אָט צו יענעם פון די מסובים, גערעדט הויך אויפן קול, געוויצלט זיך, געוואָרפן מיט תורה־ווערטלעך און אָפּט געלאַכט. ביים רעדן פלעגט ער זיך אָפּט שאָקלען, ווי ביים דאַוונען. ער האָט אָבער גערעדט אַ שיינעם ליטעראַרישן דייטש. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דאָ געזען פאַר זיך די אויסטערלישע קאָמבינאַציע פון אַ יאַרמלקע, אַ לאַנגן ראָק איבער די קני, תורה־ווערטלעך, יידישע מאַניערן, אַ געפּלעטע העמד און — אַזאַ וואונדערשיינעם דייטשן לשון.

דער געשפּרעך האָט זיך אַרומגעפּלאָטערט אַרום מיר אומבאַקאַנטע נעמען, אומבאַקאַנטע אָרטיקע פּאַסירונגען, און ווען אַרויף אויף אַ וועלכן עס איז אַלגעמיינעם ענין, האָט זיך פון אים געטראָגן אַזאַ פאַרשימלטער, רעליגיעז־אָרטאָדאָקסישער, שאָוויניסטיש־חובבי־ציוניסטישער גייסט, אַז איך בין געזעסן די גאַנצע צייט, ווי אַ פאַרגליווערטער. עס האָט ביי מיר גאָר קיין ברעקל חשק ניט געקאָנט זיין, אַריינצופאַלן מיט מיינע באַמער־קונגען אין אַזאַ, מיר לגמרי פרעמדער און אידייאיש־פיינטלעכער מסיבה.

ערשט ווען עס איז געוואָרן היפּש שפּעט, האָט דער עולם זיך גע־נומען אויפהייבן אַוועקגיין. דעם פאָטער און מיך האָט דער באַלעבאָס פאַרהאַלטן אויף עפּעס צובייסן.

ווען מיר זיינען געבליבן זאַלבעדריט, האָט קאַפּלאַן גענומען וועגן עפּעס רעדן צו דעם פאָטער, דערקלערן אַ פּאָר ענינים, וועגן וועלכע מען האָט גערעדט ביים טיש, און האָט דערביי געמאַכט די באַמערקונג מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן: „איר ווייסט דאָך, „גם אויל מחריש חכם יחשב" („אויך אַ נאַר, אַז ער שווייגט, קאָן אַראָפּגיין פאַר אַ חכם")". דאָס איז זיכער געווען אַ שטיינדל אין מיין גאָרטן, ווייל איך האָב די גאַנצע צייט געשוויגן. צו מיין גענוג גאַליקער שטימונג האָט דאָס צוגעגעבן נאָך אַ היפּש ביסל ביטערקייט. איך בין געוואָרן אין כעס, געשפּירט, ווי איך ווער רויט, און האָב באַשלאָסן, שוין אויסצוהאַלטן מיט מיין שטומעניש ביזן סוף.

אָבער אָט האָט דער באַלעבאָס אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף דער חובב־ציון באַוועגונג און האָט זיך פלוצלונג אָ ווענד געטאָן דירעקט צו מיר אין רוסיש, מיט דער פראַגע, וואָס איך האַלט פון דעם פּאַלעסטינאָ־פילנטום. פון אַזאַ דירעקטער פראַגע האָב איך זיך ניט געקענט אַרויס־דרייען, און בין אַרויס מיט מיין מיינונג, גאָר ניט פּרואוונדיק אפילו צו מילדערן מיינע אויסדרוקן.

— דאָס איז די עקסט-רעאַקציאָנערע באַוועגונג, וועלכע מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן! דאָס איז אַקסאַקאָוו און סואוואָרין, אַריבערגעטראָגן אין דעם יידישן לעבן! אָן ערך מיט אַזעלכע רייד האָב איך אָנגעהויבן מיין דערקלערונג. אַקסאַקאָוו, אַ באַרימטער סלאַוואָ-פיל און אַנטיסעמיט פון יענער צייט, האָט קאַפּלאַנען געמוזט זיין גוט באַקאַנט. איך האָב גע־צויגן אַ פּאַראַלעל צווישן דעם סלאַוואָ־פילנטום און דעם פּאַלעסטינאָ־פילנ־טום, און דאָס וואָרט „אַקסאַקאָווטשינאַ” און „יוזאָווטשינאַ” האָט זיך עטלעכע מאָל דורכגעוואָרפן אין מיין היציקן, אויפגערודערטן ענטפער אויף זיין פראַגע.

עס איז זיכער געווען געגוג יונגע, נאַאיווע ראַדיקאַלעכץ אין מיינע רייד. אָבער דער סוף זייערער האָט געליגט די הויפּט-וואָג אויף אַ גע־דאַנק, אין וועלכן איך האָב תמיד געגלייבט און וואָס איז נאָך ניט גאַנץ פאַרעלטערט עד היום: אונדזער פאָלק האָט גאָרנישט ניט צו דערהאָפן ניט פון דער אַלט־רעליגיעזער וועלט, ניט פון דער (דעמאָלט) ניי־מאָדי־שער שאָוויניסטישער ראָמאַנטיק, וואָס גייט אַזוי שאַרף להיפוך די פאָ־דערונגען פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס און זיינע אידעאַלן. די תשועה קאָן דעם פאָלק ברענגען נאָר אונדזער „פּראָגרעסיווע”, — גע-מיינט האָב איך: „רעוואָלוציאָנערע”, —יוגנט, וואָס לעבט מיט יענע אידעאַלן, ווייס ווי צו קעמפן פאַר זיי און ווי זיך מקריב צו זיין פאַר זיי. די צרה איז נאָר, וואָס אָט די יוגנט איז אַוועק פון אונדז. אויף וויפיל די אַלטע יידישע וועלט אינאיינעם מיט דעם פּאַלעסטינאָפילנטום שטרייכן אונטער אונדזער כאַראַקטער, ווי אַ פאָלק, בין איך מסכים מיט זיי ביידן, ווייל דאָס איז דער פּשוטער, פאַקטישער אמת. אָבער ניט זיי ביידע קאָ־נען מיט זייערע אידייען און גלייבונגען ברענגען צוריק צום פאָלק אונדזער יוגנט. די עקזיסטענץ פון אונדזער פאָלק דאַרף דאָ גופא, אין דעם גלות־לאַנד, איבערגעבויט ווערן אויף גאַנץ נייע יסודות, סיי עקאָנאָמיש, סיי גייסטיק, אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס. אונדזער יוגנט וועט זיך נעמען פאַר אָט דער אויפגאַבע, ווען

מען זאָל איר אויפווייזן אויף אָט דעם מאָראַלישן חוב אירן, וואָס זי איז שולדיק איר אייגענעם פאָלק.

קאַפּלאַן האָט מיך אויסגעהערט מיט אַ געשפּאַנטן אינטערעס.

— שרייבט איר דאָס ? — האָט ער מיך געפרעגט.

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך אַרבעט דערויף, מיר פעלט אָבער אַ נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט אונדזער געשיכטע, און דעריבער וויל איך פאָרן קיין פּעטערבורג צו אַרבעטן אין דער ביבליאָטעק.

ער האָט זיך ווידער דערקונדיקט, צי ביי מיר איז שוין עפּעס אָנגע־שריבן וועגן דעם. צום גליק האָב איך גענומען מיט זיך קיין ריגע מיינע אַרבעטס־העפטן, וואו איך פלעג אַריינטראָגן טאָג־בוך־אַרטיקע אויפצייכע־נונגען. ס'זיינען דאָרט געווען אַ היפּש ביסל שטעלן סיי פון דער צו־גרייטונגס־אַרבעט פאַר דער רוסישער בראָשור, וואָס די „תשועת ישראל" האָט געזאָלט אַרויסגעבן, סיי באַטראַכטונגען וועגן דער יידישער יוגנט, געשריבן נאָך דעם ענטפער פון דעם „עקזעקוטיוו קאָמיטעט". איך האָב געזאָגט קאַפּלאַנען, אַז אייניקע טיילן זיינען שוין מער אָדער ווייניקער אויסגעאַרבעט.

— אויב ס'איז מעגלעך, וואָלט איך געוואָלט באַקאַנט ווערן מיט זיי.

אָט דאָ ערשט איז מיר אַריינגעפאַלן אין קאָפּ, אַז קאַפּלאַן שפּילט איצט די זעלביקע ראָלע, וואָס דער סמאָלענסקער אַדוואָקאַט גראַד האָט אַמאָל געשפּילט: די ראָלע פון אַן אויטאָריטעט פאַר מיין פאָטער, אויף וועמעס מיינונג ער וואָלט זיך געקאָנט פאַרלאָזן אין אַן ענין, אַן אַבסאָ־לוט פרעמדן פאַר אים.

איך האָב דעריבער געבעטן קאַפּלאַנען, אַז אויב דאָס איז אים ניט שווער, זאָל ער קומען צו אונדז, און איך וועל אים איבערלייענען אייניקע שטעלן.

אויף מאָרגן אין אָוונט זיינען מיר ווידער זאָלבעדריט שוין געזעסן אינעם פאָטערס וואוינונג, און איך האָב געלייענט איינצלנע שטעלן — דער עיקר די שאַרף פּאָלעמישע אָנפאַלן אויף די חובבי־ציון פאַר זייער רעאַקציאָנערן כאַראַקטער און די ביטערע תרעומות צו אונדזער יוגנט פאַר איר אינדיפערענטיזם צום גורל פון אונדזער פאָלק. אייניקע פון אָט די שטעלן זיינען שפּעטער אַריין אין מיין ערשטער רוסישער אַרבעט, אין 1887, און אין מיין „יעווריעי ק'יעווריעאַם" („אַ ייד צו יידן") פון 1892.

—יאָ, — האָט קאַפּלאַן מודה געווען, — דאָס זיינען אַלץ זייער אינטערעסאַנטע ענינים.

ער האָט מיך געגומען אַביסל אַרומטאַפּן, וואָס איך ווייס פון דער יידישער געשיכטע, און האָט מיר געגעבן די עצה, איך זאָל אין פּעטערבורג זיך זען מיט ראַבינאָוויטשן, דעם רעדאַקטאָר פון „רוסקי יעווריי", און מיט אברהם הארקאַווי (הרכבי), דעם ביבליאָטעקאַר פאַר דעם סעמיטישן אָפּטייל אין דער קייסערלעכער ביבליאָטעק. זיי וועלן מיר געוויס העלפן אין דער אַרבעט. צו דעם ערשטן קאָן ער מיר אויך געבן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו.

האָב איך, צו מיין גרעסטער פרייד, שוין געוואוסט, אַז איך פאָר קיין פּעטערבורג אויף דעם פאָטערס הוצאות. און כך הווה! ווי נאָר קאַפּלאַן איז אַוועק, האָט דער פאָטער תיכף גענומען ריידן וועגן דער פּראַקטישער, דער פינאַנציעלער זייט פון דער זאַך. ער האָט געוואָלט, איך זאָל בלייבן נאָך אַ פּאָר טעג אין ריגע, כדי אַביסל צו באַנייען מיין גאַרדעראָב, איך זאָל קומען אין דער הויפּט־שטאָט ווי אַ לייטישער יונגערמאַן. און טאַקע מאָרגן וועט ער שרייבן קיין פּעטערבורג צו אונדזערע קרובים און מחותנים, די ליאַכאָווסקים, אַז איך פאָר אַהין און וועט זיי מודיע זיין מיט אַ טעלעגראַם וועגן מיין אָנקום.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג.